STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09351

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פּרץ

אויפֿזאַצן און פֿעליעטאָנען

מיט דער דערלויבעניש פֿון ב. קלעצקין פֿאַרלאַג, ווילנע

אַרויסגעגעבן פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט“

Published by the Morning Freiheit

---

by permission of
B. Kletzkin Publishers, Poland

PRINTED IN U. S. A.

BY PROMPT PRESS

אינהאַלט

זייט

ליטעראַטור און לעבן	5
איבער שרפות	38
וועגן אידישער חוצפּה	48
ערוב	58
ויכוח	65
די לויה	72
דער פּאַקט און די פּרעסע	80
די באָבע יאַכנע	91
אלהי עד שלא נוצרתי	103
די קראַנקע נערוון	109
גוטע פריינט	118
די נייע באַוועגונג	130
דער טאָג	142
א בריוו אוים וואַרשע	180
אויף א מיטינג	207
פון דער שווערער צייט	214
האָפענונג און שרעק	224
יעקב דינעזאָן	228
אין אייראָפּע און ביי אונז הינטער'ן אויוון	236
געדאַנקען איבער ליטעראַטור	247

ליטעראַטור און לעבן

אַמאָל אין די גוטע יאָרן פלעגן זיין „שדים אויף די בוידעם״; לצים פלעגן אַרומטאַנצן אין די הויפן, נשמות פון עולם הדמיון — האָלץ האַקן אין אַלע וועלדער; פון אַלע חורבות פלעגן רוחות אַרויסשרייען „קוקעריקו״ ווי דער בעסטער האָן, און געשטאָרבענע אַפּיקורסים, אָדער אונטער׳ן פּלאָט באַהאַלטענע דייטשן — אַרומ־לויפן אויף די דעכער בצורת כלב און בילן, און בעטן זיך תקון!

עס איז געווען אַן אמת ראָמאַנטישע צייט, סאַמע שילערישע „הוילע גייסטער״ און מלאכים אפילו האָבן זיך אויך נישט זעלטן באַוויזן! פאַרקערט — זיי פלעגן זיך גאַנץ אָפט צו „יאַוועןֿ״ און פּונקט צו דער ריכטיגער צייט, אָפּצואַווישן דער אַלמנה׳ס טרערן, אויפצוהויבן א יתומה פון גלאַטן אייז... זיי פלעגן טייל מאָל אַפילו זיך צו באַווייזן דעם רשע אין א חלום און אָנזאָגן אים זהיר והזהר, ער זאָל נישט איבערפילן דאָס מעסטל זינד! אויסער דעם — פלעגט אַמאָל אומגעזייט אַרויסוואַקסן אליהו הנביא, אַריינוואַרפן אין אָפּגעקומענעם דאַנציגער סוחר א זעקל געלט דורכ׳ן פענצטער, ענדיגן א שטיקל אַרבעט פאַר א קראַנקן באַלמעלאָכע און גאָר א פּשוט׳ן בטלן — אונטערוואַרפן א כשר׳ע מציאה...

וואָס האָט דעמאָלט א אידן געפעלט?

„מי יאכילנו בשר״*) איז גאָר קיין שאלה נישט געווען. אונ־טער אַלע בריקן האָבן געבלעקט פאַר׳כשופ׳טע קעלבער! געלט? אין אַלע אַלטע קעלער זיינען באַגראָבן געווען אוצרות פון אַמאָ־ליגע קלויסטער, און יעדן פאַרנאַכט האָבן זיך אוצרות באַוויזן.

---

*) „ווער וועט אונז געבן צו עסן פלייש״.

שמחות? זאבאוועס? אין אלע הויפן האָבן קונדייסעוועט לצים, סצענעס געמאַכט: געוואָרפן זיך מיט שאָלן פון אייער און קאַר־טאָפל; פראַסט — צום קראַנק־לאַכן... אויסער דעם איז געוועזן מער ברית'ן ווי היינט, אַנדערע סעודות מצוה'ס ווי היינט! און אין אַלע קרעטשמעס איז געוועזן מוזיק! דאָס האָבן שדים חתונה'ס געשפּילט!...

„הקפות" איז היינט איין מאָל אין יאָר און נאָר ביי'ן א מנין, דעמאָלט האָט יעדער שכור'ער באַלעגאָלע געהאַט צען מאָל אין יאָר הקפות און א גאַנצע נאַכט אַרום איין בוים אין וואַלד!

געגן שעבוד מלכיות — פאַספּאָרטן. גרעניצן וכדומה שווע־רע זאַכן, האָט געהאַט די קבלה פאַרשריבענע רעצעפּטן, צו ווערן א רואה ואינו נראה: פּ"ח תעניתים, תקצ"ז סגופים, תרפל"ג שמות און: גירא בעיניך, סטראַזשניק, מען הערט דיך ווי די קאַץ!

האָט זיך אמאָל באַוויזן א המן הרשע, א צורר היהודים — איז געוועזן א רפואה צו דער מכה: א ליב שרה'ס מיט'ן קניפּיקל, וואָס האָט פון אים לאָקשן געשניטן!...

א חוץ — וואָס היינט־מאָרגן קומט „משיח־צדקנו"; איידער דו קוקסט דיך אום — א פּאַפּירענע בריק, בולקעס אויף די ביימער, תחית המתים וכו' וכו' נאָך אַנדערע גוטע זאַכן!

וואָס האָט געקענט פעלן אויף דער וועלט, אַז זי איז געוועזן מיט יענער אַזוי פאַרקניפּט און פאַרבונדן? עס האָבן זיך „הימל און ערד געקושט"; צווישן זיי איז געוועזן א צוזאַמענהאַנג: א חלום, א מלאך אָדער אַן אַנדערע מאָדע אינטערווענציע*) פון דער השגחה פּרטית; צווישן הימל און ערד איז געשטאַנען א בריק, אויב נישט א פּאַפּירענע—על כל פּנים א שפּינוועבענע.

די פאַנטאַזיע האָט פון אונזער בלאָטע ביז צום ריינעם בלויען הימל אויפגעשטעלט א לייטער, און מענטשן האָבן פאַרמאַכט די אויגן, געעפנט די מיילער און געקלעטערט אויף אַלע פיר!

---

*) אַריינמישן זיך.

און אַז עס האָט זיך גוט געלעבט, האָט זיך גוט געשריבן (אפילו שלא על מנת לקבל פרס), די שרייבער זיינען אויך געשטאַנען מיט איין פוס אויף דער, און מיט׳ן צווייטן אויף יענער וועלט... און אויף יענער וועלט (האָבן מיר דאָך א קיימא־לן!) זיינען מיר תקיפים... אַלע אומות האָבן נאָ ר „שדים״ און מיר—דעם רבונו של עולם אליין! און מיט׳ן רבונו של עולם׳ס הילף האָבן זיך אַלע מעשיות גוט געענדיגט; דער „קורא נכבד״ (דער געערטער לעזער) איז באַלד אָן „הוריות״ רואיג און פעסט איינגעשלאָפן, און אַלע ש״י עולמות האָבן זיך אים גע׳חלומ׳ט!

ביי׳ן א מחבר, נאָר אַן אפיקורס, האָט זיך דער חלום, דער שד, דער מלאך, אליהו הנביא און אַנדערע הימלישע אינטערווענציעם — פאַרשטעלט אין א ירושה פון א מומען אין אַמעריקע... נאָר סיי ווי סיי איז דער סוף געווען א מחיה. דער גוטער בחור האָט גענומען די גוטע בתולה מיט נדן און דרשה־געשאַנק כדת משה וישראל! דער שלעכטער בחור איז אַוועק מיט „אַן אָפּגעשנייצטער נאָז״ אָדער — „ווי א קאַץ פון דער מילך״...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַנדערע צייטן — אַנדערע לידער...

די פּריצים האָבן אויסגעהאַקט די וועלדער אין די אָרימע נשמות פון עולם הדמיון האָבן נישט וואו האַלץ צו האקן... טרעפט זיך אַמאָל א הונט אויפ׳ן דאָך, איז עס א פּראָסטער, משוגענער אָדער א מרה־שחורה׳דיגער הונט, און בילט נישט, און בעט זיך נישט קיין תקון... אויף שאַסייען מיט ווערסטן האָבן לצים קיין שליטה נישט; אוים הקפות! מיט די לצים צוזאַמען זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די פאַר׳כשופ׳טע קעלבער... די באַן האָט דריי פערטל קרעטשמעס פאַרמאַכט און — ווייסט דער טייוול — וואו שדים מאַכן חתונה!... אליהו הנביא באַווייזט זיך נישט, ווער ווייסט אויב ער וואַלגערט זיך נישט נעבעך ערגעץ אַרום אַלס

„ניעפּאָמניאַשטשי” אין אַ קאַזעמאַט אין סיביר, אָדער ער זיצט נישט אין ירושלים, עסט יעביצ׳עס דינע פרומע גריץ פון טויטעביינער מיט עטלעכע גרויפּן פון שלײדען׳ס חכמה, און גייט אַלע פרייטאָג אין באָד אריין על חשבון החלוקה, אונטער יוסף ריבלינ׳ס השגחה פּרטית...

קיין מלאך זעט מען נישט פאַר אַ מיליאָן... די יתומות מיט די אלמנות האָבן שוין אפילו אויפגעהערט אויף זייער הילף צו האָבן, גיכער שוין העלפן זיי אַמאָל אַרויס פון דער נויט די „גאַל־דענע יונגע לייט”, וואָס האָבן פון די אַלטע פּריצים גע׳ירש׳נט prawem kaduka דעם "Jus primae noctis"!

מיט דער אַלטער פאַרמאַקאָלאָגיע צוזאַמען האָבן זיך איבער־געלעבט דער קבלה׳ס רעצעפּטן אויף רואה ואינו נראה׳ס; לייב שרה׳סעס ווערן נישט געבוירן, פון אוצרות הערט מען נישט, און כשר׳ע מציאה, וואָס זיינען אַמאָל אַ האַלבע פּרנסה געוועזן, פירן היינט גלייך אין קרימינאַל אַריין...

אוים ראָמאַנטיק! אוים פּאָעזיע! דאָס לעבן איז טרוקן און פּאָסטנע!

עס ווייזן זיך אפילו אַמאָל עאוסאַפיעס פים אויפ׳ן אָרט פון שדים; פון טייל נשמות ווערן אפילו טיש־פּויקער און מען וואָלט מיט דער צייט פון זיי שול־קלאַפּער געמאַכט, אויפ׳ן אָרט פון איין „משיח־צדקנו” האָבן מיר אפילו אַ סך, אַ סך אַזוינע, וואָס ווילן אונז אַרויסשלעפּן פון גלות... עס איז אָבער דאָך נישט דאָס!

עאוסאַפיעס פוס כאַפּט מען גאַנץ אָפט וואו מען דאַרף נישט; גוטע שטעלן האָבן נאָר יחידי סגולה, קוים איינס פּראָ־מיל פון אַלע טעלער־לעקער! און די משיח׳לעך זיינען שוין, ווי מען זאָגט, אין שוסטער־גאַס; וואו נאָר אַ ישיבה־בחור לערנט ער זיך רייטן אויף — — דער כנסת ישראל...

עפּעס רעכטס זעט מען נישט!

„נייע צייטן, נייע פייגל, נייע לידער!” — די ליטעראַטור, האָבן מיר אַ קיימאַ־לן, איז אַ שפּיגל פאַר׳ן

לעבן; זי באַשאַפט נישט קיין נייעס. ווער עס קוקט אַריין, דער קומט אַרויס; אַ רב, אַ בדחן, אַ גביר, אַ בטלן, אַ קאַץ אפילו, אַלץ קומט אַרויס כהויה; און זעריבער איז קיין וואונדער נישט, אַז מיט דער נייער צייט איז אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַ מרידה געוואָרן און מען האָט אַ געשריי געטאָן „רעאַליזם!“

אוים ראָמאַנטיק! אוים פּאָעזיע!

אַז עס איז אַ שטורם־ווינט אויפ'ן ים, אַז דער ים שפּייט שוין אפילו מיט פּאַליעס דעם הימל אין פּנים אַריין, אַז עס טאָפּיען שוין שיפן און גייען אונטער ווי בליי... ציטערט נאָך אַלץ נישט דאָס קליינע ביסל לופט אינ'ם ענגן שפּאַלט פון פעלזן, וואו די ווייבע מאַליוסקע*) האָט זיך באַהאַלטן. זי ליגט זיך רואיג אין בנעימות אין איר הייזל וואָס וואַקסט מיט איר צוזאַמען; נאָר שפּעטער— ערשט גאָר שפּעט, ווען דער ים איז שוין צוריק רואיג ווי אַ שפּיגל, עס שווימען שוין נייע שטאָלצע שיפן, מיט נייע מאַטשטן, נייע פענער — דעמאָלט ערשט גנב'עט זיך אַריין קוים אַ בלאָז אין דער מאַליוסקע'ס הייזל! דעמאָלט ערשט ווערט זי פאַרציטערט, און שטעקט אַרויס דעם ווייסן קאָפּ מיט די גרויס־נאַרישע אויגן, צו זען: וואָס פאַר אַ שטורם־ווינט עס וויל איר חרוב ונחרב מאַכן דאָס הויז!

אין שוסטער־גאַס, טרעפט זיך, האָט מען שוין אין אַ נייעם פאַרגעסן, און זי האָט זיך אַלץ נאָך נישט אַריינגע'גנב'עט צום תפוס אונטער שלאָס און ריגל! און נישט איינמאָל געשעט, אַז בשעת ווען דער אָרימער תפוס טאַנצט פאַר פרייד, אַז דער „נביא“

---

*) ווייב טיר, הלזון.

איז געבוירן געוואָרן, זיינען שוין קי און קעלבער מעלה־גרה דאָס גראָז אויפ'ן נביא'ס קבר!

אָדער—למשל—איישישאָק! ווען ווערט דאָרט מאָדע א הוט?

ווען ער ליגט שוין אין פאַריז אין מיסט־קאַסטן...

ביי גאָט קען מען קיין שאלות ניט פרעגן; אזא מזל האָבן שוין: די מאַליוסקע אינ'ם שפּאַלט פון פעלזן, דער אַרעסטאַנט אונטער שלאָס און ריגל, און דאָס פּראַנטל, דאָס גיגערל אין איישישאָק!

אזא מזל האָט שוין אויך אונזער „אַלטע מאמע" — די העב־רעאישע ליטעראַטור...

בשעת ווען מען האָט אין אונזער „אַלטן הייזל פון עק", א נעשריי געטאָן: „רעאַליזם" און די אַלטע ווענט מיט פּוסבאָדן און סופיט, מיט די איינוואוינער בכלל, האָט געכאַפּט א ציטער, האָבן שוין אַנדערע גליקלעכערע ליטעראַטורן דעם רעאַליזם איי־בערגעלאָזט פון הינטן... זיי זיינען שוין אפילו אריבער איבער מאַטעריאַליזם, דעקאַדענטיזם און סימבאָליזם און צאַצקען זיך שוין מיט א נייעם בן־זקונים, — מיט אָקולטיזם, נאָר ער האָט אויך עפּעס א גרין פּנים, ציט ווייניג ביי דער ברוסט, און וועט זיך אויך לאַנג נישט האַלטן...

וואָס וועט זיין נאָך אָקולטיזם? אָדער וואָס באַדייטן די שמות הקדושים, די אַלע „איזמען"? פרעגט ביי וועמען איר ווילט, נאָר מיך לאָזט צורו, איך מיין אז „די לצרה בשעתה"*) ווען זיי וועלן מאָדע ווערן ביי אונז ווען עס וועט א ניי ליטעראַריש גיגערל אָדער א מאַליוסקע אַרויסשפּרינגען אויפ'ן אַלטן דעכל מיט א גאָלדן שופר'ל אין זיסן מיילכל און א בלאָז געבן דער כנסת ישראל א נייעם „משיח־צדקנו", א נייעם „איזם"!

נאָר נישט אין דעם שטעקט דער קאָמיזם!

---

*) עס וועט צייט זיין ווען די צרה וועט קומען.

דער עיקר קאָמיש איז דאָס, וואָס דעם נייעם ליטעראַרישן מעס־טאַמענט האָט אונז געבּרענגט בּן־אביגדור!

וועגן בּן־אביגדור׳ן איז דער עולם מחולק; דובנאָוו אין וואַסכאָד און בּן־דוד אין המליץ האָבּן זיך די לונגען געריירט און אויסגעבּלאָזן בּן־אביגדור׳ן ווי א לונג־און־לעבּער; געמאַכט פונ׳ם לכל הפּחות א וויקטאָר הוגאָ! (דער אַלטער זאָל מיר עס מוחל זיין, אויב ער דרייט זיך איבּער אין קבר), דער רעשט עולם און דער עיקר „אונזערע” גרויסע און קליינע נאָוועליסטן, אָדער — אָפּן גערעדט — דאָס מיסט, וואָס בּן־אביגדור׳ס בּעזים האָט אַרויסגעוואָרפן פון שטאָל, וואָלטן אים פאַרזייפט אין א לעפל וואַרים וואַסער! זיי זיינען כופרים בּעיקר אין זיין טאַלאַנט... דער אמת ליגט דאָ אויך אין דער מיט: בּן־אביגדור׳ס מוזע איז א גוטע ליטעראַרישע הון, וואָס לייגט אַלע טאָג כּמעט אַן איי... פון די אייער וועט קיין לעבּעדיגע זאַך נישט אַרויס, ווייל זיי זיינען פון בּלויז רייבּן זיך אין אחד העם׳ס וואַנט... נאָר דאָס זיינען דאָך אייער, נישט קיילעכלעך פון ערד אָדער פּערדס־מיסט, אין וועלכע אונזערע ליטעראַרישע רשעים לייגן זייערע מיקראָסקאָפּישע אייערלעך... בּן־אביגדור האָט טאַלאַנט, עס פעלט אים נאָר בּיל־דונג... ער איז איינגנטלעך נאָך יונג, ער וואָלט צייט געהאַט זיך אויסצובּילדן, נאָר די מוכרי־ספרים לאָזן נישט, זיי זאָגן, אַז קיין בּעסערע סחורה דאַרף מען נישט... נאָר נישט אין דעם גייט עס... דאָס קאָמישע איז, אַז צווישן אַלע אייער, וואָס בּן־אביגדור׳ס מוזע האָט בּיז אַהער געלייגט, איז נאָך קיין איינציג רעאַליסטיש איי נישט געוועזן און עס וועט נישט זיין, וואָרים בּן־אביגדור איז בּטבע א פאַר׳חלום׳טער אידיליסט, — א אידעאַלנע־נאַציאָנאַלע־פּאַלעסטינעץ... בּטבע כאַפּט ער זיפצן אין דער לופט; דערבּיי האָט ער שוין אַזוינע אויערן, אַז ער הערט ווי וועלדער דאַוונען, אָדער ווי משה רבּינו דרשנ׳ט אַלאַ „אחד העם”...

נו, אדרבּא, שטעלט אייך פאָר א רעאַליסט, וואָס איז זיך נישט מישב און רייסט אויס פון דער אידיש־היספּאַנישער גע־שיכטע אַן אַלטן אויסגעקראַפּן לאַפּן פון א פּעלץ, און פּוצט און וואַשט אים אויס מיט ליבּעראַלנע אָדעקאָלאָן, שטרייכט אים

איבער אויף א היינט־מאָדישן באַלעבאַטישן ביבער, און איז כופה הר כגיגית, און נויט דעם העלד, דעם אומגליקלעך־געבוי־רענעם דן־מיגואל, ער זאָל דרשנ'ען פיר הונדערט יאָר צוריק אין הישפּאַניען אויף לאַסקער'ס אופן, אָדער כאַפּן היים־געבראָטענע ליבעראַלנע בולבעס פון היינטיגן ווירכאָוו'ס מויל!... בן־אביגדור זאָל זיין א רעאַליסט, וואָלט ער אפילו ביי ווייניג בילדונג דאָס, עכ"פ, פאַרשטאַנען, אַז פאַר פיר הונדערט יאָר איז צו־פרי, און היינט ווייטער, אויב די צייט איז נאָר כנגד המזיקין, איז שוין צו שפּעט צו קאָרמען דעם עולם מיט דער פּראָזעאָלאָגישער סיעטשקע...

אָדער: שטעלט אייך פאָר א רעאַליסט, וואָס שטעלט אויף א בריי, אויסצופּאַשען פּאַלעסטינצעס לויט אחד העם'ס רעצעפּט, אויף קלייען פון רעקענדאָרפ'ס אידיש־היסטאָרישע דערציילונגען, וואָס זיינען (צווישן אונז געשמועסט) אַזוי ענלעך צו דער אידי־שער, ווי „לפני ארבע מאות שנה" צו דער אידיש־הישפּאַנישער געשיכטע!

דער אייגענער בן־אביגדור דרוקט „דניאל דירונדו" — א גלאַז אידעאַלנע־נאַציאָנאַלע גאָגל־מאָגל! ער דרוקט: סמועלי'ס שירים, וואָס דער „פּאָעט" טענה'ט זיך אוים מיט די פּאַליעס אַזוי ראָמאַנטיש־בטלנ'יש־פילאָזאָפיש, אַז אדם הכהן וואָלט אים מקנא געווען; פרישמאַנ'ס פּאָעטיש־ראָמאַנטישע נאָכוויען, וואו מתים האָבן שוין נישט מער וואָס צו טאָן, נאָר צו רופן האַלבער־בער נאַכט אין שול אַריין עולה תורה צו זיין א אידישן פּאַרליבטן משורר!

דער אייגענער בן־אביגדור אידעאַליזירט אַזוי פיין דאָס קליין־חנ'עוודינע מיילעכל פון מנחם הסופר'ס ווייב'ס שיך, אַז עס כאַפּט אָן ביים הארץ!

בן־אביגדור איז דוקא, לויט ווי איך קען אים, אַן ערלעכער מאַן! ער איז נישט — דאַכט זיך — אחד בר ואחד בלב... און אָט אין דעם שטעקט דער אמת'ער קאָמיזם, אין דעם, וואָס

בן־אביגדור נעבעך האָט זיך אַליין געוואָרפן א שטיין אין וועג אריין, איבער וועלכן ער שטרויכלט אויף יעדן שריט און טריט!

„שרייבט פון לעבן!" רופט דער ארויסגעבער פון „אפרים קו", אָדער דער מחבר פון „אהבה וחובה", וואָס שיקט זיין העלד שטודירן קיין אַמעריקע און לאָזט אים צו זיין היים־געליבטער קיין בריוו נישט שרייבן, ביז עס איז נישט צו שפּעט, ביז זי שטאַרבט נישט מיט'ן בריוו אין דער האַנט אויף אַן אָפּצערונג!

„פאָטאָגראַפירט, שטודירט דאָס לעבן, וואָס איז אַרום אייך, לאָז אייך נישט חלומ'ען"... אזא רעצעפּט פאַרשרייבט דער מחבר פון „מנחם הסופר", פונ'ם אומגליקלעכן קליינעם אייזעלע, וואָס ליגט נעבעך דערדריקט אונטער דער אומגעהויערער משא פון דער רעאַליסטישער טענדענץ, אַז מען זעט אים קיין פּיצל פון די אי־דעאַלנע, גרויס־געוואַקסענע אויערלעך נישט אַרויס!...

א מענטש טוט זיך נאָר אַליין!

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז עס איז קאָמיש? „אין אחרי מעשה ב"ד כלום"! 1) בן־אביגדור איז א „פּוסק", די ליטעראַרי־שע לעצטע אינסטאַנץ... און „רעאַליזם" איז ערגער ווי א דין אין שולחן ערוך!

נאַטירלעך האָט א שטר א שובר, פּראָצענט — א היתר עסקא, פּסח — מכירת־חמץ, שבת — ערובין, און דער דין אין שולחן ערוך, וואָס דאַכט זיך, ער שטייט ווי א מויער, האָט פאָרט אַן אונטער־וועגל עכ"פ „א יוצא מן הכלל" 2)... דער דין פון רעאַליזם האָט'ן אויך א „ווילאַזקע".

---

1) אַז דאָס בית דין (געריכט) האָט אָפּגעטאָן איז פאַרפאַלן.

2) [illegible]

ער איז נישט נוהג, למשל, ביי חשבונות פון חובבי ציון ביי נאכריכטן איבער די קאָלאָניעס, ביים באשרייבן זייער באשטאנד... דאָס חלק „ליטעראטור", געראָט דוקא אם בעסטן פון דער ווייטענס! און דערביי מוז עס געשריבן ווערן מיט אידעאלנע־רוויטלעך־פריילעכע טינט!

נאָך מער — וואָס ווייטער דער שרייבער איז פון אָרט איז אַלץ בעסער!

גוט שרייבט זיך פון אָדעס, בעסער — פון ווארשע, וואויל — פון דינאבורג, גאָר גוט פון איישישאָק און אמבעסטן נאָך וואָלט געוועזן פון אונטער די הרי חושך! פון דער ווייטנס מישן זיך אוים דער „אָ"ח" און „ל"ח"1) אין דער „הכנסה" באשיינען ראָטשילד'ס קאָלאָניעס די חובבי־ציונישע; פון דער ווייטנס איז שווער צו באמערקן, אז די הוצאה איז „כל ישראל'ס" אויסער ראָטשילד'ן, און דער גאנצער אינוועטאר איז ראָטשילד'ס אויסער כל ישראל... פון דער ווייטנס מאכט די חובבי־ציונישע אייזערנע קאסע אויך ניט קיין שלעכטן איינדרוק; עס כל פנים איז נישט מעגלעך צו דערזען קיין שפּאַרע, קיין לעכל, אריינצושטעקן א מינדסטן פינגער... פון דער ווייטנס זעט מען אפילו נישט ווער עס שרייט „מי פאכאלי", דער אָקס אַליין, אָדער די פליגן צווישן זיינע הערנער, און דער עיקר איז יעדער מעקלער ביי קאָלאָניעס— פון דער ווייטנס א הייסער פאטריאָט, דער טערק א דימאנט, דער אראבער — א זיידענע בריאה און אַלע אונזערע קאָלאָניסטן זיינען לכל הפחות גבורים ווי די מאקאבעער און אָט, אָט וועט זיין נאָך א מאָל די קונץ מיט'ן בוימל!

קומסטו אָבער נעענטער — זאָל גאָט שומר ומציל זיין; אַלע חושים נארן דיך אָפּ! די קאסע, דאכט זיך דיר, איז געמאכט „מעשה רשת, ד. ה. א נעץ מיט גרויסן אויגן, און די „מתעסקים בצרכי הצבור" האָבן פינגער גלייך מיט אַלע מענטשן! דו ביזט, חלילה, קיינעם נישט חושד, נאָר דאָך ווערט דיר מארקאָטנע

1) אני חייב, לי חייב.

אויפ׳ן האַרץ, און טייל מאָל הויבט דיר אָן אַזוי צו שווינדלען פאַר די אויגן, אַז פון „מעשה רשת״ ווערט נאָר אַ שפּינוועבס, און דו זעעסט אין דער האַלוצינאַציע: עטלעכע גרויסע שפּינען און גאַנצע הורמעס ישראליק׳לעך בצורת אָרימע אויסגעזויגטע... פּגרים׳לעך פון פליגן... דו רייסט דיך אַוועק פון דער קאַסע און באַטראַכסט דעם גרויסן פּאַטריאָט, דעם קאַלאָניסטן־מעקלער, דעם גענעראַלנע עצה־געבער, און האָסט ווייטער אַ טעות, און דו וואָלסט געשוואָרן, אַז דאָס איז יוסי־ריבלינ׳ס אַ לייבלעכער ברודער!

דער טערק פאַרלירט אויך דעם חן אין דיינע אויגן; ער שמייסט מיט׳ן באַמבוס אין דער פּאָדעשווע און צאַפּט מיט׳ן „באַקשיש״ דאָס בלוט פון די אָדערן... דער אַראַבער, די זיידענע בריאה, זעט דיר אויס, רחמנא לצלן, ווי אַ געפערלעכער רוצח׳ישער גנב, און אונזערע מאַקאַבעער — כהויה, גלייך זיי וואָלטן געלעגן אונטער די בעטן!

נאָר ווי קומט רעאַליזם צו חובבי ציון און פּאַלעסטינע? אַזאַ צווילינג קען נאָר געבוירן ווערן אין מנחם הסופר׳ס קראַנקן מוח... פּאַלעסטינע איז פּאַלעסטינע און רעאַליזם איז נאָר נוהג ביי נאָוועלן... נאַטירלעך נישט יעביצעס, ווייל ער שרייבט נאָוועלן אויך פון פּאַלעסטינע...

נאָר מיינט נישט, אַז רעאַליזם, כאָטש ער איז נאָר נוהג ביי נאָוועלן, איז אַ קלייניגקייט! אמת איז, אַז אין דער התחלה האָט זיך אַלע אַזוי געדאַכט!

— מאי כולי האי — האָט מען געזאָגט — זאָל זיין רעאַליזם! אַבי מען פאַרלאַנגט נאָר נישט קיין טאַלאַנט, אפילו קיין „לשון״, קיין „מליצה״, אפילו קיין גראַמאַטיק נישט, און צאָלן, קען זיין וועט מען, ווערט איבער „רעאַליזם״ קיין שידוך נישט אָפּגיין!

פאַרקערט — מיט׳ן גרעסטן פאַרגעניגן! „לא בשמים היא״— רעאַליזם דאַרף קיין הימל נישט, „ולא מעבר לים״ — מען דאַרף

נישט ווייט צו קריכן; מען דאַרף גאָר נישט ליב האָבן, נישט פיינט האָבן, מען דאַרף קיין צוועק, קיין תּכלית! אַלעס איז גוט, אַרום און אַרום ליגן טעמאַטן ווי האָלץ! וואָס דו ביזט, וואָס דו זעסט—באַשרייב!

וואוינסטו, למשל, אין ווילנע — באַשרייב די בלאָטע! ליגסטו אין בית־המדרש אונטער׳ן אויוון — שטודיר די טאַראַקאַנעס, אָדער — די שמש׳טע, וואָס שענקט אַריין דורכ׳ן פענצטערל! ווער עס קען א בוגרות, א גרושה, אן אלמנה, שוועסטער, וואָס רייסן איינע ביי דער אַנדערער אויס די חתנים, לערער, וואָס האָבן שוין מזל און ברכה ביי אַלע געגנז און ווערן בשעת הדחק חולקים אויף בעלאַמי, זאָל באַשרייבן! דערביי ווערט מען נאָך א ביסעלע פרייער, עס איז כמעט א הפקר־וועלט, ווילסטו— שטעקט א „פּאָליסמאַן" אַרונטער די האַנט, וואָס מען דאַרף נישט —לית דין ולית דין!

עס איז אָבער א טעות געוועזן! רעאַליזם איז פאַר אונזערע ברידער „אַן עבודת הפרך"! און — נאָך אַלע טייכן שוויים, נאָכ׳ן גאַנצן מי און מאַטער — איז נאָך פון רעאַליסטישן ליים קיין איינציגער רעכטער ציגל צום העברעאישן „פּתום ורעמסס" נישט אַרויס! פּראָסט — עס קלעפּט זיך נישט!

עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז לייכטער אָנצושיטן א געלעכערטן זאַק מיט הוילע מליצות, קלוג צו ווערן פון ליפערטן אין פרישמאַנ׳ס איבערזעצונג, צו טרעפן למשל וויפיל פינגער עס האָט אין יעדער האַנט די פרישמאַן־ליפערטישע חיה, וואָס האָט פיר הענט און — מיט צען פינגער מער פאַר א מענטש;

אַז עס איז לייכטער אויסצושלאָגן א טראָפּן אידייע פון אַלע זינגער׳ס אַרטיקלען און ראָמאַנען, אויסצוזוכן א קאָרן אין די גאַנצע קערע פון זיינע קריטישע פּלעוועס, אַז עס איז לייכטער אוועקצו׳גנב׳ענען ביי פראַנצויזן א „יזכור", אוועקצושלעפּן ביי גיוואַי־די־מאָפּאַסאַן די „לעצטע פראַנצויזישע לעקציע" אין עלזאַס לאָטאַרינגען אונטער דער פּרייסישער ממשלה און איבערמאַכן פון איר א „לעצטע העברעאישע לעקציאָן" נאָכ׳ן חורבן אונטער׳ן

רוימישן יאָך, אָדער — אַז עס איז לייכטער אין אַ גאַנץ קורצער צייט צו פאַרניכטן, אויב מען האָט, זיין אייגן שטיקל טאַלאַנט און בלייבן, למשל, ביי היינע׳ס פערזן־מאָס, אָן אַ רוח פון זיין פּאָעזיע בפרט, און אָן אַ אידייע בכלל... אַז עס איז לייכטער אפילו אויפצושטעלן אַ בנין, אַ גאַנצע „סיסטעם" פון „בע"שט׳ס חלומות אָדער צו דרייען אַ קריטישע בייטש פון בן־אביגדור׳ס זאַמדיגע ביכלעך — אַז דאָס אַלעס איז לייכטער איידער אויפצושרייבן די קלענסטע רעאַליסטישע נאָוועלע!

און נישט נאָר בן־אביגדור איז איבער דעם שטיין, וואָס ער האָט זיך אַליין אויפ׳ן געוואָרפן, געפאַלן...

סאַמועלי איז אריין אין בדחנות איבער די אויערן און כאָטש זיי זיינען, ב"ה, גענוג לאַנג, וועט אים שוין קיינער נישט פון דעם זומפּ ניט ארויסשלעפּן... יעדעס וואָרט שמעקט נאָך פּורים־שפּיל, חתונה־גראַמען, נאָך „אליקום צונזער"... נישט בעסער איז טאַוויאָוו׳ן געראָטן; דער איינענער טאַוויאָוו, וואָס האָט זוכה געוועזן צו הערן מיט זיינע אייגענע אויערן פון אַזוינע, וואָס האָבן זיך געשטויסן פון באַראָן הירש׳עס רייד, אַז זיין גאַנצער צוועק איז נאָר צו מאַכן גוים פון אידן, און אַז זינגער האָט דאַגעגן פּראָטעסטירט, האָט ער (טאַוויאָוו מיין איך) אויף אים געעפנט אַ מויל, און שיר ניט איינגעשלונגען, דער איינענער גבור נעבעך, איז אויך אריינגעפאַלן אין בטלנ׳ישן בדחנות, און באַלד דערנאָך, אינ׳ם „מים שלנו", אינ׳ם עיפּוש פון אונזער היימיש־נעבאַקע־נער פּסיכאָלאָגישער פילאָזאָפיע, און דוקא מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ... אפשר גלויבט איר נישט? נאָט אייך: אין זיין „השדחנות בתור שדכן" מאַכט איינער מטעמים פאַר׳ן „המליץ" — אַרטיקל מיט הארץ און מיט פייער, און שרייבט אונטער נישט זיך, נאָר, טאַוויאָוו׳ן צוליב, זיין דרייצן־יאָריגע טאָכטער. אין די אַרטיקלען פאַרליבט זיך אַ יונגער מאַן, האָט חתונה מיט׳ן שרייבער׳ס טאָכטער, און דער היוצא לנו מזה זאָל זיין: אַז ווען מיידלעך זאָלן

לעזן העברעאיש, וואָלטן בחורים בעסער געשריבן... נישט קיין בעסערן סוף האָט געהאַט זיין געגן־צד, זינגער! דער אייגענער זינגער, וואָס איז שיר נישט אומגעקומען על קדוש השם, ווען נישט וואָס טראַכטמאַן האָט אים קוים אַרויסגעשלעפּט ביי די שפּיץ־פינ־גער פון די פיס פון טאַוויאָוו׳ס מויל, האָט אויך נעפּרואווט זיין כוח אין רעאַליזם!

ער האָט אויפגעשריבן א „קרבן היום״! א מעשה גאָר א קורצע, אויף צווייערליי פּאַפּיר: וועלין און פּראָסטע, און גאַנץ שיינע דרוק.

צוויי מחותנים קומען זיך צוזאַמען שמועסן מכח אן אָנגע־שלאָגענעם שידוך. קריעת ים סוף האָט דער שדכן געהאַט, איידער ער האָט זיי, די סוחרים (וואָס האָבן קוים א דראַכמע צייט און ווילן גאַנצע פודן כבוד) צוזאַמענגעשלעפּט, און צום סוף, אז דאָס נס איז אים שוין, דעם אָרימען שדכן, געראָטן, אז מזרח ומעריב זיינען זיך שוין צוזאַמענגעקומען לפונדק אחד, האָט זיך געמאַכט צווישן די מחותנים א וכוח מכח... נו, טרעפט מכח וואָס?

— מכח נדן?

ניין!

— מלבושים?

אויך נישט!

— קעסט?

איר קריכט שוין גאָר אין א זייט! איר וועט שוין נישט טרע־פען! זע איך, וואָס א רעאַליסט האָט אין זין! דער וכוח איז דוקא מכח אַרגענטינע און פּאַלעסטינע; איין מחותן האַלט מיט׳ן באַראָן הירש, און דער צווייטער האַלט זיך אין דער סטאַדע, און באַרעט זיך פאַר בן־אביגדור׳ן, טאַוויאָוו׳ן, יהלל׳ן, יעבצ׳ן, צע־דערבוים׳ען, גמזו׳ן מיט׳ן „הנדיב הידוע״, ראָטשילד׳ן צוזאַמען; ער וויל נישט שמעקן צו אַרגענטינע! כאַלערניקעס, א פּנים, זיינען זיי ביידע געווען: א וואָרט צו׳ן א וואָרט, זיי האָבן זיך צעקריגט,

צעזידלט גלייך מיט ווייסבערעמ'ס גבורים, אפשר זיך נאָך צע־פּאַטשט.... און — און טאָמער וועט איר, על כל פּנים, טרעפן וואָס דער סוף איז געווען?

— דער שידוך איז אָפּגעגאַנגען?

נאָך ווייניג!

— עס האָט איינער דעם אַנדערן גע'מסרט?

איר פאַרקריכט ווייטער אָן א זייט!

א מעסער אַריינגעשטאָכן?

אך, איר האָט גאָר קיין געפיל נישט אין רעאַליזם!

— וואָס דען?

דער שדכן איז געשטאָרבן! פאַרשטייט איר: ער איז זיך אַזוי אָנגעלאָפן, אָנגעיאָגט, און הונגעריג איז ער געווען, און זינגער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס צו ענדיגן, איז ער, נעבעך, דער שדכן מיין איך, געשטאָרבן; ברוך דיין אמת, איבערגעלאָזט א ווייב מיט קינדער...

און זעט אַליין: דאַכט זיך גאָר פּשוט'ע זאַכן: פּאַלעסטינע און אַרגענטינע, א וכוח דעריבער, מחותנים, א שדכן... סאַמע רעאַליזם, און די מעשה שמעקט פאָרט פון אַלטן שוויצבאָד...

אפשר ווילט איר וויסן ווי אַזוי אונזערע פּריש־געבאַקענע רעאַליסטן מאָלן נקבה'שע שענהייטן? נאָט אייך:

א פרוי אַ יונגע, אַ פיר־און־צוואַנציג יאָריגע, אַ הויך־געוואַקסענע און א דאַר־לייביגע; איר פּנים איז ווייס און אויפ'ן ווייסקייט פון בלאַסע באַקן באַווייזן זיך דאָ און דאָרט (פה ושם!) זון־פּלעקן (זומער־שפּרענקעלעך), איר ברייטע נאָז באַשיינט און באַ'חנ'ט איר פּנים און אירע (דער נאָז'ס)ביידע נאָזלעכער זיינען ווי גליסטיגער (נחמד) רויזן־בעכער. אירע (דער מויד'ס) אויגן זיינען שוואַרץ און פלאַמענדיג און דורך זיי קומט אַרויס א זידנדיגע (רותחת) נשמה און א האַרץ פול מיט לעבן... איר מויל איז קליין און די ליפּן אירע זיינען פולע און ברייטע און רויטע ווי בלוט... איר ווייסער און מאַגערער האַלז איז אָפּן (מגולה), זי טראָגט א שלאָפ־קלייד (שלמת שנה)...

אַט האָט איר, און זייט מודה, אַז „רעאַליזם" איז פאַר אונז מחברים אַ קלאָץ דעם האַלז צו ברעכן!

און עס איז אַ רחמנות אויף אונזערע מחברים, אויף אונזערע אָרימע נאָוועליסטן!

אונזערע אַריסטאָקראַטן, די רעדאַקטאָרן מיין איך, עקספּלואַטירן זיי ערגער ווי דער ערגסטער פּאַרצייטישער פּריץ — דעם פּויער, ערגער ווי פּרעה! פאַר אונז איז די ליטעראַטור נישט קיין קו און נישט קיין ציג, זי גיט קיין איינציגן טראָפּן מילך, פּייכט צו מאַכן די פּאָעטיש פאַרברענטע ליפּן. זי איז קיין „קרדום לחפור בו", מען זאָל פון איר כאָטש האָבן וואַסער אויף קאַשע, און אויסער צוויי־דריי „מולים", וואָס האָבן, אָדער עס דאַכט זיך אַז זיי האָבן, פּרנסה בכבוד, קען אפילו דער באַרימטער מנחם הסופר זיין ווייב די שיך נישט פאַרריכטן! נאָך וואָס אַרבעט מען? אויף וואָס האָרעוועט מען? וואָלטן כאָטש אונזערע שרייבער געהאַט אַ אידייע, אין וועלכער זיי וואָלטן זיך פאַרליבט, פאַר וועלכער זיי וואָלטן דאָס לעבן געשטרעקט, ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט זיך געראַנגלט; אַ אידעאַל, וואָס וואָלט זיי געגעבן כוח, דערפרישט דאָס פוילע בלוט, די אַלטע ביינער... דאָס האָבן זיי ליידער נישט! וואָרים — מיינט נישט, אַז „נאַציאָנאַליזם" מיט „פּאַלעסטינע" זיינען מער ווי „טעמאַטן" צום שרייבן; מיינט נישט, אַז עס איז אַזוי ערנסט דערמיט... זיי שפּילן די איינענע ראָלע וואָס אַ „שרפה'לע", אַ „מחלוקת", אָדער אַן אַנדערער ווינט, וואָס מאַכט זיך אין אונזער קליין גלעזל וואַסער...

עבדות הפרך מיט'ן תנ"ך און צען ווערטער־ביכער אין דער האַנט, אַרבעט מען טאַקע נאָר פאַר'ן פּיצעלע כבוד? און פאַר דעם איינציגן טראָפּן אַמבראָזיאַ, פאַר'ן „החכם הסופר" ביים לעבן, און אַ שוואַרץ רעמל אין „הצפירה" אָדער „המליץ" איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר, האָט מען נאָך די העזה צו פאַרלאַנגען— אַחוץ צייט, טינט, פעדער און פּאַפּיר נאָך—רעאַליזם!

אַמאָל איז כאָטש געווען אַ רחמנות'דיגע קריטיק! די אַלטע גבאי'טע (וואָס מען האָט געקענט קונה זיין נישט נאָר בשלשה, נאָר בכמה וכמה דרכים) — האָט כאָטש באמת צוגעטיילט כבוד אויפ'ן אַרשין! און פאַרוואָס נישט? רחמנות איז אַ אידישע מידה „כל ישראל ערבים זה בזה", איז אַ אידישער כלל, וואָרים באמת—„זונות מפרכסות זו את זו, ת"ח לא כל שכן!" און די אַלטיטשקע קוקט אַרוים פון ביהמ"ד, זי ווייסט עס און פאַר יעדן מחבר, פאַר יעדן ספר, האָט זי געוואוסט צו געפינען אַ וואָרים וואָרט, אַ לעבלעכע מליצה! —

די פרומע אַלטע גבאי'טע האָט מער נישט געוואוסט נאָר איין שפּראַך פאַר אַלע: „פרו ורבו"; איין ברכה פאַר אַלע: ומלאו את הארץ! זאָל זיין וואַנצן, אַבי לעבעדיג צו מאַכן די אַלטע מאַמע... זאָל זיין עיפּוש, אַבי איר אַריינצובלאָזן אין רער נאָז.

היינט, לײדער, ווערט דאָס אויך צו שאַנד! אפילו קריטיקוס דערמאָנט זיך, אַז „יזכור" איז קאַרל עמיל פראַנצאָז'ס, הנ"ץ אין הצפירה — דאַרף נויטיג דערציילן, אַז ער האָט ערגעץ אַמאָל אין אַ דייטשן ספר געלעזן אַן ענלעכער צו „שכול ואלמון" גראָס־גליק ווערט גאָט'ס קאָזאַק און מוז אויסווייזן אַז „גלית הפלשתי" איז אַ פּראָסטער פּאַקוויל, און אפילו דער אייגענער זינגער, וואָס מיר האָבן אים אַזוי הויך געלויבט, איז אויך ערשט נישט לאַנג אַרויס אין „הצפירה" מיט אַ „דבר כל חזון", וואו ער וויינט בדמעות שליש אויפ'ן חורבן: וואָס די מולי"ם זיינען ווייניג געבילדעט, די מחברים — כמעט גאָר נישט, און די מעצענאַטן, וואָס שטיצן די ליטעראַטור, — פּראָסטע בורים...און — איין „איש־יהודה־קריאות" (וואָס אַ נאָמען דאָס האָט!) ווייזט אויס אין „המליץ", אַז דער אייגענער זינגער האָט איבערגעדרוקט טאַ־וויאָוו'ס אַ פעליעטאָן...

נו, איז מען היינט זיכער מיט'ן לעבן? עקט זיך נישט דער אַלטער גבאי'טעס וועלט?

נאָר די מחברים יאָך די מחברים, זיי וועלן זיך פאַרט אַן

עצה געבן און נישט פארלוירן ווערן אין דער רעאַליסטישער צייט... אמת אומגליקלעך איז נעבעך געוואָרן א מלאך!

איר מוזט וויסן, אַז איינער פון „אונזערע" מחברים האָט געהאַט ביי זיך א שרף, א ברענענדיגן מלאך, וואָס פלעגט אויפ'ן צו אַרבעטן ווי אַן אייזל; ער האָט אים געמוזט דיקטירן אַר־טיקלען, שירים, מליצות, קריטיקן און וואָס איר ווילט נאָר אַליין... אַזוי האָט זיך געפירט א צייט, ביז מען האָט דעם קרוג אָפּגעהאַקט די אויערן! ביז גאָט האָט געוואָלט, עס האָט געשאָסן א בעזים, די רעאַליסטישע באַמבע איז אריין אין אונזערע ד' אמות, און— אונזער מחבר האָט ארויסגעטריבן דעם שרף אין מיטן ווינטער, אין א הינטיש וועטער, אַזוי ווי א באַלעגאָלע טרייבט ארויס אַן אָפּגענוצט אַלט פערד אָן הויט, פלייש און ביינער!

דער שרף, נעבעך, איז געגאַנגען פון טיר צו טיר, ביי אַלע מחברים זיך געבעטן, ביי די פיס געלעגן... „ואין מאסף אותו הביתה", עס לאָזט אים קיינער נישט איבער דער שוועל! אויס „מלאָכים!" „רעאַליזם!" שרייט מען! מען ראָט אים, ער זאָל פליען צוריק אין הימל אריין.

פלי! אַז ער איז פארשטאַרט פון קעלט; פלי! אַז די גאַסן־יונגען האָבן אים דערווייל אויסגעריסן די פעדערן פון די אַמאָליגע ווייסע פליגל! אין דער ווייכסל אריין האָט ער זיך געוואָלט וואַר־פען; אַזוי פארצווייפלט איז ער געווען!

און ער וואָלט עס געטאָן, נאָר ער האָט צוויי מערכות געהאַט: ערשטנס איז היינט די ווייכסל פארשטאַרט און געפרווירן ווי דעם פּראָפּעסאָר יוסף הלוי'ס פּאָעזיע, און צווייטנס האָב איך אים גע־טראָפן! איך האָב'ן מיטגענומען פאַר רחמנות אין „טאַניאַק" (א ביליגע קיך) אריין, געגעבן אים אביסל הייסע זופּ מיט א לעבל ברויט און פאַר דאָס געזעצט זיך אביסל אויפ'ן רייטנדיג און געפלויגן איבער וואַרשעווער דעכער פון אמת'ן „כלי־קודש"...

עס איז געווען ביינאַכט (בייטאָג וואָלט איך מיך געשעמט צו רייטן אויף אַזאַ אָפּגעריסענער משונה׳דיגער בריאה) און פון „כלי־קודש" שלאָגט אַזאַ „ימש־חושך", אַזאַ פינצטערקייט, אַז איך האָב גאָרנישט געזען! נאָר פאַר דאָס — האָבן זיך מיינע אויערן געפּאַשעט! איך האָב אַ סך געהערט...

דער שרף איז געוואוינט געוואָרן צו פאָרן מיט דער באַן, צו קריכן אויף טרעפּ און האָט כמעט דאָס גאַנצע פליען פאַרגעסן... דערצו איז ער נאָך מיד און שוואַך! דעריבער שטעלט ער זיך אָפּ ביי יעדען קוימען, סאָפּעט און פּרייכט און איך הער דערווייל אַ גוט וואָרט.

און איך בין צופרידן דערמיט! ווען עס איז אַ פרישער גע־זונטער מלאך, וואָלט ער מיט מיר אַרויפגעשאָסן גלייך צום הימל, איבער די כמאַרעס, איבער׳ן רעגנבויגן, מיר וואָלטן געיאָגט אויף די מילך־שטראָסן, צווישן לבנה און שטערן.

איך בין מודה ומתודה, אַז איך אַליין, אַז איך אַלטער בבל פון דער אַלטער מאָדע, וואָס בין אַ פאַרפאַלענער ראָמאַנטיקער בטבע, וואָלט דערפון הנאה געהאַט, אפילו נחת געשעפּט! נאָר וואָס וואָלט איך געהאַט פאַר אַ רעאַליסטישן נוצן דערפון? איך וועל פאַבריצירן ראָמאַנטיק און אידעאַליזם בשעת ווען בן־אביגדור שרייט: „רעאַליזם", זיינגער רופט „חכמה" און גאַנץ „קהל־הקודש" וויל — — שטרוי און קלייען?! קיין איינציגער מוכר ספרים וואָלט היינט אַזוינס אין דער האַנט אריין נישט גענומען, אפילו נישט אויף קאָמים מיט דריי פּייען!

מיט דעם שרף אָבער קלייב איך רעאַליסטישע שוואַרצע פּערל, אין דעם רייכן ריעס פון אַלע קוימען, פון זיי וועל איך בינדן אַ שנור אויפ׳ן האַלז פאַר „אונזערע אָרימע ברידער" פאַר׳ן „אידישן פאָלק" פאַר „כנסת ישראל"! עס וועט זיין אַ רעאַליסטישער ראָ־מאַן אין גראַמען, אָדער אָן גראַמען, נאָר טאַקע אויף וועלין פּאַ־פּיר, דער רעאַליזם זאָל נאָך גרעבער זיין, דערצו באַלעבאַטיש געבונדן אין לעדער און דוקא מיט׳ן גאָלדענעם שניט! זאָל דער עולם לעקן די פינגער!

נאָר דאָס אַלץ וועט זיין שפּעטער; כאַפּט נישט די פיש פאַר דער נעץ! אצינד וועל איך אייך נאָר שארפן דעם אַפּעטיט מיט אן אחד מששים פון דעם גן־עדן!...

פון די קוימען וועל איך אייך דערווייל פאַרציילן א בשורה טובה, וואָס וועט אייך דערפרישן דעם מאַרך אין די ביינער! עס וועט אייך הנאה טאָן גלייך ווי מיר!

איך בין מודה ומתודה, אַז ביז אַהער האָב איך געמיינט, אַז די ליטעראַטור האָט גאָר קיין פּעולה ניט אויף אונזערע לייט; אַז דער „קורא נכבד" זאָגט „טי מאָוו, א יא זדראָוו!", אַז מיר שפּילן זיך נאָר און וואַרפן אַרבעס אין וואַנט. עס האָט זיך אָבער אויס־געוויזן פון די קוימען אַז עס איז נישט אַזוי... אינ'ם „הפרדס" האָט אחד העם געשריבן „שטיקלעך", און אין איינעם פון די שטיקלעך האָט ער „אויסגעוויזן", אַז אמונה איז כהויה א פאַס; נאָך מער, אַז דער אַלטער כלל פון „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו" 1) איז דאָ, ביי דעם פאַס, נישט נוהג... דאָס פאַס איז הייליג אפילו ווען דער וויין איז אויסגעוועפּט, אפילו ווען א שענ־קער א שווינדלער האָט עס אָנגעגאָסן מיט וואַסער, אָדער מיט נאָך עפּעס ערגערס... ווייל דער עיקר — זאָגט אחד העם—איז נישט די משקה, נאָר דאָס פאַס!

איך בין אייך נישט מחויב איבערצודערציילן זיינע ראיות; ערשטנס איז געגנוג אַז „אחד העם" זאָגט, צווייטנס איז אויף אַזוינע באַווייזן נאָר לשון הקדש מיט אירע אמת־פילאָזאָפיש־גליטשיגע אויסדרוקן א לשון; בשעת ווען זשאַרגאָן מיט זיינע ווערטער, וואָס האָבן נאָר צו איינציגע טייטשן און דוקא—פעסטע, זיכערע, איז פאַר אַזוינע קונציגע צונגען־טענץ א לא יצלח; און דריטנס — ניט אין דעם בין איך דאָ אויסן! מיך און אייך דאַרף נאָר פרייען, אַז אַזוי ווי בן־אביגדור איז א פוסק אין רעאַליזם, אַזוי איז „אחד העם" א פוסק אין פילאָסאָפיע, און זינט ער האָט געשריבן ווענן פאַס איז דער גאַנצער עולם פרום געוואָרן...

1) קוק נישט אויפ'ן קרוג, נאָר אויף דעם, וואָס עס שטעקט אין אים.

אַלע פרום! אויסגעשטאָרבן אַלע אַלטע אפיקורסים, אַלע אונ־זערע היימישע ביכנערס, דאַרווינס, ספּענצערס... קיין לעק און קיין זכר! און אַלע קוימען רעדט מען נאָר פון גאָט ב"ה; און קיין איינציגן קוימען האָב איך קיין איינציג וואָרט אָן זיין ליבן נאָמען נישט געהערט.

איך האָב מיך געשמאָלצן אין פוטער; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לעז נאָכאַמאָל דער בת מלכה׳ס א ראָמאַן!

און איין קוימען, למשל, הער איך:

— געלויבט איז גאָט, שיין געלט פאַרדינט אין ארץ־ישראל־אתרוגים!

אין צווייטן — הער איך פאַרקערט, נאָר אַלץ מיט׳ן רבונו של עולם!

— עס איז מיר, ב"ה, געראָטן — איך האָב אָפּגעריסן די פּטום׳ס, אַריינגעפּאַקט די קאָרפּירער אין ארץ־ישראל קאַסטן, און— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, א גאַנץ שיינעם יו"ט געמאַכט...

אין דריטן קוימען קלינגט:

— געלויבט איז גאָט, הור־ר־ראַ, רבונו של עולם! אויס באַגדאַנאָוו! אונזערע פּאַפּיראָסן! וויוואַט שלעמיעל־עט־קאָמ־פּאַני, וויוואַט!

אין פערטן:

— פון יעבצ׳ן, געלויבט איז דער, וואָס איך בין ניט ווערט זיין ליבן נאָמען צו דערמאָנען, קען מען אויך שיין פרנסה האָבן... עס איז א גאַנגבאַרע סחורה ווי שיר־המעלות׳ן, תקונים׳לעך, סליחות, להבדיל... תחינות...

— לעקציעס, — הער איך אין פינפטן — איז ב"ה דאָ, בפרט זינט איך האָב אויפגעהערט צו רויכערן אין שבת בפרהסיא... פון „כל ישראל חברים" לעקט מען אויך אָפּ א ביין, גאָט ב"ה, זאָל נאָך צוריק געבן די סעקרעטאַרסטווע ביי חובבי ציון אָדער, אויב ניט, עכ"פ א שטעלע ביים באַראָן הירש, וואָלט איך ערשט געלויבט און געדאַנקט זיין ליבן נאָמען! איך וואָלט אפילו פאַר זעקס שעה קיין מילכיגס אין מויל אַריין נישט גענומען!

דער שרף גיט א ציטער, אפּנים פאַר קעלט, און מיר פליען צו'ן אן אנדערן קוימען:

„איך האָב געמיינט (הער איך) אז עס איז מיין עק, דער הונ־גער דרייט אין די געדערים, קיין משכון צו פאַרזעצן איז נישטאָ, קיין בטוח בין איך נישט... וואָס טוט גאָט? גנב'ע איך אוועק א זילבערן לעפל..."

דער שרף גיט ווייטער א ציטער, נאָר שוין פאַר שרעק, אזא ליאַרעם, און מיר זיינען אראָפּגעפאַלן פאַר גרויס פּחד.

נאָך אינ'ם אראָפּפאַלן האָב איך שוין געהערט אין וואָס עס גייט: די רבים אין ירושלים האָבן גע'מסר'ט בן יהודה'ן!

און דאָס אראָפּפאַלן האָט מיר הערצלעך באַנג געטאָן! נאָך וואָס, נאָך ווען? וואָס פאַר א נייעס איז דאָ געשען? איז דען נישט מסר'ן א אידישע זאַך? אברהם אָבינו'ס אייניקלעך זיינען רחמנים בני רחמנים, מיט אייגענע הענט וועלן זיי קיין עוף קיין קעפּל נישט אָפּדרייען, דערצו דאַרף מען אַ ספּעציאַלנע שוחט, אָבער — פאַרוואָס זאָל „ער" נישט קומען אויף אַנדערע הענט?

אמת, דער דין איז נישט אזוי, מסר'ן, הייסט עס, טאָר מען נישט, נאָר ע"פּ דין איז פּראַצענט אויך נישט זייער קיין כשר'ע זאַך און פונדעסטוועגן לעבן אידן און לאַכן, מאַכן קינדער חתונה פון ליכווע, זייערע ווייבער טראָגן דערוויילּ די משכנות און עס ווערט נישט קיין לאַך אין הימל! און ווי אזוי דען זאָל מען פּטור ווערן א מיאוס'ן קאָנקורענט, אויסאַרבעטן זיך א שלישי, פּטור ווערן פון א חזב, פאַרמאַכן איינעם דאָס מויל, ער זאָל נישט אויסזאָגן פון חדר, אָדער מבער זיין אן אפּיקורס, וואָס ברענגט אַלע מגפות אין א ריין־אידיש שטעטל אריין? ווי אזוי דען וועט מען פירן א מחלוקת איבער רבנים און שוחטים? א לאַך אין קאָפּ פון א שולחן־לייכטער הייבט זיך אוים! אפשר באַשטעלן ביי קרופּ'ן צי ערגעץ אנדערש ספּעציאַלנע אידישע האַרמאַטן?

נו, וואָס דען טוט מען? אדרבא, גיט א בעסער כלי־זיין! דער מענטש האָט פּאָרט נישט קיין קאַלט בלוט פון א פיש, און אפילו פיש שלינגען אויך איינס דאָס אַנדערע איין!... און די אַלע ווייטער, וואָס עס שטעלן זיך זיי האָר און נעגל קאַפּויר, וואָס גע׳מסר׳ט האָבן דוקא רבנים און דוקא אין ירושלים, די אַלע געדענקען, אפּנים, נאָר אין דעם, וואָס ירושלים איז געווען און קענען נאָר אונזערע היינטיגע, היגע רבנים אין די שטעט, וואו א דין־תורה פּסק׳נט דער מיראָוואָי, שטאָט־זאַכן געהערן צו די „פּני" אָדער „טובי", וואו דער רב האָט נאָר צו טאָן מיט שאלות נשים און הינער פּופּקעס, אין וועלכן עס קאָנקורירט נאָך מיט אים יעדער גמרא־מלמד; וואו דער רב לעבט דער עיקר פון מתנות לאביונים, יום־טוב־פּורים־חנוכה־חתונה־ און ברית־מילה־ געלט; וואו דער עיקר איז דער טרפה׳נער גראָשן פון שבת־שענק, הייוון און ליכט און דער כשר׳ער עטאַט איז נאָר א צו־שפּרונג צו דער פּרנסה.

אמת איז, אַז אמאָל אין ירושלים זיינען קיין מוסרים נישט געווען; מען האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו מסר׳ן און — מען האָט נישט געדאַרפט, ווייל מיט מלקות און ארבע מיתות בית דין וואָלט דער גרעסטער טאַרקוועמאַדאַ יוצא געווען; נאָר פאַר דאָס פריער נאָך, אין מצרים, האָט מען דעם ערשטן משה רבינו׳ן גע׳מסר׳ט! שפּעטער ווייטער, אין ירושלים שוין, אונטער דער ממשלה פון די רוימער, אין דער צייט פון די דייני גזירות, ווען אדמון איז א תנא געוואָרן, איז געשען די גרויסע הייליגע מסירה פאַר פּילאַטוס׳ן!

דעמאָלט טאַקע האָט מען פאַרפלאַנצט דאָס הייליגע מסירה׳לע, דאָס בוימעלע, פון וועלכן מיר האָבן א גאַנצן מיטל־אַלטער די גוטע פּירות געגעסן... פּילאַטוס האָט זיך גיך און באַלד אָפּגע־וואַשן מיט איין מאָל און מיט ריין וואַסער די הענט און איז גע־

בליבן א נקי־כפים עד היום הזה, און אונז האט דאס שווארצע מיטלאלטער מיט אונזער אייגן בלוט הונדערטער מיט יארן גע־וואשן און — איין גאט ווייסט, וואס פאר א פנים מיר האבן נאך היינט!

און ווער האט דעמאלט גע'מסר'ט? אונזערע רבנים'ס על־טער־זיידעס; די פרושים, די פארצייטיגע רבנים, וואס זיינען שטענדיג לאיאל, גוט און פרום געווען; וואס האבן פארשאלטן די בריונים, ארויסגע'גנב'עט זיך אלס טויטע דורך די טויערן צו די רוימער און, אז זיי האבן נושא חן געווען, נישט מער גע־בעטן, נאר מען זאל זיי איבערלאזן דאס רבנות, די ישיבות, די שטריימלעך מיט די גזירות!

נאטירלעך — א היינטיגער רב, א כבד פה, א בטלן, וואס קען נישט קיין צורת מטבע, ווייל דאס ווייב טיילט אים צו יעדן פרייטאג א דרייער אויף טאבאק; דער תלמיד חכם שאין בו דעה, דער וואס ציטערט פאר שמש, קצב און בעדער און ליגט אונטער'ן ערגסטן שניידער'ס צעריסענער פאדעשווע, איז נישט געפערלעך... מיט שופרות און חרמות שרעקט מען היינט קליינע קינדער, און מען טרעפט דערמיט, גלייך ווי מיט א כשר'ער מציאה, אין קרימינאל אריין... נאר מיינט נישט, אז אונזער רב איז בטבע אזוי! אז פון די אמאליגע פרושים מיט נעגל און באק־ציין זיינען לעמער געווארן, אז אין אונזער וויינגארטן אויפ'ן גרונט פון „אתה בחרתנו", געמיסטיגט מיט נאציאנאליזם, וואקסן נישט קיין טארקוואמאדאס! דאס איז נאר „סריעדא זאיעדאיעט" און — גלייך מיט פאפירנא'ס האן אין „משלי הזמן" טענה'ט דאס שטילסטע רב'ל, אונטער פיר אויגן מיט'ן רבונו של עולם, און פרעגט:

פארוואס האסטו אונז נישט געגעבן
דיינע דונערן און בליצן?
אך, וואס העלפן שוואכע דרשות
און די נעגעלעך מיט שפיצן?

גיב צוריק אונז דאָס גיהנום
דאָרטן אויבן, דאָ אויף דר'ערד!
גיב אונז מלקות, ארבע מיתות,
העק און שטריק, שפיז און שווערד!

כאַטש א קליינע גיליאָטינע!
גיב אונז כוח, נעגל, הערנער!
וועל — מיר רייניגן דיין גאָרטן,
וועל מיר רייסן אוים די דערנער!

אָט, דאָ איז דער הונט באַגראָבן!

קיין איינציגע פיאַווקע וועט קיין איינציגן טראָפּן בלוט נישט אויסזויגן, כל זמן זי ליגט אין באַנקע... זי קלעפּט זיך צו מיט חנ'עוודיגן ווײַדעלע צום גלאָטן גלאָז, און שאָקלט זיך אַזוי אומשולדיג ריין, אַזוי גוט און פרום, אַז עס כאַפּט אָן ביים האַרץ! קיין צורת מטבע, קיין צוויי נישט ציילן! נאָר פּרואוו בינד אויף דאָס שטריקל, נעם זי אַרויס פון תפיסה און שטעל זי דיר אויפ'ן לייב!

פּרואווט ניט אונזערע רבנים די ממשלה אין די הענט אריין, וועט איר שוין זען, ווי אַזוי די פּאַסטוכעס פּאַשען די שאָף! און אפילו היינט, אין היינטיגן דור, דאָ ביי אונז, ווען דער רב האָט נאָר א פּראָווע אויף קדושין, מילה און א שטריימל, האָט זיך דאָך געפונען א רב'ל, וואָס האָט אָפּגע'מסר'ט זיין אייגן קהל מיט כלל ישראל צוזאַמען: אַז אָן רב, קיטל און טלית שווערן אַלע אידעלעך פאַלש, וואָרים... וואָרים אַז דער רב קומט צו דער שבועה כאַפּט ער א רובל פאַר'ן וועג!

נעמט דאָס אייגענע רב'ל און שיקט עס איבער קיין ירושלים, גיט אים א ממשלה איבער קהל דורך דער חלוקה, גיט אים א

שטיקל דעה ביים טערק, וועט ער ליגן ראָטשילד׳ן אין חרם אריין פאר שקאָלעס, פארשיקן אפילו יעבצ׳ן אויף טערקיש־סיביר און מעשים טאָן ווי די אידישע יאַאַנאַ ד׳ארק די בריסקער רביצין! ער וועט אפילו שותפות מאכן מיט׳ן טערק אין „עבודת הבורא״; דער טערק וועט שלאָגן מיט׳ן באמבוס אין דער פאָדעשווע אריין פון הינטן אַרויף, דאָס רב׳ל וועט קלאַפּן במקל ורצועה, מיט׳ן שופר אין שול־קלאַפּער, אין קאָפּ אריין, פון אויבן אַראָפּ און אזויערנאָך וועט זיך אם בעסטן דערהאלטן דאָס „פינטעלע איד״ אינ׳ם אידישן הארץ אין דער מיט!

און וואָס שרייט איר? איר האָט אייך אויף ירושלים נישט געריכט?

וואָס קענט איר בעסער האָפן פון א שטאָט, וואָס איז פון אייביגע דורות שוין א שפּוק־ און מיסט־קאסטן, אַן איזאָלאַ־ציאָנס־שפּיטאָל פאר אלע אידישע קהלות אין דער גאנצער וועלט געוואָרן? וואו נאָר א בטלן, אַן אינטריגאַנט, א מיאוס׳קייט, א בלינד געוואָרענער שוחט, אַן אָפּגעשלאָגענער פּראָצענטניק, וואו נאָר א שנאָרער, א נגע, א צרעת, א קולאַק — א רביצין, א משוגע־נער רב, אַלץ וואָס „אין לא תקנה אלא קבורה״... דאָס אַלעס האָט מען אויסגעשפּינען, אויסגעקערט און אַוועקגעטריבן קיין ירושלים.

דאָ ביי אונז זיינען טייל אפילו נאָר פּראָסטע שוטים געווען, נאָר אוירא דארץ ישראל מחכים, ווערן זיי מוסרים... אַז „אוירא דארץ ישראל מחכים״ איז נישט קיין הוילע וואַנט, נישט קיין אויסגעבלאָזן איי, האָט איר דעם בעסטן סימן אין יעבצ׳ן, דעם אידישן טרייטשקע אָדער אילאָוויסקי... דאָ, האָט מען פארשיידן גערעדט איבער זיינע פייאיגקייטן, היינט איז שוין קיינער נישט מסופק, אַז דאָרט איז ער ערשט עכט קלוג געוואָרן... ער וועט שוין היינט קיין איינציג פּיצעלע בלאַטע פון קלענסטן נעגעלע פון דער כנסת ישראל׳ס מינדסטן פינגערל נישט לאָזן אַראָפּפאַלן, און —אויב די ירושלים־רבנים וועלן אים אוים לויטער קאָנקורענץ נישט ליגן אין חרם אריין אָדער פארשיקן וואו דער טערקישער

פעפער וואקסט, וועט ער אַרויסוואקסן א גאַנץ גרויסע קלוגע שפּיז, וואָס זיצט אַקוראַט אין ירושלים אין הארץ פון ארץ ישראל, וואָס איז טאַקע די מיט (על כל פּנים) פון דער אידישער וועלט, און כאַפּן פּליגן מהודו ועד כוש — פון איישישאָק ביז האַציפּלאָץ... און אז יעבץ איז קלוג געוואָרן וואָס דאַרף נאָך ווערן פון אמת'ע גמרא־קעפּלעך?

אומגעריכט פון ריינעם הימל איז נאָר דער דונער אין די חובבי ציון אריין! אך, וויפיל דאָס האָט געקאָסט, איידער דער רבינ'שער הימל האָט זיך פאַר זיי אויסגעלייטערט און איז ריין און אויסגעשטערנט געוואָרן! צו דעם צוועק האָבן די „בני משה" אָנגענומען א גרויסן יעזואיטישן שולחן־ערוך מיט'ן הויפּט־פּאַראַגראַף: פּרום צו זיין, כדי צו געפעלן דעם המון עם! סלוצקי, נעבעך, האָט זיך געוואשן אין דער בלאָטע פון רב'נישע פּיס! עולי־רגל'ניקעס האָבן אונטערגעשריבן די „ערלעכע חשבונות" פון דער „חלוקה" אין ירושלים; מיט גרוים מי און אויף אייגענע הוצאות, האָט מען אַרויפגעשלעפּט אויפ'ן אייפעל־טורעם א קליין פאַרגעסן רב'ל און געמאַכט דערפון א רב־הכולל, א „גראַן־ראַבען" מיט משה רבינו'ס פּנים! אינ'ם ווערמאָנטישן „המליץ" האָט מען שוין אפילו אָנגעהויבן צו שמועסן מכח איבערגעבן אַלע חדרים, די גאַנצע דערציאונג פון נייעם דור און אַלע קהל'שע עסקים אין רב'נישע הענט אריין, (כאָטש מיט'ן יעבץ און רע־קענדאָרף קען מען יוצא זיין לכל הפּחות) מיט איין וואָרט — מען האָט אַלץ געטאָן, די רבנים זאָלן זאָגן: „באָם!" כדי די חובבי־ציון זאָלן האָבן „בים־באָם"! און די שעפּסן זאָלן זיך שערן אום געבלעקט...

צום סוף, נאַ!

די אַלטע יעזואיטן האָבן אריינגענאַרט די נייע אין זאַק אריין; בן יהודה זיצט תפוס, די פאַבריק פון לשון־קודש ווער־טער איז פאַרמאַכט, און גיי פרעג שאלות ביי גאָט!

נאָר מיינט נישט, חס ושלום, אַז איך וויל דאָ אַ וכוח האָבן, אָדער נאָך אפשר אַ מלחמה האַלטן, מיט די חובבי ציון; ערש־טענס, מה אנו ומה חיינו? ווי קומט אַלץ צו שטעלן זיך מיט אַזוינע לייט, וואָס הערן דעם סולטאַן ווי די קאַץ, וואַרטן נישט אויף משיח'ן, בויען אַליין די פּאַפּירענע בריק און זאָגן דער כנסת ישראל: בטלן, גיי פּאַטש! און אייל דיך, וואָרים — קוים וועסטו אַ ישוב האָבן, וועסטו שוין קיינמאָל נישט פּאַטשן!*) צווייטנס בין איך אַליין אַ „חובב ציון", כּמעט אויף אַן אַנדערן אופן, דריטנס איז אין דער חברה, אויסער די „בני" — נאָך דאָ די „בנות" ציון, און זיי וואָלט, נישט נאָר אַ בייזער־לײַ, נאָר אפילו דער גרעסטער אַנטיסעמיט געגלעט... פערטנס — און דאָס איז דער עיקר — עס איז נישט פאַר מיין קאָפּ, נישט פאַר מיין כח!

איר האָט אודאי געהערט, אַז פּאַרצייטנס, אין דער ראָמאַנ־טישער אַלטער צייט, פלעגן זיין — אויסער די גוטע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט אין אָנהויב פעליעטאָן — נאָך פאַר'־כשופ'טע חיות ובהמות, וואָס פלעגן חרוב ונחרב מאַכן דערפער און שטעט... פון צווייטן, פון מענטשלעכן צד, פלעגן ווייטער זיין אַמאָל — העלדן, אַזוינע אמת'ע גבורים, וואָס פלעגן זיך מקריב זיין לטובת הכלל, כּמעט עס איז נאָך דעמאָלט קיין צייטונג נישט געוועזן און עס האָט קיינער נישט נאָטירט קיין איינציגן זיפץ פאַר די אָרימע ברידער...

אַזאַ גבור פלעגט אַרויסגיין בחרבו ובקשתו. איינער אַליין, אָן חברות, אָן סובווענציע, אָן אָן אויסגעבעטלטן גראָשן; ביי קיינעם זיך נישט אָנגעפרעגט, ביי קיינעם אויף הוצאות נישט גע־נומען און באַגעגענען זיך מיט דער חיה רעה! אַ סך גבורים זיינען געפאַלן, טייל איז דאָך געראָטן צו באַפרייען דאָס שוואַכע דאָרף אָדער דאָס שרעקיגע שטעטל פון'ם כשוף!

שלעכט איז אָבער געוועזן דעם גבור, אַז ער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ „דראַקאָן".

---

*) וואָרט־ביי־וואָרט פון „כורת" (קאָוועראַס) אַרויס.

דראקאן, איז א פאר'כשוף'טער פיפערנאטער, אדער אזא גיפ־טיגע שלאנג, מיט — אדער אן פליגל, נאר מיט עטלעכע קעפ... יעדער קאפ האט א באזונדערן פיסק, באזונדערן גיפט און א באזונדערע מעלה — אז, אפגעהאקט, וואקסט ער תוך כדי דבור צוריק! בייקומען אזא דראקאן, האט מען אנדערש נישט געקענט, נאר סיידן, אז מען האט אים אלע קעפ מיט איין מאל אפגעהאקט!

אזא מין דראקאן זיינען די חובבי ציון, און נישט, חס ושלום, ווייל זיי זיינען חובבי ציון, נאר ווייל זיי זיינען א חברה: אלס חברה האבן זיי טויזנטער קעפ, די קעפ זיינען נאך צעשפרייט און צעזייט אויף ארבע פנות העולם... און גיי זוך פאר זייערט וועגן א שנייד־מעסער!

אויב איר מיינט, אז די מעשה מיט'ן דראקאן איז א „משל כחרס הנשבר", ווייל דער דראקאן איז, להבדיל, גלייך מיט איוב הצדיק, עליו השלום, א לא היה ולא נברא, און אז ער, דער דרא־קאן, האט דעריבער געקענט שאדן נאר די, וואס האבן אינ'ם גע־גלויבט, בשעת ווען די חובבי ציון זיינען דא, זיינען א פאקט גלייך מיט אנטיסעמיטיזם, רעאליזם און אנדערע פאקטן? וועל איך אייך ענטפערן, אז אין דעם טאקע איז ערשט דאס משל אמת! ווארים, צווישן אונז גערעדט, איז דער „ציון" און די „חבת ציון" אויך ווי איוב הצדיק נישט געשטוינגן, נישט געפלוינגן, און די „חובבי־ציון" זיינען אויך דעריבער נישט שעדלעך נאר פאר יי וואס גלויבן און געטרויען!

אויב עס איז דא צו געפינען א חילוק, שטעקט ער נאר אין דעם, וואס דער דראקאן האט געהאט נאר איין מאגן, איין מאגן הכולל פאר אלע קעפ און דעריבער האט ער וויינעגער געברויכט, בשעת ווען ביי'ן א מענטשלעכער חברה האט יעדער קאפ א באַ־זונדערן מאגן; יעדער קאפ מוז באזונדער בייסן, רייסן און פרעסן אויף זיין באזונדערן אייגענעם חשבון, און דעריבער — קאסט

אונז יעדע חברה אזוי פיל, אזוי טייער! דעריבער איז ביי „צדקה" דער רעאליזם נישט נוהג, די חשבונות מוז מען מאכן פון דער „ווייטנס", עס העלפט קיין שלאָם און ריגל, און נישט אומזיסט שרייט דער דאָקטאָר סקאָמאָראָווסקי, אז פאר „ציון" איז דער רעאליזם סם, אַז אויסלייזן דארף מען נאָר אידעאַליסטן, און די רעשט זאָל מען איבערלאָזן צו אַלדע שווארצע יאָרן אין פינצטערן גלות!

ניין, ברידער! איך וועל מיר שוין איינשטעלן דאָס לעבן און ארויסטרעטן געגן דער גרעסטער חיה ובהמה, אזוי אין לעבן ווי אין דער ליטעראַטור, איך וועל אפילו אָנטרעטן שלאַנגען :זון ענדישן אויף די ווידל, ליגן אַ פינגער אפילו מוסרים אין מויל אריין, נאָר מיט אַ דראַקאָן, זייט מיר מוחל, קען איך נישט האלטן מלחמה! ווייל אַ דראַקאָן מיט עטלעכע טוץ קעפּ קאָן מען אפילו ביי קיין ליגן נישט כאַפּן! בפרט, ווען דער דראַקאָן פראלט גלאַט אזוי הויל־אויפגעבלאָזן־ווייך, אַז עס נעמט אים קיין מעסער נישט, און טוישט נאָך דערביי יעדע רגע, און אזוי געשווינד, די קעפּ, אַז עס שווינדלט אין ד'אויגן...

פינף און דרייסיג קעפּ שרייען: לויפט, פליט, רייסט, יאָגט קיין פּאַלעסטינע... עס רינט דאָרט פאר אייך האָניג און מילך, דער טערק וואַרט מיט אויסגעשפרייטע הענט, דער אראבער חלש'ט נאָך אייך!... און אַז עטלעכע הונדערט צי אַ טויזנט בעלנים הערן און פארגייען אין דער נויט, ווערן בלינד פון שלעכט וואַסער, אויסגעדאַרט פאר הונגער, אויסגעזויגט פון באַקשיש; אַז ווייבער ווערן דורכגעשמיסן פון באַמבוס — אויף די נאַקעטע ברוסטן, און נערה־שנתפתתה'ס וואַקסן פון פּאַטריאָטן ווי האָלץ—הויבט זיך אויף אַ זעקס־און־דרייסיגטער קאָפּ, און דרש'נט: „מיר האָבן באַלד געזאָגט: לויפט נישט! אַ בפירוש פּסוק: בשובה ונחת תושעון! עמא פזיזא, רחמנא לצלן!...

זעקס־און־דרייסיג פארשטאָפּטע, פארפאַנצערטע פיליסטערישע

קעפּ שרייען אוים: „פאַנאַטיזם! שולחן ערוך! לאַנגע רצועות און בערד! רבנים!" און דערנאָך, אַז דער עולם קוקט זיך אום, און עס ווערט אים נמאס פאַר'ן אַלטן רב'נישן לידל מיט די פאַר־הושכ'טע תנועות, הויבט זיך אויף א זיבן־און־דרייסיגטער קאָפּ און זאָגט: „אדרבא איפכא! אמת, עס זיינען דאָ צווישן אונז עטלעכע פלעדערמייז, אָבער מיר אליין, מיר חובבי ציון באמת... אדרבא, לערן באָטש שליידן! אָט דרוקן מיר גאָר ליפּערט!"

זיבן־און־דרייסיג קעפּ שרייען: אוים יפת! פּאַשאָל וואָן, יפת! אוים גריכנלאַנד, אַהיים אידעלעך! אונזערע אייגענע קולטור! און אַז מען קומט נעענטער און פרעגט: ווער איז די קולטור, ענטפערט אַן אכט־און־דרייסיגסטער אָפענער מוח גאָר בווידעם! איז די „גמרא" מפרש, אַז די „משנה" האָט נאָר גע־מיינט — „טאַנצן מיט ווייסע האנדשוּ", אָבער מאַטעמאַטיק „מהיכי תיתא"... און תוך כדי דבור גייט א באַל פאַר „יהודו", הייסע חובבי ציון טאַנצן מיט — אויך נישט קאַלטע נקבות, עס גייט צו אייראָפּייאיש מיט אַלע מפרשים, אפילו מיט קרייצן פאַר די טענצער...

נו, גיי שפּאַר דיך, אַז דו ווייסט נישט מיט וועמען? און דערצו ווען אַלע אונטער מאַסקעס, זעקס־און־דרייסיג שטריימ־לעך וכנגדם ביבשה: זעקס־און־דרייסיג דזיעטאָנען פון פאַרשיי־דענע אוניווערזיטעטן! אַז אפילו רביים חלומ'ען שוין אויך פון „ישוב", זיי „ווענשען" אויך מיט די נעז, זיי האָבן שוין אויך א ביין דערפילט!

און אַלע האַלטן זיך אונטער איין פאַראוואַן, אונטער איין „אהבת־ציון"... באַ, וואָלטן זיי כאָטש ווייניגער שלינגע אין די מיילער געהאַט... דערווייל האָבן זיי נאָך גאַנצע ברונען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב נישט איינמאָל געזאָגט, אז איך בין בטבע נישט קיין לץ, נאָר דוקא א בעל־בכי און אז נאָר מיין פינצטערע פרנסה האָט מיך פאַר אַלץ געמאַכט; איך זאָג אייך נאָך א מאָל: איך בין בטבע א גרויסער בעל־בכי, און דאָך, כאָטש ביז אהער בין איך פון שוחד נישט בלינד געוואָרן, און האָב נאָך כמעט גאָר נישט געוויינט אויף גלות־השכינה, אפילו קיין פּאַפּירענע טרערן נישט פאַרגאָסן, קען ביי מיר די שרעקלעכע מסירה קיין איינציגן טראָפּן נישט אַרויסנאַרן! דעם רבי'נס כבוד אַרט מיך נישט, אויף ירושלים אַלס שטאָט האָב איך שוין לאַנג אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט! און איך ווייס, אז ווען איך זאָל וועלן לאָזן כאָטש איין טרער אויף יעדער אידישער מסירה, וואָלט איך אויס'ם נייעם א מבול געבראַכט, עס וואָלט מער וואַסער געווען ווי אין אַלע אונזערע ליטעראַטורן...

איך וואָלט געקענט רירן די קאָלאָניזאַציע אַליין, — נאָר זיך וועט עס נישט שאַטן. איך גלויב באמונה שלמה, אז דאָס יונגע קינד וועט אַנדערש נישט געזונט ווערן און אָנהויבן וואַקסן, ביז מען וועט עס נישט באַפרייען פונ'ם אומריינקייט אויפ'ן קעפּל...

ביז מען וועט נישט פאַרמאַכן די פאַבריקן פון קרעציג־מיסטיגן פאַנאַטיזם, די „זאַוואָדן" פון מלשינות־פולווער, פּאַסקווילן־קוילן און שקרים־האַרמאַטן, ביז עס וועלן נישט אויפהערן „ערנסטע ווערטער", אין וועלכע עס קלינגען: עטלעכע מטבעות, ווער־מאָנט'ס עדות און צעדערבוים'ס שכל הישר... ביז מען וועט נישט פאַרמאַכן אפילו — די „בתי חרשת" פון נייע בלעכענע לשון־קודש ווערטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרטראַכט אין די געדאַנקען, וואָס פּאַסן נאָר נישט פאַר א לץ, האָב איך גאָר אינ'ם מלאך פאַרגעסן, און ער איז מיר דערווייל נעלם געוואָרן!

איך רוף, איך שריי, איך ווער הייזעריג, קיינער ענטפערט נישט!

צי האָט אים זיין אַלטער באַלעבאָס נישט צוריקגענומען פאַר רחמנות? צי האָט אויף אים אַן אַנדערער, נישט מאָדישער מחבר, די השגחה־פליגל פאַרשפּרייט? צי האָט אים נישט עמיצער, חס ושלום, גע׳מסר׳ט?

דאָס ווייסט איין בורא עולם, נאָר איך מוז אָפּהאַקן פון מיין פעליעטאָן; פליען איבער די דעכער — האָב איך נאָך געקענט, נאָר צופוס גיין צווישן דעם מיסט—לאו!

אַדיע! צום ווידערזען אויף בעסערע צייטן!

איבער שרפות

יעדן זומער מערן זיך די שרפות אויף דער האַלצערנער פּראָווינץ, נאָר דאָס יאָר האָבן מיר געהאַט אַ מגפה פון שרפות.

מען האָט נישט גערעדט פון פאַרברענטע הייזער, נאָר פון גאַסן און שטעט, וואָס זיינען אוועקגעגאַנגען מיט׳ן רויך!

טויזנטער פאַמיליעס זיינען געבליבן אָן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ, טויזנטער באַלמעלאָכעס — אָן וואַרשטאַטן, אָן כלים צו דער אַרבעט; באַלעבאַטישע מענטשן האָבן געמוזט אויסשטרעקן די הענט נאָך בעטל־ברויט.

אויך איז זיך זעלטן באַגאַנגען אָן לעבעדיגע קרבנות.

מיר האָבן געלעזן פון מענטשן, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן משוגע פאַר שרעק אין די ברענענדיגע גאַסן, און האָבן נישט געפונען דעם וועג פון דער שרפה אַרויס.

פון עלטערן, וואָס האָבן אין פייער און רויך די קינדער פאַרגעסן און געראַטעוועט אַ שעניק מיט שטרוי אָדער אַ שייטל האָלץ.

פון באַלעבאַטים פאַרברענטע, וואָס האָבן געדריקט אין פאַרקנוילטע הענט עטלעכע רובל...

ווער איז שולדיג אין דער שרעקלעכער מגפה פון שרפות?

שולדיג איז געווים דער דלות, וואָס בויט מיט האָלץ און שטרוי, נישט מיט שטיין און אייזן.

שולדיג איז די ברענענדיגע זון, וואָס האָט דאָס אַלץ אויסגעטריקנט ווי די קינדלעך.

שולדיג איז דער, וואָס איז נישט געוואָרנט געוועזן און האָט דעם ערשטן פונק געלאָזט.

שולדיג איז דער ווינט, וואָס האָט געשפּילט זיך מיט'ן פּייער און איבערגעוואָרפן די פייערדיגע צונגען מיט די רויכיגע זיילן פון איין עק שטאָט צום צווייטן.

נאָר שולדיג איז אויך די פאָרשטעלונג פון א „געראָטן קינד", דאָס אידעאַל פון גוטע, ציכטיגע אינגלעך, וואָס האָט נוהג געווען אמאָל און איז נאָך נוהג עד היום אויף דער פּראָווינץ, וואָס איז געבויט פון האָלץ און פון שטרוי...

וואָס הייסט א גוט ציכטיג קינד? נישט אַזוינס, וואָס וואַרפט אַרויף די פאַנטאָפעל אויפ'ן דאַך פון נידעריגסטן הייזל, ער זאָל דערנאָך אַרויפקריכן און זיי אַראָפּנעמען; אפילו נישט אַזוינס, וואָס פילט אין זיך אן איבעריג ביסל כוח און וויל עס אַרויסברענגען מיט „איבערהאָצקען" די גאַס! אפילו נישט אַזוינס, וואָס שפּרינגט איבער דער שטוב פון איין ענגן ווינקל צום צווייטן!...

ווייי און ווינד איז דעם קינד, וואָס מען האָט געטראָפן רייטנדיג אויפ'ן שטאָט־צאַפּ, אַרומשפּרינגען אויף די ברעטער, וואָס מען האָט אָנגעגרייט צו'ן א בנין.

ציכטיג און שטיל הייסט — גיין זיין וועג מיט קליינע שפּרייז, ווי א כשר'ער איד אין שבת, נישט אָפּשטעלן זיך אין גאַס און אן אויג וואַרפן אויף דעם, וואָס טוט זיך אַרום, בפרט נישט אַרויסכאַפּן זיך פון שטאָט און זען, ווי דיביימער וואַקסן אָדער ווי עס שאָקלען זיך די זאַנגען אין פּעלד.

אן איבעריג מאָל זיך באָדן איז א זינד; א הויך, פריילעך, קינדיש געלעכטער, א סימן פון א „לאָבוז", פון א מיאוס'ן קונדאַס! ווער שמועסט א פייף טאָן אָדער לאָזן א פּאַפּירענע שיף אויפ'ן רינשטאָק! צו שפּילן אין באָל מוז מען שוין זיין אין אמת א „שייגאַץ"...

א גוט, ציכטיג קינד הוידעט זיך נישט אויפ'ן בענקל, קוקט נישט אַרויס דורכ'ן פענצטער, שטייט נישט אין טיר; די איינציגע באַוועגונג, וואָס אים איז דערלויבט, איז צו שאָקלען זיך ביים דאַווענען און צו דרייען מיט'ן גראָבן פינגער ביים לערנען; זיצן אויף איין אָרט, נישט קענען קיין צוויי ציילן; זיצן שטיל מען זאָל „זיין פּאָרע נישט הערן".

אָט דאָס איז א וואויל געראָטן קינד!

א מאַמע פרייט זיך, אז איר קינד זעט שוין, קיין עין־הרע, אויס, ווי אן אַלטער! על כל פנים ווי א מענטש!

נאָך גרעסער איז די שמחה, אויב עס קרימט זיך אים אויס דער מאַרך־ביין מיט'ן פלייצעלע פון התמדה; ווער שמועסט, אויב דאָס קינד ליידט שוין אויף א געוויסער קרענק גלייך מיט'ן ערשטן בעסטן מלמד!

א אידעאַל פון א קינד איז — א ווייך לייב ווי א קליסקעלע, א געלב פנימ'ל ווי א וואַקס, און דורכזיכטיגע הויט ווי גלאָז... דערצו מוז עס נאָך זיין קרום ווי א שופר...

אן אמת אידיש קינד הייסט עס, א רינענדיג נעזל און טריפענדיגע אייגעלעך האָט עס, אויף ליימענע פיסלעך שטייט עס, נאָר עס שיינט און עס האָט טויזנט חן! טאַקע א פיין, גרין ציבעלקעלע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט אויפ'ן מיסט אין גשן פון מצרים...

פון די שטיל־שווייגנדיגע קינדער ווערן חתן־בחורים...

אַלע אַרום האָבן געטאָן זייערס בשלמות: דער פאָטער האָט אויסגעפּאַטשט, די מוטער — אויסגעקניפּן, פעטערס און מומעס — אויסגעשריען, און די מלמדים — אויסגעשמיסן א פיין חתן־בחור'ל...

אומזיסט באַמיט זי די לעבנדיגע יוגנט אויסצובלאָזן אינ'ם פאַרטריקענטן הערצל עפּעס א פאַרלאַנג, א חשק צום לעבן; דער הויך פון פרישן זומער בלאָזט אויף אַש, דער מאָרגן־טוי פאַלט אויף פויל האָלץ.

דעם חתן־בחור בליצן אויף די אויגן אפשר דעמאָלט, ווען ער קריגט א מתנה א זייגערל, א יאַרמולקעלע; ווען ער מאַכט א סיום, ווען מען פאַרברענט דאָס חמץ, אָדער ווען א איד מעג נעמען אן איבעריג ביסל בראָנפן, דאָס הייסט, פורים — המן'ען אויף פּאָהיבעל! אפשר נאָך שמחת תורה!

מיד און פאַרשלאָפן שטעלט ער זיך אונטער דער חופּה און כאַפּט זיך אויף צו מאָרגן שוין אַלס יונגער מאַן!

עס שפּראָצט אים נאָך קיין איינציגע האָר איבער דער אויבערשטער ליפּ און ער איז שוין איינגעשריבן אין חברה־קדישא!

איידער ער געוואוינט זיך צו צו דער נייער „תבונה", צו זיין אייגענער שטאָט און קלויז, צו'ן אַ באַלעבאַטישער עליה — איז ער שוין אַ טאַטע פון אַ קרענקלעך קינד, וואָס וועט דורכמאַכן דעם אייגענעם קראַנקן וועג, אונטער דעם אייגענעם רעגן פון צופּ, רים, קניפּ, דזיאָך און פּעטש...

נאָר—מיר האַלטן נאָך נישט ביים קינד.

דער פאָטער ווערט דערווייל אַן אמת פיין באַלעבעסעל! ער מישט זיך נישט אַריין אין קהל'ס זאַכן; ער וויל נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי דער קלפּי; זיין דאגה, ווער עס איז גבאי אין בית־המדרש! ער זאָגט קיינעם קיין דעה נישט, ער האָט זיין ווייב, זיין שטוב, זיין גמרא אויף זיין שטענדער און זיצט זיך שטיל ווי אַ טויב, נאָר דער גאָרב ווערט גרעסער און גרעסער און אויף דער לעבער הויבט ער אָן צו ליידן...

מיר ווילן דעם שטילן ציכטיגן יונגן מאַן נישט באַגלייטן אויף זיין שטיל, ציכטיגן וועג ביז'ן קבר אַריין. מיר פאַרהאַלטן זיך ביי דער מינוט, ווען ער איז אין די בעסטע, בליענדיגע יאָרן— אַ שיין יונג באַלעבעסל, ווי געזאָגט — פון אַן אייגענער שטוב, פון אַן אייגן ווייב און קינדערלעך, מיט אַן אייגענער שטאָט אין בית־המדרש. אַ חנ'עוודיגער יונגער מאַן! אויסגעווייקט ווי אַ הערינגל.

ביי די שלייפן אונטער'ן דינעם הייטל שפּרינגען אַרום בלויע אָדערן.

אַז ער נעמט די קופּערנע קוואָרט מיט די צוויי אויערן צום וואַשן אין דער האַנט אַריין, ציטערן אים די הענט.

אַז ער גייט איבער דער גאַס אויף די שטרויענע פּיסלעך, ווייסט מען נישט צי לאָמט ער, צי האָט אים אַ ווינט געכאַפּט און אויסגעקרימט!

די אויגן זיינען באַהעפט צו דער ערד — טאָמער, חס ושלום, קומט אים אַנטקעגן אַן אשה!

דער קאָפּ איז געבויגן איבער'ן דארן ברעטל, וואָס מען רופט „ברוסט", ער זאָל, חס ושלום, נישט דריקן די פּיס פון דער שכינה!

מיט די הענט וואַרפט ער נישט, עס איז קיין דרך־ארץ, קיין שטיינער נישט!

אָט א שטיל־ציכטיג באַלעבעסל ווערט פון א שטיל־ציכטיג קינד...

און אַז דאָס שטעטל באַשטייט פון א סך אַזוינע יונגע באַלעבאַטים, און עס איז געבויט פון האָלץ, און די היצן האָבן דאָס האָלץ אויסגעטריקנט, און א שכור האָט פארלוירן א פונק, און עס מאַכט זיך דערצו א ווינט... פאַרשטייט איר אַליין שוין די רעשט...

אונזער יונגערמאַן וועט קיין קאָן וואַסער נישט טראָגן, אויף קיין דאַך נישט קריכן; קיין האַק, קיין דראָנג אין האַנט אַריין נישט נעמען...

אונזער יונגערמאַן שטייט פאַר זיין אייגן הייזל און ציטערט ווי אין א פיבער! ער ציטערט, נאָר ער מישט זיך נישט... אַז דער רבונו של עולם וועט וועלן, וועט ער איבערדרייען דעם ווינט אָדער עס וועט אַראָפּפאַלן א שלאַגס־רעגן... און אויב נישט, אויב זכות אָבות וועט נישט העלפן און דאָס פייער וועט צוקומען צו זיין אייגן הויז, דעמאָלט... אָ! דעמאָלט וועט ער ערשט משוגע ווערן פאַר שרעק און ראַטעווען א שייטל האָלץ...

איך האָב די באַמערקונג געמאַכט מיינם א באַקאַנטן זיידענעם יונגנמאַן, בשעת מיר זיינען געזעסן אויף א שטיין, א שריד ופליט פון אַן אָפּגעברענטער גאַס און האָבן באַוויינט דאָס פרישע חורבן.

— איך איז גוט צו זאָגן, — ענטפערט מיר דער יונגערמאַן — און איך וויל אייך פאַרציילן, וואָס מיין פעטער אברהמ'ל האָט געהאַט!

איינמאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען שפּעט ביינאַכט, שבת־צו־נאַכט פון א שלוש סעודות, נאָך א קענדל פרישע וואַסער צום פּלומפּ...

ער איז א בעלזער חסיד, און בעלזער חסידים פירן לאַנג שלש סעודות...

היים איז געווען, האָט זיך זיי פריש וואַסער פארגלוסט.

ווער זאָל גיין צום פלומפּ? האָט מען גורל געוואָרפן! און דער גורל איז געפאַלן אויף מיין פעטער אברהם.

מילא, דער גורל איז געפאַלן, גייט ער.

ער גייט צו צום פלומפּ, גיסט אָן א קענדל וואַסער און גייט צוריק אין א ציטערניש, עס זאָל אים קיין הונט נישט אָנפאַלן; וואָרים שפּעט ביינאַכט. אז עס ווערט שטיל אין מארק, הערט זיך דאָס וואָיען פון די הינט פון דער פאָרשטאָט, אז עס גייט א שוידער דורכ'ן לייב.

טייל מאָל טרעפט זיך, אז א הונט פאַלט איין זיך דורכצו־שפּאַצירן אין גאַס און אָפּרייסן א איד'ן א פּאָלע.

הכלל—ער גייט.

לויפן קען ער נישט, דאָס קענדל מיט'ן וואַסער איז געוויס שווער; אויסגיסן און צוריקקומען מיט א ליידיגער קאַן, שעמט ער זיך!

נו—טרעפט זיך אים א נס!

ער דערזעט פון ווייטנס, אז עפּעס בלישטשעט רויטלעך. „אן אוצר" מיינט ער, און דאָס באַגייט אים דעם כוח און ער לויפט צו מיט'ן קענדל וואַסער! ער האָט עס קיין צייט נישט געהאַט אוועקצושטעלן!

ער קומט צו נעענטער, זעט ער, אז משה־אהרן דעם שוחט'ס הייזל הויבט נאָר וואָס אָן צו ברענען; איר קענט דאָס הייזל? עס וואַקסט שוין א יאָר 40 אין דער ערד אריין, ציגן שפּרינגען אַרום אויפ'ן דאַך.

און דאָס דעכל ברענט אין א זייט. א שפּיץ פון דער שטרויע־נער זוים ברענט ווי א ליכטל...

מיין פעטער אברהם קלערט נישט לאַנג, גיסט ארויף דאָס קענדל וואַסער און גיט א געשריי: „געוואַלד!" —

וואָס קלערט איר? א סוף ווי המן האָט ער געהאַט!

א יאָר נאָכאַנאַנד האָט מען אים געשלעפּט אין פּאָליציי און אין סאָנד אריין פאַר אַן עדות! איר קענט מיין פעטער אברהם? א שיינער עדות? ערשטנס פארגעסט ער אראָפּצונעמען דאָס היטל —כאַפּט מען עס אים אראָפּ מיט'ן קאָפּ צוזאַמען; דערנאָך זעט מען, אַז ער איז אריין מיט בלאָטיגע שטיוול, וואַרפט מען אים ארויס, ער זאָל זיי אָפּווישן; מיינט ער, אַז מען הייסט אים אהיים גיין — שלעפּט מען אים צוריק מיט זשאַנדאַרמען. און דערווייל קען ער קיין צוויי ווערטער גוי'איש נישט רעדן. און דאָ הייסט מען אים דערציילן, וויפיל איילן ווייט ער האָט דאָס פייער דער־זען, ער זאָל אָפּמעסטן אויפ'ן טיש, ווי גרויס דאָס פייער איז געוועזן...

און ער הויבט נישט אָן צו וויסן, וואָס מען רעדט צו אים! און אַז ער פארשטייט שוין, וואָס מען פארלאַנגט און וויל מעסטן, דערזעט ערשט דער בורמישטש, אַז ער האָט פארסמאָליעטע הענט און וואַרפט אים ווייטער ארויס — ער זאָל זיך אָפּוואַשן די הענט און נישט איינריכטן דאָס גרינע טישטעך!... וואָס קלערט איר, עס האָט געדויערט א יאָר! מיין פעטער אברהם האָט נישט גע־האַנדלט, נישט געלערנט, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן און איז אריינגעפאַלן פאַר צרות אין א קרענק!

אָמבעסטן — זאָגט מיין זיידענער יונגערמאַן — איז פאַר א איד זיך נישט אריינצומישן! נאָר פון ווייטנס!

זעט ער—עמיץ שלאָגט זיך אין גאַס—פליטה!

מען רעדט א הויך וואָרט, מאַך פיס!

גייסט ביינאַכט און עמיץ ברעכט שלעסער—טראָג זיך אָפּ!

פון נישט, האָט מען קיינמאָל קיין חרטה נישט!...

נאָך לאַנג רעדן און שפּאַרן זיך האָט ער מיר אפילו מודה געוועזן, אַז עס וואָלט נישט געוועזן קיין לאָך אין הימל, ווען זיין פעטער אברהמ'ל זאָל נישט געוועזן פארגעסן אויסצוטאָן דאָס היטל באַלד אויף דער שוועל פון מאַגיסטראַט, אַז עס וואָלט גאָר קיין עולה נישט געוועזן, ווען זיין פעטער אברהמ'ל זאָל זיך גע־

ווען פריער אָפּוואשן די הענט און אויספּוצן די שטיוול (פאַר־קערט מיינט ער: פריער אויספּוצן די שטיוול און דערנאָך אָפּ־וואשן די הענט).

ער איז מודה, אַז „דינא דמלכותא דינא" און אויב דאָס מלכות וויל, אַז די פּאַדלאָגע אין מאגיסטראט און דאָס גרינגע מישמעך דאָרט זאָלן זיין ריין, דאַרף מען נישט דוקא טאָן פאַר־קערט.

נאָר, אַ איד זאָל געזונט זיין „ווי אַ פּויער", איינשרייבן זיך אין פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע און אַרויסשפּרינגען בשעת מעשה אויף אַ ברענענדינן דאַך, דאָס איז נישט מעגלעך!

דאָס איז נישט און עס וועט נישט זיין!

„ווי הייסט"?

אַרום אונז האָט זיך דערוויילן פאַרזאַמלט אַ רעדל פון „נשרפים" און „נשרפ'טעם" (די לעצטע זיינען געשטאַנען אָפּגע־רוקט פון דערווייטנס) און אַלע האָבן מודה געווען, אַז אַ איד קען נישט געזונט זיין ווי אַ טערק, למשל. ווייל אַ מענטש מיט תורה, קען באין אופן נישט זיין אַזוי מגושמ'דיג!

אַ ירא שמים — רופט זיך אָן אַ מלמד, — מוז זיין אַ כשל ברך!

— אַז מען זיצט און לערנט, — מאַכט אַ צווייטער, — אַז מען פילט נאָר אַ טעם אין לערנען, קען מען שוין נישט אַזוי אַכ־טונג געבן אויפ'ן גוף! ווער עס וויל געזונט זיין, דער מוז עסן צו דער צייט, שלאָפן צו דער צייט, שפּאַצירן גיין אַ שעה — דאָס איז אַלץ נישט פאַר קיין איד געמאַכט געוואָרן...

— איך גיי איינמאָל אין יאָר, — זאָגט אַ דריטער, — צו תשליך, האָב איך די והותר!

— אויף מיין וואָרט, — שווערט זיך עמיץ, — אַז שבת דאַוונען גיין, איז מיר אויך טייל מאָל שווער; די שול איז ווייט, און גיי גלאַט איבער דער גאַס, נאָר נישט?! גיי איבער דער גאַס! וואָס? דאַוון איך טייל מאָל ביחידות...

— רבותי, — האָב איך זיי געענטפערט, ליגט נישט דעם

גאנצן בייגל אויף דער תורה! די תורה איז דא ווייניג וואס שול־דיג... צי טוט נישט דאס זעלבע דער אידישער שניידער, שוס־טער, האלץ־העקער, שטיין־קלאפער און אלע אידישע באלמעלא־כעס? צי זיי, וואס האבן נישט צו טאן מיט סאמע תורה און יראת שמים, וואס פילן נאר א טעם פון א שניט און א פאלבאנע —צי זיי ארבעטן מיט א סדר, צי זיי עסן, שלאפן און רוען צו דער צייט?

אמת, — איז מיר עמיצער מודה, נאר דער אוונט איז צוגע־פאלן און איך זע נישט ווער, — דער אידישער דרך איז שוין אזוי, אלץ ביז די לעצטע כחות...

— עס איז אבער נישט גוט אזוי, — זאג איך און וויל זיי אויסווייזן, אז אידן אין ארץ ישראל זיינען געווען געזונט טאקע „ווי די פויערים", אז זיי האבן אויך מלחמות געפירט, גבורות געוויזן, ווי אלע מענטשן געלעבט.

איך וויל דורכגיין די געשיכטע פון אברהם אבינו, וואס האט די ערשטע מלחמה געהאלטן מיט 5 מלכים, ביז די השמונאים, וואס האבן די גריכן געשלאגן... איך וויל מיך צעלאזן, דערהיצן, ציטירן ציפע דער שניידערינ'ס רייד:

„פארוואס קומט גן־עדן זאלן זיי מיר זאגן,
נאר געלעניש — זאכעניש, נאר חולה־מאגן?
גבריאל'טשע, איך פרעג דיך, פארוואס?

צי זיינען געווען אויך שוואך און אן אטעם
יעקב אבינו'ס עשרת השבטים?
געדענקסט? אז א קול זאל דערלאנגען
ביז פרעה'ן צום פאלאץ, געדענקסטו, גבריאל?
פרעה, פאר שרעק—א טאלעץ פון דער שטול...
און היינט־זשע — דאס שפרינגען אויף זאנגען?

און וואס איז געווען, זאג, שמשון הגבור?

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האב געוואלט רעדן און רעדן, פון דוד'ס דריי גבורים,

וואָס האָבן זיך דורכגעשניטן דורך א מחנה פֿון שונאים און גע־ברענגט דוד'ן פֿריש וואַסער! פֿון אהוד... פֿון טויזנט אַנדערע; עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אז איך רעד אומזיסט.

זיי ווייסן דאָס אַלץ.

— באַ, באַ, — מאַכט אן אַלטער איד מיט א וואונדערלע־כער העל־זילבערגער באָרד — באַ,באַ, גיט אונז א לאַנד! גיט ערד, גיט דערפֿער, גיט פֿרישע לופֿט...

— אידן, — שרייט עמיץ דורכגייענדיג, — אידן, מעריב דאַווענען!

דער עולם איז זיך צעגאַנגען און דאָס איז מיין גליק געוועזן; די צונג איז מיר ווי א האַלץ געוואָרן, נישט איבערצודרייען!

וועגן אידישער חוצפה

עס איז פשוט משוגע צו ווערן!

ווארום באמת—וואס טוט מען?

געלט אויף בעלער, ווערט וואס אמאל וויינינגער! נייע שאנ־סאנעטקעס, מען זאל קענען האבן אן אונט יצר הרע פאר א רובל, קומען נישט. נייע קלוינען — דער צירק זאל אינטערעסאנטער ווערן, באווייזן זיך נישט, און פאר דער פאליטיק גייט זיך אן די גרינע גאל...

וואס איז היינט פאליטיק? גארנישט!

אין פאריז גייט א סדרה — אסומפציאניסטן; ווייסט דער טייוול וואס פאר א שווארצע חברה דאס איז!

דער „פשעגלאנד טיגאדניאווי", וועלכן די „ראלא" האלט פאר א אידיש בלאט, זאגט, אז די אסומפציאניסטן זיינען א באַ־האלטענע חברה פון גלחים־אינטריגאנטן, וואס ווילן איבערקערן די גאנצע פראנצויזישע רעפובליקאנישע שיסל, און אונזער „קור־ריער ווארשאווסקי", לעווינטאל'ס, דעם געוועזענעם אפיטרופוס פון אידישן שפיטאל'ס בלאט, זאגט להיפוך: די אסומפציאניסטן זיינען ווייסע שטילע טויבן, וואס האלטן זיך אין דער הויך אויף די שפיצן פון קלויסטער און מען הערט נישט זייער פארע...

און גיי וויים!

פון אפריקע הערט זיך נישט מער, נאר ויסעו ויחנו. אהין נערוקט, אהער גערוקט, צוויי בורן געפאלן, פיר ענגלענדער גע־פאנגען. — עס ווערט נמאס ומאוס!

ענגלאנד האט זיך פארקייכט אין מיטן איינשלינגען דעם בור; נישט ארויסצוווארפן, נישט אראפצושלינגען!

וואָלטן כאָטש די בורן אונטערגעלעגט יאָהאַניסבערג, אין דער לופט זי אויסצושפּרינגען! וואָלט כאָטש געפאַלן אַ הייסער דימאַנטענער רעגן!

פון כינע קומען אַזוינע שקרים, אַזוינע גוזמאות:

אַז, ווען נישט, וואָס אויף דער קראַקויער־פאָרשטאָט איז פאַראַן אַן אָפּן געוועלב מיט אַ שילד מיט כינעזישע אותיות — ווען נישט, וואָס דאָרט שטייט אַ בפירוש'ער לעבעדיגער כינעזער, מיט אַן אמת־כינעזישן צאָפּ, אויף וועלכן די ווייבער קוקן מיט וואַסער אין מויל און אויגן פאַר קנאה, ווען נישט וואָס ער שטייט אַ גאַנצן טאָג און פאַרקויפט, ווי ער אַליין זאָגט, ריינעם כינעזישן טיי מיט אַ צולאָג, וואָלטן מענטשן געזאָגט: „איוב לא היה ולא נברא!" — עס איז קיין מלחמה נישט פאַראַן, קיין כינע נישטאָ! עס איז אַ חלום, אַן אויסגעטראַכטע מעשה; ווי די דריי פראַנ־צויזישע ברידער„ גלייכהייט, פרייהייט, ברידערשאַפט", מיט וועל־בע מען האָט אַ לאַנגע צייט צו נאַרן געמאַכט דעם עולם.

הכלל — פוסט, תהו, ובוהו!

וואָס דען טוט מען? פון וואָס שרייבט מען אין צייטונגען?

האָט מען זיך טאַקע אַזוי לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ, ביז מען האָט באַקומען פון וואָס צו רעדן, מיט וואָס די צייט צו פאַרברענ־גען; אַבי נישט פון זיך אַליין צו קלערן, אַבי פּטור צו ווערן פון נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און אַלערליי נעטאָ־געשפּענסטער, וואָס שרעקן די וואַרשעווער לייט בייטאָג און ווערן זיי ביינאַכט... אַ נײַ עסק האָט מען געפונען — די אידישע חוצפה!

עס איז אפילו נישט קיין נײַע זאַך! נאָר אפילו, וואָרט, דער גרעסטער שניידער פון פּאַריז, וואָס שאָקלט מיט נאַנץ וואַרשע ווי מיט אַ לולב, איז אויך נישט מחויב, אפילו נישט איין מאָל אין יאָר, אויסצוקלערן אַ נײַע מאָדע; ער נעמט אַן אַלטע, און פרישט זי אויף. און די אַלטע מאָדע ווערט נײַ, צוריק שיין, און ווערט צו־ריק אַ מאַנגעט, וואָס ציט אויס ביי די ווייבער דאָס האַרץ און ביי די מענער דאָס ביסל מטבעות...

די פראַגע וועגן אידישער חוצפה איז זייער אַלט: אַזוי אַלט, ווי די אידיש־פּוילישע, אָדער די פּויליש־אידישע אַסימילאַציע,

מיט איר אַלטער פּראָגראַם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איין וואָרט: „שאַ! שאַ!" שטיל זאָל זיין! דיין קול זאָל מען נישט הערן! דיינע תנועות זאָל מען נישט זען! קיין פּאה, קיין פּאָלע, קיין אידיש וואָרט! בפרט אין א „צוקערניע".

אזוי האָט עס געהייסן!

טראָגן א לולב מיט אן אתרוג אין גאַס,—פוי, אידישע חוצפּה! יענער מיט די אָנגעצונדענע ליכטלעך און בעזימלעך, — מעג! אן איבערגעשפּאָלטן פּוטערן מיצל, צוזאַמענגעבונדן מיט בענדלעך, איז א מחיה; א „פּריוועסאָוועקע" — זאָל גאָט היטן! א העזה זיך צו ווייזן דערמיט אין גאַס! ווער שמועסט רעדן א וואָרט אידיש אין גאַס, אין טראַמוויי, אין וואַגאָן פון אייזנבאַן,— דאָס איז שוין שפּיץ־דיי־שפּיץ חוצפּה!

א צייט לאַנג האָט א אידיש־פּויליש־ער, אָדער א פּויליש־אידישער משכּיל גאַנצע טעג און נעכט געשפּיגן מיט „חוצפּה"...

אַלץ ווערט אָבער נמאס און די חוצפּה איז אויך נמאס געוואָרן! מען האָט אָן איר פאַרגעסן... אצינד, אין דער שלעכטער צייט, האָט מען זיך אָן איר דערמאָנט, מען האָט ארויסגערוקט פון אַלטן אויוון א צעבראָכן ערדענעם טעפּל מיט'ן פאַרגליווערטן, פאַרשימלטן חוצפּה־מאכל, מען האָט עס אויפגעפרישט, דערוואַרעמט, צוגעזאַלצן, צוגעפּעפּערט... און נאָט אייך, אינגלעך און מיידלעך און עסט! פאַרשטופּט אייך די מיילער און רעדט נישט פון געטאָ, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, קייט נישט און שלינגט נישט די הארטע זאַכן, פון וועלכע א פּויליש־אידישער, אָדער אידיש־פּוילישער מאָגן פאַרדאַרבט זיך אויף אייביג, אַז קאַרלסבאַד וועט אים נישט העלפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און צוריק די אַלטע שאלה: צי איז פאַראן אידישע חוצפּה, צי ניין?

איינער זאָגט: יאָ. אן אַנדערער: ניין, א דריטער מיינט: אמאָל איז געווען און היינט איז נישטאָ!

און אַלע צדדים ברענגען ראיות, פאַררופן זיך אויף פאַקטן. נאָט אייך עטלעכע:

עס איז פאראן איןווארשע א „צדקה גדולה", נישט קיין איר־דישע, נישט קיין קריסטלעכע, נאר בכלל א צדקה גדולה. הייסן הייסט זי: „ווארשאווסקע טאווארזשיסטוואַ דאבראַציינאַסצי", פארשרייבן דער צדקה־גדולה הייזער, קאפיטאלן, מעג יעדער, אפילו דער גרעסטער חוצפה'ניק — א איד! דער „סטרוזש" פון הויז, וואס גייט פון צייט צו צייט ארום פון טיר צו טיר מיט א רשימה אויף נדבות פאר דער צדקה־גדולה, מאכט אויך נישט קיין חילוק. ווען ביי ווער עס מען פסח געפאלט! ווער עס גיט, דעם פארשרייבט ער, ביי דעם נעמט ער.

הכלל — די חברה נעמט ביי אלע; געבן, זאגט מען, גיט זי נישט אלע... און עס איז קיין וואונדער נישט! מיר האבן ערש־טענס אונזער „קהל־שטוב", מיר האבן אונזערע בעלער און קאנ־צערטן אויף צדקה, אונזערע „שניי־קוילן" אפילו פאר אידישע ארימע לייט! אויף דעם גרינגדן מיר א נייע אידישע „צדקה־גדולה", וואס די רעגירונג האט שוין דערלויבט...

און צווייטנס, ווייזט אוים די „ראלא", די „גיווא פאלסקא" און דערגלייכן ערלעכע בלעטער, אז צדקה קומט פון לויטער ליב־שאפט, און — אויף ליבשאפט האבן די קריסטן א מאנאפאל; על־כן, איז די צדקה־גדולה, וואס איז געבויט אויף ליבשאפט צו ארימע לייט, א קריסטלעכע חברה... איי וואס? אידן גיבן אויך אמאל געלט? אויף וואס גיבן זיי נישט?

הכלל — עס איז פאראן א צדקה־גדולה, וואס נעמט ביי אלע, גיט נישט אלע,—א פאקט!

דער עיקר איז, אז וואו עס איז פאראן א חברה, מוזן זיין גבאים, און וואו עס זיינען פאראן גבאים מוז זיין א קלפי... איז דער עיקר שאלה נישט, וואס די חברה טוט, — צי בויט זי הייזער, צי טיילט זי פאר ארימע לייט, וכדומה, נאר ווער דארף ארויס פון קלפי?

כל זמן אידן האבן זיך צונויפגענומען ביי דער קלפי און גע־מאכט יד־אחת מיט די ליבעראלן, וואס האבן, פאר דער קלפי און נאך דער קלפי (דאס הייסט: כמעט א גאנץ גייענדיג יאר, ווייל חברות און קלפי'ס איז דא א סך!) צו די אידעלעך געשמייכלט

און צונעוואונקען, איז גוט געווען, האָבן די ליבעראַלן געהאַט די חברה אין דער האַנט!... דאָס יאָר אָבער זיינען וויינינג אידן געקומען צו דער קלפי, זיינען אַרויס כמעט סאַמע ווייסע מיוחסים און שוואַרצע אָרטאָדאָקסן...

ווערט אַ מחלוקת:

זאָגן טייל, אַז עס איז אַ העזה געווען פון די אידן, נישט צו קומען קאָפּ אויף קאָפּ צו דער קלפי און איבערלאָזן די ליבעראַלן אָן הילף, און אַנדערע זאָגן: פאַר אַ שמייכל, וואָס איז שוין פאַרגליווערט געוואָרן אויפ'ן אַלטן ליבעראַלן פנים, האָבן שוין אידן די חוצפה נישט געהאַט צו קומען צו דער קלפי... זיי ווייסן שוין, אַז די האַלב-גע'פגר'טע קאַץ, וועט שוין פאַר זייערטוועגן מיט'ן עק נישט רירן...

נומער צוויי:

עס איז פאַראַן אין וואַרשע אַ חברה, וואָס גיט באַלעבאַטים קרעדיט אויף הייזער...

אידישע באַלעבאַטים איז פאַראַן אין וואַרשע אַ דריטל; דירעקטאָרן האָט די חברה דריי. האָבן זיך די נאַלעווקעס מיט'ן גרזיבאָוו געוואונדערט, פאַרוואָס זיינען אַלע דריי דירעקטאָרן נישט קיין אידן... און, אַז איינער פון די דריי דירעקטאָרן איז נפטר געוואָרן, האָבן זיי זיך מישב געווען, פּרוּוון אָפּצוגעבן שטימען פאַר אַ איד...

געראָטן איז זיי ניט... נישט אַלע אידישע באַלעבאַטים האָבן געוואָלט אַ איד; אַ סך האָבן מורא געהאַט פאַר אַ „אידישן טשינאָווניק"...

זאָגן טייל: אַז די אידן האָבן די העזה נישט געהאַט צו מאַכן יד-אחת, אויסצוקלייבן אַ אידישן דירעקטאָר; און אַנדערע זאָגן, אַז עס איז אַ חוצפה געווען, אַזוינס גאָר צו וועלן!...

נומער דריי:

עס זיינען פאַראַן אין וואַרשע אידישע סקולפּטאָרן, אַ סך אידישע סקולפּטאָרן. האָבן זיי זיך צוזאַמען געגומען מיט עטלעכע קריסטלעכע חברים, געמאַכט אַן אסיפה, און מען האָט אָפּגע-

קלערט: היות די סקולפּטאָרן האָבן עד היום נאָך קיין צעך נישט, זאָל מען מאַכן א צעך.

מען האָט אָנגעגעבן ווי מען דאַרף, א בקשה; עס איז געקור־מען א דערלויבעניש, און דער מאַגיסטראַט האָט פאַרבעטן די סקולפּטאָרן אויף א זיצונג, מען זאָל עפענען דעם צעך.

דאַכט זיך, אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג; דער באַאמטער פון מאַגיסטראַט עפנט די פאַרזאַמלונג, לייגט פאָר, מען זאָל אויס־קלייבן עלטסטע, א קאַסירער, א סעקרעטאַר... שפּרינגען ארויס די עטלעכע קריסטלעכע סקולפּטאָרן און זיינען מודיע דעם באַאמ־טען פון מאַגיסטראַט, אַז זיי קענען מיט אידן צוזאַמען בשום אופן קיין צעך נישט מאַכן, אַז די אידן קענען נישט די אַרבעט, זיי זיינען פושער, מאַכן און פאַרקויפן טאַנדעט און אַזוי ווייטער, ווי אין „ראָלאַ" שטייט, ווי אין „ניוואַ פּאָלסקאַ" שטייט, און — ווי אַלע גוטע, פרומע קריסטן זאָגן...

און—די קריסטן האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל...

אונזערע אידישע סקולפּטאָרן האָבן נישט געוואָלט גרינדן דעם צעך אָן די קריסטלעכע חברים. האָבן זיי די אסיפה אָפּגעלייגט... אָנגעהויבן איבעררעדן, טענה'ען, געבן צו פאַרשטיין; באשר בכן —עס איז נישט גלייך, נישט מענטשלעך! אידן — א נוצלעך פאָלק, אידישע סקולפּטאָרן — נוצלעכע באַלמעלאָכעס; אַז אַנ־טיסעמיטיזם איז א פּאַסקודנער בלבול, וכדומה... און דערמיט איז דערווייל אַוועק א צייט...

און דיזעלבע צייט, וואָס די אידישע סקולפּטאָרן האָבן באַנוצט צו פאַרשוואַרצן ביי די קריסטלעכע חברים דעם אַנטיסעמיטיזם, האָבן די קריסטלעכע סקולפּטאָרן באַנוצט א ביסל קליגער: זיי האָבן זיך באַמיט און איינגעגעבן א בקשה, און באַקומען א דער־לויבעניש אויף אַ קריסטלעכן צעך, און דערמיט אַליין איז אָפּגע־פאַלן די ערשטע אַלגעמיינע דערלויבעניש...

דעמאָלט ערשט הויבן אָן אונזערע אידישע סקולפּטאָרן צו קלערן וועגן א באַזונדערן אידישן צעך! זאָגן טייל, עס איז א וואונדער, וואָס זיי האָבן די העזה נישט געהאַט צו בלייבן אויף

דער ערשטער אסיפה, און צו גרינדן דעם צעך אָן די קריסטלעכע חברים...

אנדערע אָבער זאָגן: אז עס איז א אידישע חוצפה, היינטיגע צייטן צו גרינדן אין פּוילישן ווארשע א אידישן צעך...

וואָס דען? ווארטן דארף מען!... דער אַנטיסעמיטיזם וועט דאָך אמאָל אונטערגיין!... ער וועט מוזן אונטערגיין!

און, אז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אונטערגיין, וועט מען ארייננעמען אידישע באַלמעלאָכעס אין די קריסטלעכע צעכן! איי וואָס? די קריסטלעכע צעכן האָבן קריסטלעכע היילינגע פענער; יעדער צעך האָט זיין קריסטלעך היילינגן פּאַטראָן, זיינע קריסטלעכע ימים־טובים, — וועט זיך דאָך דער אידישער גאָט נישט בייזערן, אויב די אידן וועלן דאָס אַלץ מיטמאַכן! הלמאי, עס האָט נאָך קיינעם קיין דונער נישט געטראָפן ביי'ן א יאָלקע! און אז נישט, וועלן די אידן נישט טראָגן די פּאָן. מאי כולי האי? ווייניג באַנייען מיר זיך אָן פענער, אָן ימים־טובים?

און, אז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אונטערגיין, — וועט מען נישט האָבן קיין צרות מיט דער נייער סעקציע פון באַלמעלאָכעס, וואָס וויל זיין ריין פון אידן, וואָס פאַלט חלשות פאַר א ריח פון א קנאָבל אָדער א ציבעלע...

און אז דער אַנטיסעמיטיזם וועט בטל ווערן, וועט מען אָננעמען אידישע דאָקטוירים צו דער „פּאַגאָטאָוויע ראַטונקאָווע" („גיכע מעדיצינישע הילף"), וועט כאָטש זיין איין פור פאַר כשר'ע זופּ ביי דער „געזעלשאַפט געגן בעטלער", און אויף א סימן פון כשר וועט מען נישט טרומייטערן נאָר בלאָזן שופר...

זאָל נאָר דער אַנטיסעמיטיזם בטל ווערן! זיפצט דער עולם...

— —

און, האָט מען אָנגעהויבן רעדן פון אידישער חוצפּה, וועט זי שוין אַזוי געשווינד פון צונג נישט אַראָפּ!... דאָס האָבן שוין אין זיך אַלע אידישע פראַגן, אז זיי ציען זיך ווי א סמאָלע, נישט אָפּצורייסן! און עס איז א פּשוט'ע זאַך: דאָרט, וואו מען טוט, ווערט אמאָל אָפּגעטאָן, אָבער וואו מען רעדט און מען קען נישט מער פּטור ווערן! דערמאָנט מען זיך, אז ערשט נישט לאַנג האָט

איינער פון אונזערע אידיש־פּויליש אָדער פּויליש־אידישע שרייבער, א געוויסער „אָהר נומר 2", געשטעלט אין א בראָשורע די פראַגע: פאַרוואָס האָבן מיר נישט ליב די אידן? און האָט געענטפערט: דורך דער אידישער חוצפה!...

אין דער געזעלשאַפט דערציילט דערוויל אימיצער א מעשה:

ער האָט געקויפט א בילעט אויף דער אייזנבאַן און איז אריין אין וואַגאָן, וואו ער האָט זיך אויסגעקליבן אן אָרט, אנידערגעלייגט דאָס פּעקל, און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער נאָך א מאָל זיך געזעגענען מיט באַקאַנטע.

אַז דער צוג האָט גערירט, איז ער צוריקגעגאַנגען און געוואָלט זיך זעצן, נאָר דער פּלאַץ איז שוין געווען פאַרנומען און דאָס פּעקל זיינס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד.

— מיין הער, — מאַכט ער, נאַטירלעך אויף פּויליש, צו'ן א קריסט, וואָס האָט אים דאָס אָרט פאַרנומען, אָבער...

הערט ער א קלאָרע תשובה: פּאָשאָל וואָן!...

ווערט ער שוין א ביסל אין כעס, זאָגט ער נאָך א מאָל, ווי הייסט, עס איז זיין אָרט, זיין פּעקל געלעגן...

ענטפערט יענער שוין מיט א וואָרט מער:

— פּאָשאָל וואָן, זשידזיע!

זאָגט ער: ווי הייסט? באַצאָלט האָב איך גלייך מיט דיר; האָב איך דאָסזעלבע רעכט, ווי דו... וכדומה...

הויבט יענער אויף א האַנט...

רוקט ער זיך אָפּ פאַר דער יד, און וואַרט אויפ'ן קאָנדוקטאָר.

אין איינוועגס קוקט ער זיך אום און זעט, אַז אין וואַגאָן איז דאָ א סך אידן און גאַנץ ווייניג קריסטן.

„פאַר'ן ערגסטן פאַל"... טראַכט ער...

דער קאָנדוקטאָר קומט דערוויל אריין; הערט אים אויס, און פרעגט דעם עולם, ווי אַזוי איז עס געוועזן? צי עס איז אמת, וואָס דער איד זאָגט?

דער קריסט, וואָס האָט דעם אָרט פאַרנומען, שווייגט און שמייכלט פיין־יונגעריש.

די אידלעך אין וואגאָן שווייגן אויך. נאָר די עטלעכע קריסטן רופן זיך אָן, דאכט זיך, שלא ממין הטענה:

עס איז מיט די אידן — זאָגן זיי — נישט מעגלעך צו פאָרן צוזאמען אין איין וואגאָן: שטענדיג אומרוען. שטענדיג האָבן זיי טענות, טשעפען זיך אָן ווי א סמאָלע... מען דארף פאר זיי האָבן עקסטרא וואגאָנען ווי פאר פי...

דער קאָנדוקטאָר, וואָס איז גאָרנישט געוואויר געוואָרן, גייט, נאטירלעך, ארויס מיט גאָרנישט...

די קריסטן רעדן ווייטער, ווי אוממעגלעך עס איז צו פאָרן מיט אידן צוזאמען; די אידן שווייגן, איינער פון זיי האָט דאָך נישט אויסגעהאלטן! עס איז געוועזן א איד לויט דער נאָז, נאָר א קריסט לויט די וואָנצן!

— אמת אידישע חוצפה! — האָט ער אויסגערופן אויף אַן עכט אידיש־פויליש לשון! א ליאדע וואָס מאכט מען א געשריי!

און אַן אַנדערער האָט דערציילט אַן אַנדער מעשה:

איך גיי, — זאָגט ער, אין גאַס, — טרעף איך א באקאנטן פון פראָווינץ, א מאָל ביי מיר געוועזן! איך האָב'ן געקענט אלס סוחר, אלס גרויסן סוחר! גרויס קרעדיט געהאט!... ביי מיר טאקע געקויפט... געהאנדלט — נישקשה... געדונגען זיך, נאָר געצאָלט צו דער צייט.

פלוצלונג האָט ער אויפגעהערט צו קויפן... רעכן איך, ער איז איבערגעגאנגען צום קאָנקורענט... וויל איך אים שרייבן... היות... עס פאסט נישט... איך וועל אים העכערן דעם קרעדיט... קלענערן די פרייזן... וכדומה... האָב איך אָבער פארגעסן... פארנומען, ווי איר ווייסט...

אַז איך טרעף אים אָבער אין איין גאַס, דערמאָן איך מיך, א זכרון, ברוך השם, האָב איך! גיי איך צו, שלום־עליכם!... ווי אַזוי רעדט מען מיט א איד פון פראָווינץ?

שלום־עליכם... געשעפט איז געשעפט...

איך זע, ער איז אָפּגעריסן! ביי מיר איז ער געוועזן אין באלעבאטישע קליידער; רעכן איך, אַז דאָס איז ער צו מיר געקו־מען אין גאַנצע קליידער, אָבער אין גאַס, — א פראָווינץ אידל, —

טראַגט ער זיך ווי אין דער היים!... פּראָווינץ־גבירים, ווייסט מען שוין, גייען אָפּגעריסן, נעכטיגן אין אָרימע נאַכט־הייזער, עסן אין די ביליגע קיכן... אַזאַ טבע האָבן זיי.

הכלל — „שלום־עליכם!" — „עליכם שלום!"...

קלער איך מיר אַזוי: אַהיים פירן איז א בושה פאַר'ן לאַקיי; פאַרבעט איך אים אויף שוואַרצע קאַווע... מן הסתם אויף די נאַלעווקעס, צו קאַנאַריק'ן...

פאָרן מיט אים אויף א דראָזשקע, פּאַסט נישט; גיי'מיר צו־פוס, כאָטש, איר ווייסט, אַז די פיס ציטערן מיר... נאָר — אײ־בערגעקומען!

מיר זיצן שוין ביי דער קאַווע... זאָגט ער מיר, ער איז הונ־געריג!

היים איך עפּעס דערלאַנגען... זע איך, — ער פרעסט!

טראַכט איך — א פּראָווינץ־אידל, פרעמד געלט, שלינגט ער!... נאָר, — ער וועט שוין באַצאָלן דערפאַר!

איך שפּרינג שיר נישט אויס דער הויט, נאָר אויסהאַלטן מוז מען... ענדלעך, איך אָטעם אָפּ! ער האָט, מיט גאָט'ס הילף אָפּ־געגעסן, אָפּגעווישט זיך די וואָנצן מיט דער פאָלע...

פרעג איך אים: וואָס הערט זיך? און וויל צושלאָגן צום געשעפט.

זיפצט ער!

פרעג איך: „וואָס זיפצט איר?"

ענטפערט ער, אַז ער האָט שוין דריי יאָר באַנקראָטירט, זיצט אָן פּרנסה... וואַלגערט זיך אַרום אין וואַרשע, זוכט א שטעל...

א העזה פון א קבצן!... ענטפערט ער מיר „שלום־עליכם!", גייט ער מיט מיר אויף שוואַרצע קאַווע! איר הערט א חוצפה! ער פרעגט מיך נאָך, וואו איך וואוין! ער וויל נאָך צו מיר קומען!...

און נאָך, און נאָך אַזוינע מעשיות דערציילט מען וועגן אידישער חוצפה!

ערוב

„און די פערטע מכה פון מצרים — זאָגט דאָס דייטש־חומש— איז געווען ערוב". און דאָס דייטש־חומש פאַרטייטשט: ערוב איז א פאַרמישונג פון אַלערליי קליינע און גרעסערע חיות און פון שקצים ורמשים, הן פון איבער דער ערד, הן פון אונטער דער ערד און אפילו פון ימים ומדבריות... אַלע זיינען געקומען קיין מצרים, און עס איז געגאַנגען א טכויר מיט א מויל־וואָרף, און א פוקס מיט א קעניגל און א שטעכנדיג חזיר'ל מיט א גליטשיגער פראָש וכדומה אַלערליי פרעסער, בייסער און ציפער און האָבן זיך צע־לאָזט אין גאַנץ מצרים. און אַז א מצרי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און געוואָלט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, אָדער א מצרי'טע האָט געוואָלט עפּעס פאַרבייסן די נשמה צו דערכאַפּן, אָדער עס איז דורכגעגאַנגען א בעלפער מיט „פּאָדוואַרמעס" פאַר דעם מצרי'ס מיט דער מצרי'טעס קינדער אין חדר אַריין, איז אונטער־געשפּרונגען א חיה'לע און האָט אויסגעריסן דאָס עסנוואַרג פון די הענט, אפילו דעם ביסן פון מויל... אַנדערע קלענערע חיה'לעך האָבן זיך געהאַלטן אין די לעכער און אין די שפּאַלטן פון די שטיבער, און אַז זיי האָבן דערפילט א ריח פון מאַכלים, זיינען זיי אַרוים פון זייערע באַהעלטענישן און געכאַפּט פון די טישן, פון די שיסלען און פון די טעפּ... און גאָר קליינע חיה'לעך האָבן זיך אַרונטערגעכאַפּט די מצריים אונטער די מלבושים און אָפּגע־ביסן פון זיי די הויט... און עס האָט געהונגערט דער מצרי מיט דער מצרי'טע אין שטוב און אין גאַס און די קליינע קינדער אין די חדרים, און די חיות מיט די חיה'לעך זיינען אַלץ פעטער און

דיקער געוואָרן... און פון א ווערימל איז אַרויסגעוואקסן א פוקס, פון א היישעריק א לייב...

דער רבינו בחיי שרייבט: אַז דער נס פון ערוב איז געווען על פּי דרך הטבע, אַז עס איז געקומען די צייט אויסצולייזן ישראל, האָט דער רבונו של עולם געשיקט אַ הונגער אויף די חיות אין די לעבער, אין די היילן, אין די וואַסערן און אין די געמויזעכצער, און דער הונגער האָט זיי געטריבן פון זייערע ערטער צום ישוב צו, און די נייע מחנות האָבן געטריבן די אַלטע מחנות, פון דערפער און שטעטלעך, פון שטעטלעך אין שטעט, פון שטעט אין גרעסערע שטעט אַריין ביז צו פּרעה'ס פּאַלאַץ...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס אַלץ איז אַמאָל געווען!

היינט איז אפשר אויך שוין צייט אויסצולייזן ישראל, נאָר די מכות פּאַלן נישט אויף מצרים...

און א הונגער איז, און טרייבט די חיות, די חיה'לעך פון דערפער און שטעטלעך, פון שטעטלעך אין שטעט, פון שטעט אין גרעסערע ביז אין גאָר גרויסע שטעט אַריין, און זיי זיינען הונגעריג און כאַפּן פון די הענט און פון די מיילער און נישט דער מצרי הונגערט, נאָר די „כנסת ישראל”, היינט האָט זי ערוב...

און דער היינטיגער ערוב פון כנסת ישראל איז ערגער פאַר יענעם ערוב פון די מצרים... יענע חיה'לעך האָבן נאָר געכאַפּט עסנוואַרג און נישט קיין מלבושים, ווייל די חיה'לעך זיינען געגאַנגען נאַקעט, און די היינטיגע חיות און חיה'לעך טראָגן ראַצערמאָרינע קאַפּטאַנעס מיט סטראָקעס, זילבער־האָרינע שטריימלעך און זיידענע זאָקן... און די נקבות פון די חיה'לעך טראָגן סאַמעטענע און זיידענע מלבושים מיט טייערע בראַבאַנטער־שפּיצן, און היטן פון יענער זייט גרעניץ מיט פעדערן פון פייגל פון יענער זייט ים, און זילבערנע און גאָלדענע פּאַנטאָפּעלעך, אחוץ אַזוי תכשיט'ן... און די חיה'לעך ווערן אויך פעט און דיק און וואַקסן אין דער לענג און אין ברייט, און מערן זיך ווי פיש אין וואַסער, און ווי די פרעש אין מצרים און ציען אונז אָפּ די העמדער פון די

ליבער און דערנאָך ערשט רייסן זיי דעם ביסן פון מויל...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און די חוצפּה פון די חיה'לעך וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און דער אַפּעטיט זייערער פון שעה צו שעה.

און אַז אַן אַלמנה פון ערגעץ אַן עיפּוש לעבט אין דחקות פון א ציג, הערט זי דעם גבאי'ס אַן עצה, פאַרקויפט די ציג, קויפט זיך א צעטל אויף דער לאָטעריע און די רעשט גיט זי אַוועק דעם חיה'לע פאַר א צוזאָג — א זכה בגורל... געווינען, פאַרשטייט זיך, געווינט ערגעץ אַן אָנגעגעסענער עושר, און זי מיט די קינדער שטרעקן אויס די צונג פאַר א טראָפּן מילך...

און אַז אַן אָרימער באַלעבאָס לעבט צען יאָר מיט א ווייב און האָט, נישט פאַר אייך געדאַכט, קיין קינדער נישט, און ער זאָגט: „אהבתי את אשתי" און וויל מיך מיט איר נישט גט'ן, גיט אים עמיץ אַן עצה טובה, און ער נעמט דאָס הייזל און פאַר־שרייבט אויפ'ן הייליגן רבי'נס נאָמען פאַר א בן־זכר... קיין בן־זכר, פאַרשטייט זיך, באַקומט ער נישט, נאָר דער הייליגער רבי פאַרמאַכט איין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע, און זיין יורש טרייבט דעם אָרימען באַלעבאָס פון דירה אַרויס און ער וואַלגערט זיך אַרום מיט דער עקרה אין גאַס...

און ווער עס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן ביי א שטרוי... און אַז א קלונג קאַרג געוואָרענער פריץ נעמט צו ביים איד די פאַכט און גיט זי אַוועק זיין אייגענער טאָכטער פאַר נדן, פאָרט דער איד מיט ווייב און קינד און צעבראָכענע זיבן זאַכן אין שטאָט אַריין... און איידער ער דינגט נאָך א דירה, די פור מיט די זאַכן שטייט נאָך אין מיטן מאַרק, דאָס ווייב מיט די קינדער דרייען זיך אַרום דער פור אָדער זיצן און קרעכצן — זוכט ער שוין פּרנסה, לויפט ער אַריין צום הייליגן רבי'ן, וואָס האָט זיך צו זיין מזל, נאָך אויף א טאָג פאַרהאַלטן אין שטאָט. און קויפט פאַר'ן לעצטן גראָשן א ברכה... די ברכה, פאַרשטייט זיך, ווערט נישט מקוים, דער דאָרפס־איד האָט זיך נישט צו וואָס צו נעמען, פון געזונטן ווייב איז אַן „עיפּוש" געוואָרן א „לא עליכם", א „לא־יצלח", די קינדערלעך פאַלן אויך גאַנץ אָפּט אַוועק... אָבער א גלאָז מילך

פאַר א קראַנקן, א רעצעפּט צו ח"י גדולים פאַר אַן אַנדער חיה'לע איז שוין נישטאָ!

און אַז א יונגער מאַן פון „עפּוש", צי נישט פון „עפּוש", האָט זוכה געווען אַראָפּצוגיין פון קעסט מיט ווייב און קינדער און דעם נדן האָט דער שווער צוגענומען, צי א שותף, צי דער פּריץ, צי ער איז אַזוי געגאַנגען לאבוד, און דאָ רופט מען: יעמוד! — זי' מוחל שטעל זיך צום „פּריזיוו", און אַצינד דינען קען ער נישט, טאָר ער נישט, וואו ווערט זיך דאָס קליינוואַרג א הין טאָן? באַוואָרנט ער זיך טאָפּל: קויפט ער ביים רופא זיך א פעלער און ביים חיה'לע פאַר'ן לעצטן רובל א גרויסן לאָז... און ציען ציט דער שלים־מזל אַרויס א קליינעם לאָז און דער פעלער האָט דערווייל אויך נישט געהאָלפן — ער גייט און — ווייב־און־קינד גייען אויס פאַר הונגער...

און פון ערגעץ אַן „עיפּוש" ווערט א חיה'לע געטריבן און געטריבן ביז עס קומט קיין וואַרשע, און שטעלט זיך אָפּ אין דער און דער גאַס. און ימים נוראים איז עס, דאָס הייסט: פאַר'ן „פּריזיוו", און דאָס חיה'לע באַנוצט זיך מיט דער צייט און שרייבט נח מיט זיבן גרייזן א מודעה, און צעוואַרפט זי אין אַלע „אידישע" גאַסן און הויפן, באשר בכן ער איז א ספּעציאַליסט צו „פּריזיוון". הויכע נומערן האָט ער... אויך, אַז מען דאַרף, פאַרקלענערט ער די מאָס, און פאַרגרעסערט וואָס עס איז פאַר א „פעלער"... און פּריזיוווניקעס קומען פון אַלע גאַסן, און גלויבט נישט דער „פּרי־זיוווניק אַליין" האָט ער, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר, א טאַטן. וואָס גלויבט, א מאַמען, וואָס גלויבט. און מומעס עטלעכע וואָס גלויבן, און מען פאַרזעצט די קישן פון אונטער די קעפּ, די מלבושים פון לייב, און מען פאַרשוועדינט זיך, אויף גאָט'ס באַ־ראָט, גמילת חסדים, און מען איז זיך משוה כמנין „פּטור", און מען שאָקלט אויס פאַר'ן חיה'לע די קעשענעס צו תשליך, אַז מען האָט נישט מער און מען גיט האַנט־געלט און א חרם־קוויטל אויף די רעשט...

און דערנאָך, אַז דער „פּריזיוואָניק" גייט דינען, האָט מען אים קיין ליבל, קיין העמד נישט מיטצוגעבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און, אַז עס מאַכן זיך שלעכטע צייטן אין „גרר", די פּרנסה פּאַלט, און סמאָלע טרייבן אין וואַלד לאָזט מען נישט, קווישעלעך פלעכטן קען מען נישט, און דער פּויער האָט נישט מיט וואָס אין שטאָט אַריינצוקומען און פּאַר וואָס עפּעס צו קויפן, און עס פוילט דאָס לעצטע ביסל סחורה אין געוועלב, און דאָס ביסל גע־בעקס שימלט ביים בעקער... און דער איד פון גרר האָט בטחון און רירט זיך נישט פון גרר, און האָט אפילו אויף „הוצאות־הדרך" נישט, ער זאָל קענען רירן פון גרר; קוקט ער מיט הוילע אויגן אויפ'ן טעלערל פון הימל, און עס גייט די סדרה: „ויהי רעב בארץ" — ווערט קלייען־ברויט א מאכל, מיט קאַרטאָפליעס־שאָלעכץ צוגעביסן... און מען הונגערט, און מען קרענקט, און אין אונטערגאַנג פאַרשלעפּט זיך, און „גרר" הויבט אָן זוכן חטאים, תשובה־טאָן, האַלב גרר לויפט אויף קבר אָבות שרייען, די צווייטע העלפט רייסט איין די שול מיט קולות, און דערהערן דערהערט א „חיה'לע" אין „עיפּוש", עטלעכע מייל פון גרר, און עס קומט צופאָרן...

און עס קומט צופאָרן און עס שטעלט זיך אָפּ אין פאַרשטעטל, אין ערשטן הייזל באַלד, און דינגט דאָס הייזל אָפּ ביים פּויער, און רייניגט עס מיט קרייטעכצער, און שלאָגט מזוזות אָן ביי די טירן, און קמיעות פאַר די קוימען און לייגט הייליגע ספרים אויף די פענצטער און עפנט דערנאָך א קליין לופטציקל אויף גרר און נעמט, און נעמט — ווי א בייז פערד נעמט ער... ער נעמט, און די מגפה נעמט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער גראָדזיסקער רבי פאָרט נישט אַרויס, ער איז א מושל בכפּה אויפ'ן אָרט, און וואָלט געהאַט א גן־עדן אין גראָדזיסק, ווען נישט דער משולח פון לאָמזשער ישיבה, וואָס קומט פון צייט צו צייט צופאָרן, האַלט א דרשה און נעמט ביי א גראָדזיסקער איד צו א דרייער, טאַקע דעם דרייער, וואָס דער רבונו של עולם האָט

איבערגעענטפערט דעם גראָדזיסקער צדיק, טאַקע דעם דרייער, אויף וועלכן דער גראָדזיסקער צדיק רעכנט, און קען זיך פון אים באַין אופן מתיאש זיין...

און עס ווערט א מלחמה צווישן גראָדזיסקער צדיק און דעם משולח פון לאָמזשער ישיבה... צווישן דעם גראָדזיסקער צדיק'ס „תורה" און לאָמזשער משולח'ס דרשות, וועגן דעם הארטן דריי־ער, וועגן דעם גראָדזיסקער איד'ס הארטן דרייער...

און עס האָט זיך געדאַכט: דער גראָדזיסקער האָט מנצח גע־ווען, חסידים האָבן זיך אריינגעלייגט אין סאַמע מיט, און מען האָט געאַסרט דעם לאָמזשער משולח'ס דרשות! און נישט פון הימל האָט מען געאַסרט, נישט קיין בת־קול האָט אויסגערופן א גזירה, נאָר די „מעשענע קנעפּ", וואָס האָבן צו זאָגן און צו שאַפן!

דער כוח פון דער לאָמזשער ישיבה איז אָבער גרויס, און נאָך גרעסער דעם משולח'ס יצר־הרע צום גראָדזיסקער איד'ס דרייער, און א איד א למדן האָט זיך אַן עצה געגעבן, און איז אראָפּגע־קומען פון גראָדזיסק ווי אַלע מאָל, קיין דרשה זאָגן וועט ער נישט, אָבער תורה לערנען מעג ער? תורה פון חומש ארויס!

און שבת פרשת „איך זאָל אזוי וויסן פון בײדע", האָט זיך דער משולח אַנידערגעזעצט ביים גרויסן לומדים־טיש אין גראָד־זיסקער בית־המדרש. און ארום טיש האָבן זיך געזעצט די גרויסע באַלעבאַטים, און דער משולח און די גרויסע באַלעבאַטים האַלטן אָפענע חומשים פאַר זיך. און ארום דעם עולם מיט די אָפענע חומשים שטייט א ראָד קלענערע באַלעבאַטים, און ארום די קלע־נערע גאָר קליינע באַלעבאַטים, דערנאָך ערשט א ראָד פון באַלמע־לאָכעס און אזוי אידן... און דער משולח הויבט אָן א פּסוק און פאַרטייטשט ע"פּ פּשט, און פרעגט א קשיא און פאַרענטפערט זי, און ווי פון אונטער דער ערד וואַקסן ארויס אַנדערע צוויי קשיות, דער נאָך פיר, דערנאָך אַכט, און זיי פאַרוויקלען און פאַרקניפּן זיך, און פאַרבינדן זיך און עס ווערט א דרשה, א קינסטלעכע דרשה, ווי א שפּינוועבס ארום תורה'לע, און עס קנאַקט און עס רוישט, און דער עולם טראַכט: עס איז זיסער ווי האָניג, און דער

משולח טראכט: דעם גראדזיסקער איד'ס הארטער דרייער איז מיין...

און עס האט זיך געדאכט, ער האט מנצח געווען, נאר נישט אזוי נעשווינד איז מען א חיה'לע פון „ערוב" מנצח...

דאס חיה'לע זעצט זיך צום טיש, און קיינער קומט נישט צו־גיין! עס טראגן זיך די ריחות פון שבת'דיגע טיש־בשמים. — וואו זיינען די נעז? עס וועט אריין א קוגל — ווער וועט כאפן שירים? און ווער וועט שטעלן וויין? מיט וועמען וועט ער בענטשן?

— וואס איז געשען? — פרעגט דער רבי זיין רוח־הקודש, דעם גבאי. און דער גבאי ענטפערט:

— דער משולח פון לאמזשער ישיבה דרש„נט!

און דער רבי זאגט:

— גיי און זאג, וואו מען דארף!

און דער גבאי ענטפערט: ער שטייט נישט אויף דער בימה און זאגט נישט אויסנווייניג, ביים טיש זיצט ער און לערנט, און זאגט פון דער סדרא...

ווערט דער רבי גרין! די הענט ציטערן, די אויגן פלאמען.

— גיי, — זאגט ער מיט א הייזעריג קול פאר כעס — גיי אין בית־המדרש אריין צום עולם און זאג זיי מיט די דריי אותיות, אז איך היים נישט לערנען!

און דער גבאי איז געגאנגען און האט געזאגט, און דער עולם האט זיך דערמאנט, אז מען דארף, אז מען מוז מורא האבן פאר א רבי'ן, און דער משולח האט אפשר קיין פאס נישט געהאט, און אויפגעהויבן האט זיך דער משולח, צעלאפן זיינען זיך די באלע־באטים, דער גבאי האט די חומשים פארמאכט...

מנצח געווען האט סוף כל סוף דער רבי, דער דרייער איז זיין!

ויכוח

אין קראַשינסקי'ס גאָרטן. צוויי יונגע לייט. ביידע רעדן אידיש. נאָר איינער ליטוויש — דער צווייטער פויליש־אידיש, דער ערשטער פרעגט, דער צווייטער ענטפערט.

— נו, איר זייט נאָך אַלץ נישט קיין ציוניסט?

— ניין!

— אַנטי?

— חלילה, פאַרוואָס אַנטי? מורא האָבן פאַר דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ?"

— איך ווייס צו ווייניג!

— דהיינו?

— אָט... איך פלעג אַמאָל ערנסט דאַוונען... און דאָס דאַווּ־נען איז — ירושלים און ירושלים! ארץ ישראל און ארץ ישראל!

ווייס איך אָבער נישט, צי האָט מען ירושלים און ארץ ישראל דעריבער נישט פאַרגעסן ווייל מען דאַוונט אַזוי פיל; צי מען האָט נאָר דעריבער אויפגעהערט צו דאַוונען, ווייל מען קען אָן ירושלים און ארץ ישראל נישט פאַרגעסן?!

אין חדר פלעג איך לערנען: „ארץ זבת חלב ודבש" — אַ לאַנד — האָט מיר דער מלמד געטייטשט — וואָס פליסט מיט האָניג און מיט מילך — האָניג און מילך האָט אַ קינד ליב ווי דאָס לעבן! ווייס איך? אפשר האָב איך מיך דעריבער דערפרייט, אַז איך האָב געהערט פון חבת ציון?

איך געדענק מיך גאַנץ גוט איינגלווייז... די שפּעטערע צייטן באַמי איך מיך צו פאַרגעסן... קיין גרויסע האָפנונגען אויף שפּע־

טער האָט מען אויך נישט... און, אַז עס ווערט נישט גוט אויפ'ן הארץ, אַנטלויפט די נשמה צו די קינדער־יאָרן, ווי אַ טויב אין טויבנשלאַג אַריין... איך ווייס נישט, אויב אַלע טוען אַזוי, איך טו עס, און עס העלפט אַמאָל און פאַרטרייבט די מרה־שחורה... געדענק איך, ווי אַלע מיינע חברים מיט שמחה וששון נאָכלויפן דער פּאַלקאָוואַי מוזיק, בכלל דעם מיליטער, אין וואַרשע זעט מען עס זעלטענער, איז עס מער אינטערעסאַנט — קינדער לויפן... מען קען זיך נישט זאַט אָנקוקן, ווי עס בליצט דורך די „שטיקעס" פון די ביקסן; זאַט אָנהערן די שטאַרקע, פעסטע מעשענע קולות, וואָס גייען ווי איינעמען אַ וועלט. איך איינער, געדענק מיך, פלעג מיך נישט פרייען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווען עמיץ באַפעלט מיך, מיין טאַטע־מאַמע, מיינע ברידער און שוועסטער, וועט דאָס חיל נישט זען, נישט הערן, און ווייטער מאַרשירן און ווייטער שפּילן, און ווייטער גיין איינעמען די וועלט... און דערביי פלעגן זיך מיר באַווייזן טרערן אין די אויגן.. פּשוט פאַר קנאה: וואו איז מיין מיליטער, מיין מוזיק? אַז יע־נער האָט...

איך פלעג, מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַ צערודערטער נשמה, אויסהערן מעשיות פון משיח'ס ציטן. דער „רבי" אין חדר פלעגט דערציילן, די באָבע אין דער היים, צי אין בית־המדרש— עלטערע אינגלעך. ווי ליב האָב איך געהאַט דעם „מלך המשיח"! מיט אַלעם גוטן און טייערן האָב איך אים באַקליידט און באַהאָנ־גען! ביי אַ רייכער מומען (ז'אי' שוין אויפ'ן עולם אמת) האָב איך אָפּגעריסן די פּערל פון האַלז. ביים גענעראַל, וואָס האָט גע־וואוינט געגנאיבער — די ווייסע פעדערן פון איבער'ן קאַסק... ביים כהן־גדול — דעם חושן ואפוד צוגענומען! איך ווייס? נאַקעט און באָרוועס וואָלט איך אַ וועלט געלאָזט! אָבער נישט שטענדיג. טייל מאָל האָט מיך מער גענומען משיח בן־יוסף, וואָס דאַרף אומקומען, גע'הרג'עט ווערן... און איך האָב אויפגעהויבן די אויגן צום הימל: פאַר וואָס? פאַר ווען? און נאָך וואָס זאָל איינפאַלן די אייזערנע בריק? און איך פלעג טראַכטן: ביי יציאת מצרים האָט ער די מלאכים נישט געלאָזט זינגען: מעשה

ידי — זאָגט ער, — טובעים בים... און לעתיד לבא... אזוי אַן רחמנות? וואָס זיינען זיי ערגער פאַר די מצרים?

— קינדער־געדאַנקען!

— ערלעכער ווי מענטשן־געדאַנקען, און אמת'ער אויך! דאָס זיינען די גאָלדענע פעדים, פון וועלכע עס שטיקט זיך ערשט אויס א נשמה פון א מענטש, א פרישע ריינע נשמה...

נאָך געדענק איך: אין דער מערת המכפלה, געקויפט ביי די בני חת, וואָס האָבן מיט גוטע ריידעלעך אויסגעשווינדלט ארבע מאות כסף... אין דער מערת המכפלה זיצט אברהם אָבינו, אָנגעלענט מיט'ן קאָפּ אויף דער מוטער שרה'ס שויס... די הגדה דערציילט אזוי... און איך זע בחוש ווי די מוטער שרה, מיט א קעפּל ווי ביי'ן א ציטער־נאָדל, זיצט און פירט מיט לאַנגע, נאָר דינע און דורכזיכטיגע פינגער, צווישן אברהם אָבינו'ס זילבערנע לאָקן... אזוי זיצן זיי און ביידע האָבן פארמאַכטע אויגן, און עפענען די אויגן וועלן זיי ערשט ביים שופר של משיח, ווען די טערקישע וואַרטע וועט פאַרשטיינערט ווערן פאַר שרעק...

און עס פלעגט מיך ציען צו דער מערת המכפלה... צום זיידן, צו דער באָבען...

נאָר אויך נישט שטענדיג!

טייל מאָל פלעגט מיך וואונדערן: פאַרוואָס טראָגט עס אברהם אָבינו האָר א חוץ באָרד און פאות?

טייל מאָל פלעג איך גאָר זיין פון הגר'ס צד. און וועלן דער מוטער שרה'ן אָפּטאָן א שפּיצל! און איך פאַנטאַזיר הויך צווישן די חברים: איך וועל מיך אויסלערנען טערקיש, אַנטלויפן קיין ארץ ישראל, שטעלן מיך דאָרט פאַר א זעלנער. און, אז עס וועט מיר אָנקומען צו שטיין אויף דער וואַכט פאַר דער מערת המכפלה, וועל איך ביינאַכט, אז קיינער וועט נישט זען, שטילערהייט אוועקשטעלן דעם ביקס, אריינכאַפּן זיך אין דער הייל, אויף די נעגל צוגיין און געבן דער מוטער שרה אין נעזל אריין — — —

נאָר ארויסזאָגן: „א שנעל", האָב איך די העזה נישט געהאַט.

— בעסער א שמעק טאַבאַק! — האָט אימיצער אונטערגעכאַפּט...

— קונדייסים!

—גוטע צייטן געווען!... און וואָס נאָך האָב איך געוואוסט פון ארץ ישראל?

צו כותל מערבי, האָב איך געהערט, קומט מען צוזאַמען מאַרבע פּנות העולם וויינען, די וואַנט איז גליטשיג פון טרערן...

און איך האָב געגלוסט צו דער כותל מערבי... דאָרט אַ תשעה־באב! צווישן אַן עולם מאַרבע פּנות העולם וואַרפן בע־רעלעך!

טייל מאָל איז מיר בעסער געפעלן די אילומינאַציע אויף רבי שמעון בן יוחאי׳ס קבר! ווייבער וואַרפן פון די אַקסל אַראָפּ די טייערסטע פאַרשיידנפאַרביגע טערקישע שאַלן, טינקען איין אין פעסער שמן־זית און צינדן אָן! — אַ חוץ אַזוי הבדלות, ליכט און קאָלירטע פּאַפּירענע לאַמטערן! אַ!

נאָך. ביי אונז אויפ׳ן הויף — מיר האָבן דעמאָלט אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס געוואוינט — האָט געוואוינט אויך אַ שוחט, אברהם מאַנים האָט ער געהייסן. אַ שם־דבר איז ער גע־ווען דער אברהם מאַנים. ווען ער פלעגט מיך טרעפן, פלעגט ער מיך קנייפּן אין בעקל — איך בין אַ שטיקל עלוי געווען און ער — אַן אַלטער מתמיד! דעם נאָמען „אברהם מאַנים״ גע־דענק איך. נאָר פאָרשטעלן קען איך מיר אים שוין נישט. פאַר־מאַך איך די אויגן, זע איך נישט מער, ווי אַ ווייסע, לאַנגע, זייער לאַנגע באָרד; זי איז געווען די לענגסטע אויף דער פראַנציס־קאַנער גאַס, די לענגסטע אין גרויסן מנין. טייל מאָל זע איך נאָך אַ רויטן האַלז־און־נאַקן פון הינטן, מיט אַ שטיק באַוואָקסן האַרץ פון פאָרנט, — ער איינער פלעגט נאָך טראָגן אַן אָפן העמד מיט נאָכגעלאָזטע בענדלעך... מער זע איך שוין נישט... אָט דער אברהם מאַנים איז מיט דער צייט שוואַך געוואָרן אויף די אויגן, אוועקגעלייגט דעם חלף און געקליבן זיך קיין ארץ ישראל—

אין מנין איז געווען אַ רעש. לומדים האָבן געקלערט, צי מעג מען אויסמיידן משיח׳ן, מען האָט אויפגעמישט הונדערטער גמרות און ספרים, אַהין און אַהער, — מען האָט זיך צעשוויצט, צעאַמפּערט... נאָר אַזוינע וכוחים פלעגן זיין ווען אַן על חטא

ביום כפור שחל להיות בשבת, און פלעגן אזוי לאַנג דויערן, ביז אַן אַלטער מנין־ איד האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַר'ן עולם עדות געזאָגט, ווי אַזוי מען האָט זיך נוהג געווען פאַראיאָרן! און אַזוי איז געבליבן. דאָ אויך. דער מנהג איז, אַז ווער עס וויל פאַרשפּאָרן גלגול מחלות, פאָרט קיין ארץ ישראל...

צווישן אונז איינגלעך איז אויך געווען אַן אַנדער מין וכוח... מען האָט זיך אָנגעשמעקט מיט השכלה... איינער פון מיינע חברים האָט געלאַכט: „וואו מען מעג ווערן יעדנעראַל דאָרט איז ארץ ישראל" — דאָ! אים פלעגט זיך שטענדיג חלומ'ען אַ רייט־פערד מיט עפּאָלעטן!

און אין דער היים ביים וואַרמעס האָט מען געקלערט: ווי אַזוי וועט אברהם מאַניס, דער אַלטער בטלן, מיט די האַלב־בלינ־דע אויגן, טרעפן קיין ארץ ישראל? די מאַמע פרעגט: ווי אַרום פאָרט מען קיין ארץ ישראל... דער טאַטע זאָגט, מן הסתם איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל... און וואו ליגט קאָנסטאַנטינאָפּאָל? ווייט, ווייט! און מען האָט געשפּינען אַ מאָדנע געאָגראַפיע איבער טאָל און בערג, נאָר די אַלטע מירל האָט זי איבערגעריסן. די אַלטע מירל איז געווען אונזער דינסט און האָט געזאָגט, אַריינברענגענ־דיג דאָס ציבעלע פלייש, אַז אויפ'ן הויף זאָגט מען אויף זיכער, אַז „ראָני" די אברהם־מאַניס'יכע פאָרט מיט... „ראָני" וועט טרעפן! זאָגט די מאַמע, אַלע זיינען מודה, אַז „ראָני" וועט אויפ'ן פייער נישט פאַרברענט ווערן!

דעם נאָמען „ראָני" געדענק איך דורך אברהם מאַניס'עס אַ גלייכווערטל. אַז ער פלעגט פון שוחט־הויז אהיים קומען שפּעט, פלעגט ער אָנקלאַפּן: קומי רוני בלילה!

און ליב האָט זיך דאָס אַלטע פּאָר פאָלק געהאַט, נאָך ווי ליב!

אברהם מאַניס איז אונזער בעל־תקיעה געווען — —

און דאָס אָנטאָן פלעגן זיי, אפּנים, האַלטן אויף איין בענקל... און איינמאָל ראש השנה איז אברהם מאַניס געקומען צו די תקיעות אין ראָני'ס אַ העמד במקום אַ קיטל! און האָט נאָך געשמייכלט: „נישקשה אַזאַ טעות, ראָני איז אַ צדקת!" נאָר פאַרשטעלן ראָני'ן קען איך מיר אויך נישט: איך געדענק נאָר:

א קליינע, א פריילעכע, א דורכזיכטיג פּאַפּירן נעזל מיט א פול פון א פייגעלע. נאָר „ראָניע איז א ליים, מיט איר וועט ער זיך שוין ·דורכשלאָגן !"

גענגן וואָס דערציילט איך עס ?

יאָ... ראָניע איז צוריק געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

זי איז קראַנק געוואָרן פון בענקעניש, און פּלוצים פּחד באַקומען פאַר'ן ים... אברהם מאַנים איז ווייטער געפאָרן...

ראָני האָט אים פאַרלאָזט !

אַז זי האָט צוריקצואוועגס דערזען די ווייסל, האָט זי געוויינט פאַר פרייד ! אין גאַס האָט זי ממש געטאַנצט — דערנאָך איז זי געלאָפן אויף בית עולם אַרוים און געפּאַטשט אין די הענטלעך : מיינע ליבע קברים, מיינע טייערע קברים !... און עליה השלום, דער באָבען מיינער, האָט זי מיט גרויס נחת און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס זי איז זוכה געווען מיט אירע אייגענע הענט אָנצורירן די שיף, וואָס איז אָוועקגעשוואומען גלייך קיין ארץ ישראל...

זי האָט אָנגערירט די וואַנט פון שיף און די האַנט געקושט, ווי ביי א מזוזה !

— ווייבערישע זאַכן...

— ניין, דו ביזט צו טרוקן, דו פאַרשטייסט עס נישט : א ווייבערישע צי א מענישע, נאָר א האַלבע נשמה דאָ, א האַלבע דאָרטן.

— מען רעדט דאָך אָבער נישט פון אַלטע אידן און אידענעס, וואָס אַנטלויפן פאַר גלגול מחלות... נישט פון שטאַרבן, פון לעבן רעדט מען !

— איך ווייס ? וואָס איז געווען גירסא דינקותא... חדר־זאַכן... און היינט וואָס ווייס איך ? וואָס גיבן מיר די „בלע־טער" ?

איך לעז, וואָס עס לאָזט זיך לעזן... איך אַליין אויף פּאָ־ליטיק פאַרשטיי מיך נישט... נאָר אַזוי, וואָס הערט זיך דאָרט ?

איינער זאָגט : יק"א און ראָטשילד הרג'ענען די קאָלאָניעס מיט זייערע שווערע פליגל, וואָס זיי האָבן איבער זיי פאַרשפּרייט...

דאָס אפיטראָפּסות איז סם המות! עס וואָלט שוין לאנג דאָרט פּתום ורעמסס — טפו! ווי דאָס גלות האָט זיך איינגעגעסן, איך מיין „איש תחת גפנו" געוועזן, און ווי ווייטער שטייט... קומט א צווייטער און זאָגט: ניין, דער חסרון איז, וואָס מען וויל איבער נאכט מאכן פון א סוחר א פּויער... אומגעלערנט מאכן... אן אגראָנאָם־שולע דאַרף מען. עפנט אן אגראָנאָם־שולע וועט זיין ששון ושמחה... קומט דערנאָך א דריטער, א כתוב השלישי און זאָגט: וואָס ווילט איר? פייגל־מילך? עס גייט על צד היותר טוב! א מחיה! און באותו מרגע, ווי איך לייען עס, קומט אריין אן אָרימאַן... ווער ביזטו? א געוועזענער קאָלאָניסט אין ארץ ישראל...

ער האָט דעם „חלב ודבש" אפּנים, נישט פאַרדייעט!

זיי שווייגן א ווײַלע, און דער ליטוויש־רעדער זאָגט:

— עס האָט זיך געמאכט א נייע חברה צו שטודירן, אויס־צופאָרשן ארץ ישראל...

— בא! וואָלט געוועזן אן עסק... קלאָרע דיבורים...

ווארום נאָך אמאָל דאָס זעלבע: אויף פּאָליטיק פאַרשטיי איך מיך נישט... אדיע!

— אדיע!

די לויה

אין אזא גרויסער שטאָט ווי ווארשע, מוזן זיין גרויסע לייט; און אז גרויסע לייט שטאַרבן זיינען גרויסע לויות.

אין יענער וואָך זיינען דאָנערשטאָג און פרייטאָג גרויסע לויות געווען!

לער זיינען געווען די גאסן, די רעסטאראנען, קאָנדיטעריי׳ען, קאפייען; אין די גערטן האָט מען געקאָנט עובר זיין אויפ׳ן גאנצן שולחן־ערוך, אונזערן צי זייערן, אָן עדות; פאַר דאָס איז פול געווען דאָס בית־עלמין, עס האָט געווימלט אויפ׳ן בית־החיים.

און ווער האָט זיך דאָרט דאָנערשטאָג און פרייטאָג נישט געטראָפן?

דער ווירט מיט׳ן לאָקאַטאָר, דער מלוה מיט׳ן לוה, דער ברויט־נעמער מיט׳ן ברויט־געבער—אַלע האָבן זיך אָנגעקוקט און אָפּגעקרעכצט:

— וואָס איז ווערט, — האָבן זיי געטראַכט, — אונזער פריינטשאפט און אונזער האס, אונזער קאָנקורענץ און אונזער הילף, אונזערע טענות, סכסוכים, קאָנטראַקטן און וועקסלען?

פלוצלונג האָבן זיך אַלע אַלס מענטשן דערפילט! נאַטירלעך, נישט אויף לאַנג! נישט אויף לאַנג „נעמט זיך א לעבעדיגער צום הארץ״ דאָס לעבן איז אייזן און שטאָל, די מאָראל „הויך — ווייך און אָנגעבלאָזן!״ אין טויער פון קברות קומט אמאָל אריין א מענטש, נאָר ארויס גייען שוין צוריק חיות־רעות...

גוט איז דאָך א ליכטיגע מינוט ביי ווילדע משוגעים! א לויה, א יום־כפור, אפילו א יום־כפור־קטן!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דארף איך אייך זאָגן, וועמעס די גרויסע לויות זיינען גע־ווען? „קינד־און־קייט" ווייסט, אז „נתבקש בישיבה של מעלה" איז געוואָרן ר' זיינוועלע, דער עלטסטער ווארשעווער דיין, כמעט ווארשעווער רב, און איז געקומען צו קבר־ישראל דאָנערשטאָג!...

צערודערט זיינען געוואָרן די מתים:

— ווער פארטרייבט אונז, — קלאָגן זיי זיך, — דעם זיסן שלאָף אָן חלומות, און הרהורים־רעים, פון די אויסגעגעסענע אויגן־לעבער?

— צי האָט זיך עמיץ פון אויבן באוויזן און אונטער זיינע טריט ציטערט אזוי די ערד?

— וואָס טאַנצן, ווי שיכור, די מצבות?

— און וואָס טרעט צווישן די קברים, צי גייט מיליטער אויף ערגעץ א מלחמה?

אזוי פרעגן די מתים און דער הספד ענטפערט זיי:

— ר' זיינוועלע גייט צו'ן אייך, ר' זיינוועלע!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— מען מוז אים גוט אויפנעמען — טראכטן די מתים!

אקליינינגקייט 40 יאָר „כמעט מרא־דאתרא" אין ווארשע!

וויפיל קדושין האָט ער מסדר געווען?

וויפיל גט'ן, עכטע כשר'ע גט'ן האָט ער אין קהל־שטוב און ביי זיך אין דער היים אויסגעריכט!

וויפיל מאָל איז ער אויף כסא־של־אליהו געזעסן! וויפיל חליצות האָבן פאר אים געשפיגן!

און וויפיל דין־תורה'ס האָט ער גע'פסק'נט, וויפיל פשרות געמאַכט, און וויפיל נולדים ונפטרים אויס — און איינגעשריבן!

און ווער וועט איבערציילן, וויפיל הכשרים ער האָט ארויס־געגעבן! פאר פסח — אויף מילן, אויף בעקער־אויוון, אויף מצה־מעל, אויף מצה־געוועלבער, אויף פאַפּירענע מצה־טעצלעך

וכדומה און א גאנץ יאָר — אויף וויינען, פלײשן און אפילו אויף פוטער פון פאַרשיידענע קרייטעכצער!

און וויפיל נשים, און וויפיל טעפּל־לעפל האָט ער גע׳אסר׳ט און מתיר געווען!

נישט קיין לעבעדיגער, נישט קיין טויטער, ווען עס בארעכענען. צייל איבער די שטערן אין הימל!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער מספּיד קלאָגט:

„די שחיטה האָט ער געהאַלטן ביד רמה!"

„נישט געלאָזט, אַז ווער עס איז, פון וואַנען עס איז, זאָל קומען מיט א סמיכה אפילו פון מאה־רבנים און אויסציען א חלף!"

„כל־זמן ער האָט געלעבט, האָט א וואַרשעווער איד געוואוסט, וואָס ער עסט, ווּעמעס פלייש ער עסט!"

און —

„אידישע קינדער האָט ער מיט מלמדים פאַרזאָרגט... א סך מלמדים! א סך תורה, ווייניג תורה! אבי נישט קיין ליטווישע עברי — ווער מלמד! און מלמדים האָבן זיך געמערט כחול־הים, קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט דאַווגען און חומש לערנען און אידן האָבן פרנסה געהאַט!"

„און א מרוצה־לקהל איז ער געווען!"

א לב־טוב, אן עין־טוב — פאַר אַלע גוט!

פאַר אַלע האָט ער געהאַט א פריינטלעכן בליק אין די ליכטיגע אויגן, א זיסן שמייכל אויפ׳ן גלאַנצנדיגן פנים, א גוט ווארימע האַנט — פאַר אויסגעהילטע דייטשן, ברענענדיגע חסידים, אויסגעטריקנטע מתנגדים, — דעריבער זיינען אַלע צו דער לויה געקומען, און ווען אַלע טרערן זאָלן אריינשווימען אין קבר, וואָלט דער אָרון, וואָס מען וועט אריינלאָזן, ארומגעשוואומען! — — — — — —

און די מתים, פון עולם־אמת, זיפצן: אמת, אמת!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צווישן איין הספד און דעם צווייטן האָט זיך איבערגעדרייט אַ מת מיט נאָך גאַנצע זייטן צו זיינע חברים און געפרעגט:

— אַלערליי קולות הער איך, פאַרוואָס הער איך נישט די קולות פון תינוקות של בית־רבן, פון תלמוד־תורה־קינדער?

און נאָך אַ פרישער מת, כמעט נאָך נישט אַן אָנגעריירטער, ענטפערט:

— די קונדייסים נעמען צו אַ לויה?

זיי וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און געשפּילט אין „ציגל־מיגל", זיי וואָלטן זיך געממית'ט, מיט שטיינער געוואָרפן און אין מטה אריין, צו דעם הייליגן מת געטראָפן!

און פון בית־הקברות וואָלטן זיי אַ תל געמאַכט! זיי וואָלטן אויף די קברים אַרומגעטאַנצט, איבער די מצבות „קאָזיאָלקעס" געמאַכט...

און, וואָס דער עיקר איז, עס איז אַ חרפּה און אַ בושה פאַר דער פּאָליציי—אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אויסגעהונגערט...

אַזוי האָט געזאָגט דער פרישער מת!

און ווער ווייסט, וואָס נאָך פאַר אַ בלבולים דער מת וואָלט אויסגעטראַכט אויף די אָרימע תלמוד־תורה־קינדער, ווען נישט וואָס דער צווייטער הספד האָט זיך אָנגעהויבן.

„כשמת אחד מן החבורה, ידאגו כל בני החבורה" — אויף דעם האָט זיך דער מספּיד געשטעלט.

עס איז אַ גמרא, אַ בפירוש'ע גמרא, און אַ בפירוש'ע גמרא איז הפקר; אויף איר מעגן זיך אַלע שטעלן, איבערדרייען, איבער־ניצעווען, אויסטייטשן מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, בפרט פאַר וואַרשעווער קהל...

און דער הספּד־מאַכער טייטשט:

אַז עמיץ גייט אַוועק פון דער חברה, מוז די גאַנצע חברה זיינע געשעפטן פאַרזאָרגן...

— אמת! אמת! — שאָקלען ווייטער די מתים מיט די ביינערנע קעפּ: מען מוז זיך צעטיילן מיט די נולדים ונפטרים,

מיט די שוחטים, מיט'ן סנדקאות מיט אַלערליי הכשרים — —
אמת! אמת!
דאָס אַלץ איז געוועזן דאַנערשטאָג.

פרייטאָג האָבן די מתים כמעט גאָרנישט געהערט.

עס איז צו קבורה געקומען א אידישער גביר, א באַרימטער בעל־צדקה — וואַווערלבערג!

נאָר די הספדים זיינען געזאָגט געוואָרן אויף פּויליש, און א איד, אַז מען לייגט אים ווי עס דאַרף צו זיין אין דער ערד אריין, הערט ער אויף פּויליש צו רעדן, און צו פאַרשטיין!

האָבן זיך די מתים, נעבעך, פאַרטראַכט און אַזוי געטראַכט:

— דער מענטש איז א גרויסער, נאָר אַן אומגליקלעכער מענטש געוועזן; ער האָט א סך געזייט, נאָר וויפיל וועט אויפגיין און וויפיל וועט אַוועקטראָגן דער ווינט?!

דער מענטש האָט געהאַט גאָלד, נאָר גאָלדענער ווי גאָלד איז געוועזן זיין האַרץ און האַרטער ווי א שטיין זיין מזל:

שלום האָט ער געוואָלט, און איז אין דער סאַמע רעכטער מלחמה געשטאָרבן! און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אַן האָפנונג, אַז עס וועט אַמאָל זיין א שטילשטאַנד, אויב שוין נישט קיין שלום!

און ווייטער קלערן די מתים:

— וויפיל אידן וואוינען אין וואַוועלבערג'ס ביליגע הייזער?

— וויפיל פּראָצענט אידישע קינדער וועלן לערנען אין זיינע שולן?

— וויפיל אידן, און וויפיל נישט־אידן, פרעמדע און היימישע, גייען נאָך זיין מטה?

— וויפיל פון זיינע מיליאָנען וועלן בלייבן אויף דער זייט און וויפיל וועלן אריבער אויף יענער זייט?

— און ווער — קלערן ווייטער די מתים — וועט זיינע געשעפטן פאַרזאָרגן?

רבנים וועלן נישט פעלן; פון אַלע זייטן וועלן זיי אָנקומען, מיט גרויסע און קליינע בערד, מיט פּראָטעקציע פון חסידי־

אומות־העולם. דורך די שפּאַרעס וועלן זיי זיך אַריינרייסן, דורך פענצטער און קוימען קומען — און מען וועט זיי אויפנעמען, מען וועט זיי מוזן אויפנעמען, נאָר אַזוינע וואָוועלבערגס, מיט זייערע גרויסע מעלות, און גרויסע טעותים, אַזוינע וואו נעמט מען?

אַזוינע גאָלדענע הערצער דאַרפן וואַקסן אויף שטיינער, ליידער וואַקסן שטיינער אויף גאָלדענע הערצער!

צוויי גרויסע, גרויסע לויות געווען!

און גרויסע לייט פאַרנעמען אַ סך אָרט, אי ביים לעבן, אי ביים טויט! 4 אָרימע לויות האָט מען דעריבער געמוזט אָפּלייגן אויף מוצאי־שבת נאָך הבדלה! די גרויסע האָבן פאַרלייגט דעם וועג צום עולם־האמת!

צי איז דערויף קיין עצה נישט פאַראַן?

די וואוינונגען פאַר לעבעדיגע גרויסע האָבן צווייערליי גענג:

אַ פּאַראַדנעם, אַ ליכטיגן גאַנג — אין גרויסע הייזער אויסגעלייגט מיט פערסישע און טערקישע דיוואַנען, רעכטס און לינקס אויסגעשטעלט מיט די פיינסטע געוויקסן; דאָ אַרום קומען פיינע געסט, רייכע געסט; געסט, פאַר וועלכע דער גרויסער האָט וויין און אַלערליי לעקער־ביסן און אמת'ע האַוואַנאַ־ציגאַרן —

און אַ טונקעלן גאַנג, אַ גאַנג אַ שוואַרצן דורך דער קיך, פאַר קרובים, גלאַט פאַר אָרימע לייט, פאַר וועלכע מען האָט אַמאָל אַ האַרטן דרייער, גאַנץ אָפט אַן אָנווייזונג אין הימל אַריין: דער, וואָס שפּייזט ווערים, וועט דיך אויך שפּייזן, מעגסט עסן ערד; אָדער אַמאָל אַ גוט וואָרט: גיי גלאַט צו אַלדי־שוואַרצע־יאָר!

פאַרוואָס זאָל דאָס בית־הקברות קיין צוויי גענג נישט האָבן? אָרימע לייט איילן זיך אַזוי אין זייער רו אַריין, פאַרוואָס זאָל מען זיי פאַרהאַלטן, איבער שבת לאָזן?

מאַכט צוויי גענג!

איינעם אַן אויסגעפּלאַסטערטן, אַ ברייטן פאַר רבנים, ראשי־קהל, בעלי־צדקה און גלאַטע גבירים און פאַר האַלב וואַרשע (אַלס

באַגלייטער, מיין איך!), מיט א גרויסן, גרויסן טויער און דער־נאָך מיט גאָלדן־זאַמד אַן אויסגעשאָטן וועג גלייך צו די אויבן־אָן־שטעט און פאַמיליען־גרעבער!

און א צווייטן וועג, א בלאָטיגן, א שמאָלן (איינגאַנצן פאַר איין אַלמנה צי איין אַלמן, מיט עטלעכע יתומים, צוויי־דריי שכנים!), מיט א קליינעם טויער, מען קען יוצא זיין מיט א לאָך אין צוים — פאַר אָרימע לייט!

און ווילט איר, די לויות זאָלן זיך נישט אויסמישן אויפ'ן קברות, האָט איר דאָך אויף יעדן וואונק א „קאָרדאָן״ פון „העלע קנעפּ״ — מאַכט א מחיצה! דיזעלבע, וואָס היטן אייך שמחת תורה צו הקפות און יום־כפור, צו כל־נדרי אין דער „דייטשישער שול״, וועלן אייך היטן די קברים אויך!

און אַצינד הערט א מעשה:

מה בין בני לבן חמי? — בשעת ווען דער אידישער גביר וואַוועלבערג, האָט פאַר אידישער ליטעראַטור, כמעט גאָרנישט געזאָרגט, האָט, זכרונו לברכה, ר' זיינוועלע קלעפּפיש א סך פאַר איר געטאָן!

וכך הוה:

אמאָל איז געווען א רב אין א שטאָט, אויב איך בין מיך נישט טועה — אין פלאָצק. איז דער רב א מחבר געוועזן און דערצו אַן אָרימאַן און, פאַרשטייט זיך, א דאָפּלטער — אַלס רב און אַלס מחבר. און האָט זיינע חדושי־תורה, אויב נישט מוסר־זאַכן, נישט געקענט דרוקן...

מילא, כל־זמן א מענטש לעבט, לעבט ער מיט האָפענונג; פאַר דער פּטירה אָבער האָט זיך דער רב געהייסן אויפשרייבן אויף דער מצבה א צוזאָג, אַז ער וועט א מליץ־יושר זיין, דאָס הייסט, אַז ער וועט זיך מיען אין הימל פאַר די, וואָס וועלן זיך פאַר אים מיען דאָ אויף דער ערד און וועלן אָפּדרוקן זיינע חבורים...

און דאָס האָט ר׳ זיינוועלע געטאָן; ער האָט געלט געזאמלט און געדרוקט!

ביי ר׳ זיינוועלע׳ס אלמנה זיינען אפילו פון דעם געלט געבליבן 60 רובל, און זי זוכט צו געפינען נאך מאַנוסקריפּטן (כתבי־יד, מיין איך, פון פלאָצקער רב׳ס מאַנוסקריפּטן) און וויל זיי ברענגען לבית־הדפוס...

ר׳ זיינוועלע, זעט אויס, האָט שוין זיכער עולם־הבא!

דריי מאָל אין טאָג „אשרי" האָט ער געזאָגט; פאַר מאכלות־אסורות און שחיטת־חוץ פערציג יאָר דורכאנאנד — גאַנץ װאַרשע באַהיט; דוחק־הקץ, צוזאַמען מיט די ציוניסטן, איז ער נישט געוועזן, און דער פלאָצקער רב, זיין מליץ־יושר, איז אויך עפּעס ווערט; און דעריבער, אז איך מאַך די אויגן צו, העך איך בחוש, ווי ר׳ זיינוועלע׳ס ווייסע נשמה פליט אויף תפלין׳דיגע כנפי־יונה גלייך אין הימל אריין, אין גן־עדן אריין, צום כסא־הכבוד צו!

נאָר וואָס וועט זיין מיט וואַוועלבערג׳ס נשמה?

זיין צדקה האָט אַזוי פיל פּעלערן געהאַט!

און גלאַט, ווער ווייסט צי מען קען זיך קויפן עולם־הבא פאַר געלט, און ווען אפילו פון צדקה־געלט?

דער פאַקט און די פרעסע

געשען איז דער פאַקט אין וואַרשע, אויף דער קראָקויער פאָרשטאָט, אין אַ אידיש באַנק־געשעפט.

די געשיכטע איז געווען אַן איינפאַכע, נאָר ווי פאַרשיידנאַרטיג און פאַרשיידנפאַרביג האָט זי זיך אָפּגעשלאָגן אין דער פרעסע.

געשען איז די סצענע אין אַ שיינעם העלן פאַר־מיטאָג. אין באַנק־געשעפט זיצט פליגלמאַן, קלערט הוריות און וואַרט אויף אַ קונה. אין צווייטן צימער זיצט דער בוכהאַלטער זומער־שפּרענקעלע און קלערט, מיט דער פעדער אונטער'ן אויער, ווי אַזוי צו פאַרשרייבן עפּעס אַ שפּעקולאַציע אויף אַ ווערט־פּאַפּיר. אין דרויסן ביים שוי־פענצטער, וואו עס ליגן אויסגעלייגט אַלערליי גאָלדענע און זילבערנע מטבעות, באַנק־צעטלעך, בילעטן, און ווערט־פּאַפּירן פון גאַנץ איירָאָפּע, האָט זיך אָפּגעשטעלט וואַשלאַפּסקי, ער באַטראַכט דאָס פאַרשיידענע געלט און נעמט זיך רעכט און עפנט די טיר פון געשעפט. ער גריסט שטאָלץ ווי אַ „שלאַכציץ”, פליגעלמאַן בויגט זיך דאָפּלט אונטערטעניג אַלס איד און אַלס סוחר. וואַשלאַפּסקי פאַרלאַנגט אַ ווערט־פּאַפּיר פון אַ געוויסן פּרייז, זומערשפּרענקעלע דערהערט אין צווייטן צימער די באַשטעלונג און באַווייזט זיך אויף דער שוועל, טאָמער וועט זיין פאַר אים אַ שליחות אין אַ צווייט געשעפט אַריין; אין דער אייגענער קאַסע, ווייסט ער, ליגט נישט פיל מער ווי אין שוי־פענצטער און גאַנץ אָפט מוז מען אַריינברענגען פון ערגעץ אַנדערש. וואַשלאַפּסקי באַמערקט נישט דאָס זומערשפּרענקעלע. סוחרים גייען שטיל, בוכהאַלטער — נאָך שטילער. דאָס פּאַפּיר פאַר דעם פּרייז, וואָס וואַשלאַפּסקי האָט פאַרלאַנגט, איז גראַד

געוועזן, פליגעלמאַן דערלאַנגט עס און וואַשלאַפּסקי בעט, מען זאָל אים אַרויסשטעלן א רעכענונג. פליגעלמאַן בויגט זיך איבער'ן טיש און וויל שרייבן, נאָר אין דער זעלבער סעקונדע כאַפּט וואַשלאַפּסקי אַרויס פון בוזעם־טאַש א פּיסטאָלעט. אינסטינקטיוו לאָזט זיך פליגעלמאַן אַראָפּ אונטער'ן טיש, וואַשלאַפּסקי שיסט דערווייל און טרעפט, אויפ'ן אָרט פון דער ברוסט, צו וועלכער ער האָט געצילט, פיל העכער, נישט ווייט פון געלענק פון דער האַנט, אויפ'ן אָרט, וואו עס ליגט די שעלקע, נישט זייער טיף אין לייב. אין דער זעלבער סעקונדע לויפט אונטער זומער־שפּרענקעלע, כאַפּט אָן פאַרטומלט וואַשלאַפּסקי'ן ביי דער לינקער האַנט און שטאַמלט: וואָס טוט איר? (נאַטירלעך אויף פּויליש) און וואַשלאַפּסקי ענטפערט אים, שוויינגנדיג, מיט א קויל אין שטערן אַריין... וואַשלאַפּסקי אַנטלויפט מיט'ן ווערט־פּאַפּיר, זומערשפּרענקעלע רוקט זיך צו צום שוי־פענצטער מיט'ן בלוטיגן קאָפּ. און בלייבט שטעקן אין פענצטער — און פליגעלמאַן, וואָס האָט דאָס אַלץ אונטער'ן טיש נישט געזען, כאַפּט זיך פּלוצלונג אויף, שפּרינגט אַריבער איבער'ן טיש, און לויפט פון געשעפט אַרויס, נאָכיאָגן וואַשלאַווסקי'ן. וואַשלאַפּסקי לויפט איבער דער גאַס, פליגעלמאַן נאָך; וואַשלאַפּסקי שפּרינגט אַרויס, לויפט ווייטער, שטרויכלט איבער א שטיין און פאַלט, פליגעלמאַן לויפט צו, ווי אויך פּאָליציי, וואָס האָט זיך דערווייל געפונען, און ליגנדיג אויף דער ערד, דערלאַנגט זיך וואַשלאַפּסקי די דריטע קויל אין מויל אַריין...

עס איז אָנגעקומען די „געשווינדע רעטונג" און האָט אַוועק־געפירט אַזוי וואַשלאַפּסקי ווי זומערשפּרענקעלע אין א שפּיטאָל אַריין, דעם בילעט אויף א פּאָר טויזנט האָט פליגעלמאַן אָפּגענו־מען און האָט נאָר געהאַט א היזק אין שוי־פענצטער, וואו פאַר־שיידענע ווערט־פּאַפּירן זיינען איבערגעוואַשן געוואָרן אין בלוט פון זומערשפּרענקעלע.

פליגעלמאַנ'ען האָט מען לייכט און ביי אים אין דער היים אָפּעריִרט, דאָס שטיקל שעלקע מיט'ן קיילעכל האָט די פאַמיליע באַהאַלטן לזכרון. שבת האָט פליגעלמאַן „הגומל־געבענטשט",

און דאָס ווייב אין דער היים אויפ'ן וויבערשן באַלקאָן האָט זיך צעוויינט אויף א קול, וואָס מען האָט שוין לאַנג אין דער דייטשער שול נישט געהאַט, דערנאָך האָט זי באַקומען מיגרען — —

די רעשט וועט איר געוואויר ווערן פון דער פּרעסע.

מיר מוזן נאָך צוגעבן, אַז אין שפּיטאָל, אַז מען האָט אים אויסגעטאָן, איז פון וואַשלאַפּסקי'ן אַראָפּגעפאַלן א פּאַריק מיט א פאַלשער באָרד!

דער שטראַסן־לויפער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעריבער געשריבן, נישט אומזיסט איז ער „גאַסן־לויפער"; ער כאַפּט, זאָגט מען, נייעס ווי פליגן.

„וואַשלאַפּסקי — האָט ער מודיע געווען, — איז קיין געבוירענער מערדער נישט, ער שטאַמט פון אן אַלט־שטאָטישער ערלעכער פאַמיליע און האָט באַקומען אן אָרנטלעכע דערציאונג. נאָכ'ן ענדיגן פון 4 קלאַסן, האָט מען אים אַריינגעגעבן אין א געשעפט, פון וואַנען ער איז איבערגע־גאַנגען צו דער באַן־ביוראָ, וואו ער האָט זיך לעצטנס פאַרדינט ביז 100 רובל אַ מאָנאַט. געהייראַט האָט ער די טאָכטער פון זיין פאַרגעזעצטן, וועלכן ער איז געפעלן מיט זיין כאַראַקטער, ווי אַזוי מיט זיין ערלע־כער און געטרייער אַרבעט, געלעבט מיט'ן ווייב האָט ער די גאַנצע צייט פון דריי־פערטל יאָר זייער גליקלעך. זי איז איינע פון די שענסטע דאַמען אין וואַרשע: א בלאָנדינקע, מיט העל־שיינע האָר און הימל־בלויע־אויגן, א ביסל מאָגערלעך, א דורכזיכטיגער הויט, פון די אויגן אָבער פאַלן אויף דער הויט א לויטזעליג קינדיש, גליקלעך ליכטיגער שמייכל. עס זיינען געווען אַלע שאַנסן, וואַשלאַווסקי זאָל גליקלעך זיין, נאָר די וועגן פון דער השגחה פּרטית זיינען וואונדערלעך און טיף אין וואַשלאַפּסקי'ס נשמה איז א שרעקלעכע קרענק, וואָס ער, ווי אַלע אַזויגע קראַנקע, האָבן זיך באַמיט צו באַהאַלטן פון דער פאַמיליע, בפרט פאַר די חברים, צו פאַרטומלען זיך און צו באַטויבן האָט ער אָנגעהויבן טרינקען. צום היום געליבטן ווייב האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און גאַנץ אָפט נאָך מיט א ביטערקייט אין דער שטימע. אין ביוראָ פלעגט ער זיצן שטונדן־לאַנג פאַרטראַכט, בייסנדיג די פעדער אָדער פוצנדיג זיך, מכלומרשט, די נעגל, אָפט פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן און באַווייזן זיך אין א צייט אַרום פאַרשטומט, צעשטערט מיט ברוינע בלויע אַרומגערענדערטע אויגן. דעם לעצטן טאָג איז ער גאָר אין ביוראָ נישט אַריינגעקומען. עטלעכע קאָלעגן האָבן זיך

מיט אים געטראָפן אין גאַס און האָבן אים געגריסט, נאָר ער האָט זיי נישט געענטפערט... ווער עס איז אַזוי לייכטזיניג געווען און אַזאַ פאַרשטערטן מענטש געבאָרגט פון דער האַנט אַרויס אַן אָנגעלאָדענעם פיסטאָלעט, איז נאָך נישט באַקאַנט...

די „אייזערנע שער" האָט איבערגעדרוקט פון „גאַסן-לויפער" דעם באַריכט מיט די באַמערקונגען און נאָך צוגעגעבן:

לויט מען דערציילט, האָט הער וו. (די „אייזערנע שער" שרייבט דעם נאָמען נישט אַרויס) נישט גלייך געשאָסן צו פליגעלמאַן, ווען ער צילט צו אים, וואָלט ער געטראָפן. ווי ער איז באַרימט צווישן זיינע קאָלעגן אַלס דער בעסטער שיסער. פאַראַיאָרן אין א סילוועסטער אָוונט האָט ער נאָך א שאַרף אָונטבערויט מיט לחיים'ס אָן א צאָל, געשאָסן צען מאָל און ניין מאָל געטראָפן אין אם פיק. געשאָסן האָט ער פאַרווירט אויף אַלע זייטן, דער פיסטאָלעט האָט 8 קוילן געהאַט. איינע האָט געלעכערט משה-מאַנטיפיאָרע'ס פאָרטרעט, וואָס הענגט אויף אַלע אידישע ווענט, און פונקט אין דעם אַלטנ'ס נאָז אריין, 2 קוילן האָבן געלעכערט צוויי שויבן אין פענצטער אין צווייטן צימער אַריין, איינע האָט באַקומען פליגעלמאַן, איינע זומערשפּרענקעלע, איינע ער אַליין, און די רעשט צוויי קוילן האָט ערשט אויסגעשאָסן דער פעלדשער אין שפּיטאָל. אַז וו. איז צו זיך געקומען און האָט באַמערקט, וואָס ער האָט אין שגעון געטאָן, איז ער אַנטלאָפן און אין טעות מיטגעכאַפּט אַ באַנק-בילעט, אין וועלכן ער האָט איינגעהילט דעם פיסטאָלעט; אַז מען האָט אים געכאַפּט, האָט ער פריער אָפּגעגעבן דעם בילעט און דערנאָך זיך געשאָסן. זאַך-פאַרשטענדיגע זאָגן, אַז דאָס געשעענע אומגליק וואָלט נישט אַזוי גרויס געווען, ווען נישט, וואָס ביידע אידעלעך פליגעלמאַן און זומערשפּרענקעלע, זיינען אַזוינע פּחדנים! צו קראַנק לאַכן איז, אַז אַזוי ווי מען האָט אַרויסגענומען דעם פיסטאָלעט, זיינען ביידע ווי שטום געוואָרן און נישט געשריען „געוואַלט!" וואָס א איד טוט ביי דער קלענסטער קלייניגקייט. נאָר פליגעלמאַן איז אַרונטער אונטער'ן טיש און זיין הינטיש-געטרייער בוכהאַלטער איז געלאָפן ראַטעווען דאָס געלט אין שוי-פענצטער, (דאָס ערשטע איז ביי אונזערע אידעלעך—געלט!) און איז שוין דאָרט געבליבן!"

אַלס צולאָג:

„פליגעלמאַן אַלס רייכער מאַן האָט זיך קורירט אין דער היים ביי זיך. דער געוויסער דאָקטאָר... האָט אים באַלד אַרויסגענומען די קוילן, געווים איז פליגעלמאַן פאַרזיכערט פאַר אַן אומגליקלעכן צופאַל און

וועט נאך פון עסק עפעס פארדינען. וו.. נעבעך, און זומערשפרענקעלע, ליגן אין שפיטאל און די דאקטוירים זוכן אין זיי ארום די קוילן און קענען זיי נישט געפינען".

דער „טעלער־לעקער" דערציילט נאך די מעשה און לויבט די באמערקונגען פון „גאסנלויפער" מיט דער „אייזערנער שער" און האט זיין אייגן שטיקל מוסר אויך.

„מערדעריי — זאגט ער — ליגט נישט אין דער סלאווישער נאטור. מיר זיינען פון דער נאטור צו ווייך, צו גוטמוטיג און אונזערע נשמות זיינען צו לייטזעליג בלוט צו פארגיסן, בפרט וועגן געלט. דאס שמעקט מיט סעמיטיזם. מיט אזיע! און דעריבער אויב וואשלאפסקי איז נישט קראנק אויף די געהירן, ווי די צייטונגען שרייבן, און דער שפיטאל־דאקטאר, ווי מיר האבן געהערט, לייקנט אפ, און אויב, ווי וואשלאפסקי'ס קרובים פארזיכערן, עס שטעקט אין זיין בלוט קיין איינציגער פרעמדער טראפן, האט די געשיכטע פאר אונז גאר אן אנדער געשטאלט.. מיר זיינען זיכער, אז פליגעלמאן האט וואשלאפסקי'ן באליידיגט. אונזערע געשעפטסלייט באהאנדלען אלע גראב, קוקן פון אויבן אראפ אויפ'ן קונה, בפרט פליגעלמאן מיט זיין אידישער אראגאנץ (חוצפה). מיר האפן, אז קיינער וועט אונז נישט פאלש פארשטיין און נישט רעכענען אונז פאר אנטיסעמיטן. נאר פאקט בלייבט פאקט! אראגאנט זיינען זיי די אידן. זיי זיינען מענטשן און האבן מעלות און חסרונות ווי אלע מענטשן, נאר חוצפה האבן זיי מער פאר אלע פעלקער. די שפאניער מעגן זיך ביי זיי לערנען חוצפה. אפילו דער ווארשעווער איזראעליט לייקנט עס נישט אפ. וואשלאפסקי איז מן־הסתם א שלאכציץ און קען קיין פלעק אנדערש ווי מיט בלוט נישט וואשן. די אידיאטישע פראגע זומערשפרינקעל'ס „וואס טוסטו, פריץ?" האט אים נאך מער צערייצט, בפרט נאך ווען זומערשפרענקל האט אים אנגעכאפט, ווי מען זאגט, פארן לאץ — און ער האט נאך אמאל געשאסן! דעם צווייטן שאס קען מען שוין אויף זיין חשבון נישט שטעלן! פאר גרימצארן האט ער שוין נישט געוואוסט וואס צו טאן!

דאס אלץ איז ביי אונז זיכער, דאס אלץ וועט שפעטער באשטעטיגן דאס געריכט. די פראגע איז נאר צי האט ריכטיג געטאן פליגעלמאן, וואס האט אויסגעריסן פון וואשלאפסקי נאכ'ן שיסן זיך פון דער האלב־פארשטארטער האנט דעם בילעט... ווער ווייסט, ווען וואשלאפסקי איז באליידיגט געווארן: פ א ר אדער נאכ'ן באצאלן פאר'ן בילעט? און אפשר איז וואשלאפסקי געקומען אין געשעפט אריין פ א ר ק ו י פ ן, נישט קויפן קיין בילעט?

פליגעלמאַן, הגם א איד, קען זיין אן ערלעכער מאַן; ערלעכקייט ווענדט זיך נישט אין דער רעליגיאָן, נאָר אינ'ם כאַראַקטער פון מענטש, נאָר ערשטנס ביי אַזאַ צופאַל! אפשר פילט ער זיך גערעכטיג צוצונעמען דעם בילעט פאַר די קאָסטן פון דער אָפעראַציע, וואָס ער האָט זיך גע־מאַכט, פאַר'ן פאַפירענעם געלט, וואָס איז פאַרבלוטיגט געוואָרן אין פענצטער, און אפשר פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס ער וועט צאָלן זור־מערשפּרענקל'ען אומזיסט געהאַלט? אין דיַם פאַל וואָלטן מיר דעם געהערטן פליגעלמאַן אויפ'ן וואָרט נישט געגלויבט, בפרט היינטיגע ציַיטן, ווען דער אידישער האַס געגן קריסטן האָט זיך אַזוי געשטאַרקט א דאַנק הערצל'ען עט קאָמפאַני, וואָס פאַרשפּרייטן דעם ציוניזם..

סיי ווי סיי, די פאָליציי האָט נישט געדאַרפט דערצו דערלאָזן".

די „היימישע גרין" גיט איבער וואָרט ביי וואָרט דעם„ טע־לער־לעקער'ס" ספקות וועגן בילעט און באַמערקט דערצו:

„סיי ווי סיי איז א וואונדערלעכע זאַך, ווי די אידישע ממשלה וואַקסט אין אונזער וואַרשע פון טאָג צו טאָג. דער ערלעכער „טעלער־לעקער" פילט אויך זיכער, אַז דאָס בילעט האָט פליגעלמאַן גע'גזל'ט כמעט פון א טויטער האַנט, און האָט די העזה נישט אַרויסצוזאָגן עס בפירוש און קאָקעטירט מיט אידן און זייער רעליגיאָן אַפילו. נישט אין דער רעליגיאָן און נישט אינ'בלוט, זאָגט ער, שטעקט ערלעכקייט, נאָר אין כאַראַקטער. אָבער, הונט־טייוול־מענטש, פון וואַנען נעמט זיך כאַ־ראַקטער, אַז נישט פון דער הייליגער רעליגיאָן און אויך נישט פון עלטערן בירושה? נאָר דער „טעלער־לעקער" האָט עטלעכע הונדערט אידישע אַבאָנענטן און זיי האָט ער מורא צו פאַרלירן: דער איד איז טרפה, אָבער זיין גראָשן איז כשר. און אפשר שטעקט א סך אמת דערי־נען, ווייל עס איז דאָך באמת אונזער גראָשן... וואָרום וועמעס גראָשן האָט א איד?

אָבער מיר אַלס פריי און ערלעך בלאַט, זאָגן אַרויס בפירוש: פלי־געלמאַן האָט דעריבער איבערגעלאָזט זיין בוכהאַלטער באַגאָסן אין בלוט, ווייל ער האָט געפילט, אַז מען קען כאַפּן א בילעט! וואָס? פרעגט איר — פליגעלמאַן, דער הויפּט־ערלעכער מאַן פליגעלמאַן וועגן געלד? אַוי נאַרן, נאַרן, קריסטלעכע נאַרן! צי ווייסט איר נישט, אַז דאָס גאָל־דענע קאַלב פאַר א גאָט האָט געמאַכט אַהרן, אהרן הכהן, אהרן דער כהן גדול, אַז פון דעמאָלט אָן האָט דאָס גאָלדענע קאַלב צו שאַפן איבער זייערע אַלע נשמות. אַז עס ברענט, ראַטעוועט אַ איד נישט דאָס ווייב, נישט די קינדער, אפילו נישט זיין הייליגע גמרא, נאָר דעם בייטל מיט געלט!

און אפשר וועט אונזער „טעלער־לעקער" זיך באַרואיגן ווען פלי־

געלמאַן זאָל שווערן אין קיטל און טלית, אַז דער בילעט איז זיינער? מוזן מיר אים דערמאָנען, אַז אין 17טן און גאָר אין 18טן יאָרהונדערט. האָט דער ביסקופּ אין סאַנדאָמירזש פאַרברענט 18 אידן מיטאַמאָל פאַר א פאַלשער שבועה!

ווייסט איר וועמען מיר וואָלטן געגלויבט? טאַקע דעם אָרימען זומערשפּרענקעלע און אָן א שבועה! נאָר ווען? ווען ער לייקנט אָפּ דעם טעות און נעמט אָן אונזער הייליגע קאַטוילישע רעליגיאָן. און זייט די קויל האָט אים גערירט די געהירן, וויל ער עס; בענקט ער צום אמת, חלש'ט ער צום אמת! די באַרעמהערציגע שוועסטער אַנטאָנינא כאַפּט ער אַלע מאָל אָן ביי דער האַנט און קושט זי מיט ברענענדיגע ליפּן און מיט'ן גאַנצן האַרץ. „ביי אונז — זאָגט ער, — זיינען אַזוינע פיינע, הערלעכע און באַרעמהערציגע מלאכים נישט פאַראַן!" ביי'ן אייך — זאָגט ער, — איז בעסער, אַלץ בעסער!" און ער וואָלט שוין אפשר לאַנג די זכיה געהאַט אויסצולייזט ווערן פון בלייערנעם אידישקייט, און די נשמה זיינע וואָלט זיך אויפגעהויבן אויף הייליגע פליגל צו גאָט'ס ליבשאַפט און לייטזעליגקייט, ווען נישט דער אידישער פאַנאַטיזם, וואָס טרעט אים נישט אָפּ א רגע! אָדער פליגעלמאַן קומט, אָדער א מוטער, אָדער א שוועסטער, מען לאָזט אים מיט דער הייליגער שוועסטער קיין רגע נישט אַליין...

ווען וועט שוין אויפהערן די אידישע ממשלה אין שטאָט און זייער ווירטשאַפט אין אונזערע שפּיטעלער?"

גאָר פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט פּרעדיגט די אַלטע „פּלע־דערמויז":

— „ווייטער א רויב נאָך א מערדעריי, נאָך א קאַטוילישע נשמה האָט זיך פאַרפלעקט אין בלוט און אין הימל וויינען די מלאכים פאַר זיין ליבן־נאָמענ'ס שטול: ווען וועט זיין א סוף?

און וועגן וואָס איז עס געגאַנגען? וועגן געלט!

וועגן געלט האָט אַ קריסט וואָס דאַרף ליב האָבן און אַלע מוחל זיין, געשאָסן יענעם און זיך... און דער זעלבסט־מערדער ליגט אין שפּיטאָל אין די הענט מיט די שאַרפע נעגל פון אַשמדאי, און די קויל האָט זיך אים פאַרשטעקט אין די געהירן, ווי א זינד אין א נשמה, און ער קען אפילו אויף קיין רגע צו זיך נישט קומען, א קרעכץ טאָן, אין געדאַנק וויינענדיג(?) תשובה טאָן... און דער יצר־הרע לאַכט, און דער יצר־טוב שטייט אָפּגערוקט פון ווייטן און פאַרשטעלט זיך די אויגן... און דער טייוול פון גיהנום שטייט גרייט אויסצורייסן די זינדיגע נשמה פון זינדיגן גוף און צו שלעפּן זי אין גיהנום אַריין אויף אייביגן צער, אויף אייביגע יסורים, אויפ'ן אייביגן פייער!

און מען וועט אים אפילו נישט קריסטלעך באַגראָבן, און מען וועט נישט באַשפּריצן מיט הייליג שפּרענג וואַסער זיין קבר, ווי א חיה וועט מען אים אַריינוואַרפן אין א זאַק ביי דער צוים...

און ווער איז שולדיג?

מיינט נישט, אַז זיינע חברים, צו וועלכע ער האָט זיין נדן אין קאָרטן פאַרשפּילט, צו די „עופות טמאים", צוליב וועלכע ער האָט זיין פרום און כשר ווייב פאַרלאָזט, אָדער טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אים אַרבעטן און שפּאָרן נישט געלערנט, און אפילו נישט ער אַליין מיט זיין אויסבערענגעריי. שולדיג איז דאַרווין! שולדיג זיינען זיינע איבער־זעצער! שולדיג זיינען די אַלע, וואָס האָבן געלערנט, אַז א מענטש קומט אַרויס פון אן אַף, און האָט נאָר אַזוי פיל נשמה, וויפיל עס האָט א חזיר צו אן אַנדער אומריין טיר. שולדיג זיינען די, וואָס האָבן אויסגעלערנט דעם הימל פון גן־עדן, פון מלאכים און אפילו פון גאָט, און געהייסן אפילו דעם רעגן, ער זאָל פאַלן נישט פון הימל, נאָר פון וואָלקן! שולדיג זיינען די, וואָס האָבן אָפּגעריסן דעם געוויסן, די ערלעכקייט, דעם מוסר אין גאַנצן פון דער רעליגיאָן, און געהייסן זיי זוכן ביי זיך אין האַרץ, אין מענטשלעכן האַרץ, וואו דער טייוול שטעקט. שולדיג זיינען די, וואָס האָבן געזאָגט, אַז דער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן אויף הכנעה, אויף אונטערטעניקקייט, אויף צער און יסורים, אַבי גליקלעך צו זיין אויף יענער וועלט, נאָר האָבן אים געהייסן זוכן זיין גליק דאָ, אויף דער וועלט, אין ר גשמאַק פון אַלע תאוות, פון קאָרטן־שפּילן און פרעמדע ווייבער! שולדיג זיינען די, וואָס האָבן געלערנט, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך, אַז אַלע ליפּן דאַרפן טרינקען פון בעכער מיט וויין, אַז אַלע הענט מעגן גראַבלען אין שיסל מיט קרעפּלעך — —

זיי זיינען שולדיג און אויף זייער נשמה פאַלט דאָס בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן, די זינדיגע שאָטן, וואָס פאַרשטעלן די הייליגע זון פון דער אמת'ער רעליגיאָן...

דאָ אויף דער וועלט, אויב וואַשלאַפּסקי וועט געזונט ווערן, וועט דער פּראָקוראָר רעדן וועגן אים; אויף יענער וועלט וועט דער קטיגור רעדן פון דאַרווין, העגעל, באָקל, און אַנדערע הענטן, וואָס האָבן אויס־ביסן די קריסטלעכע נשמות"...

און די „טויבע גלאָק" ציטירט די אַלטע „פלעדערמויז" אין צייטונג־שטיקעלעך און באַמערקט מיט גרעסערע אותיות פון איר זייט:

„גאָלדענע און בריליאַנטענע ווערטער! נאָר וויל פליגעלמאַן איז אַרויס פון געפאַר, זומערשפּרענקעלע איז נישט געפאַלן טויט אויפ'ן אָרט,

זאָגט אין אונזער קריסטלעך האַרץ, אַז דער באַרעמהערציגער גאָט, וועט זיין פאַר וואַשלאַפּסקי'ן פול מיט חסד, און דער טויט וואַשלאַפּסקי'ס (לאַנג לעבן וועט ער שוין נישט) וועט מכפּר זיין אויף זיינע זינד.

איוביג ליידן וועלן נאָר די, וואָס האָבן די וועלט מיט זייער פאַלשער פילאָסאָפיע פאַר'סמ'ט, און אין מדבר אַריין פאַרטריבן".

פעך און שוועבל גיסט דערפאַר דער „סעמיטן־פרעסער":

„מיר זיינען, — זאָגט ער, — נישט אָפּהענגיג פון קיינעם. אויף אונזער געוויסן ליגט נישט קיין איינציגער אידישער פעניג, מיר ווילן און דאַרפן, גאָט זיי דאַנק, קיינעם נישט שמייכלען און קענען אַרויסזאָגן דעם גאַנצן אמת. מיר ווייסן נישט און ווילן נישט וויסן, ווער וואַשלאַפּסקי איז, ווי וויים ער איז געווען פון היילגן רייכעם גלויבן, ווי אַזוי ער האָט געלעבט אין דער פאַמיליע און וויפיל חובות ער האָט געהאַט אויף זיך. וואַשלאַפּסקי איז שטערבלעך קראַנק, און מיר ווינטשן אים „אַ גוטן שליטסוועגס", און גלויבן נישט, אַז גאָט זאָל פון זיינעטוועגן נסים טאָן און אים געזונט מאַכן, כדי דאָס געריכט זאָל האָבן אַרבעט און כדי דער סקאַנדאַל, אַז א „סקי" האָט געשאָסן א איד און אפשר נאָך צוגעכאַפּט ביי אים א פּאָר רובל, זאָל נאָך אַמאָל דורכלויפן די וועלט! דאָס פאַרלאַנגט אודאי דער וואַרשעווער איזראַעליט, וואָס וויל דערוועקן רחמנות אויף זיין סטאַדע... און אויב דער בילעט איז וואַשלאַפּסקי'ס, איז ער פאַרפאַלן, א איד וועט אויך זיין קריסטלעכע אלמנה מיט'ן קריסטלעכן יתום, וואָס דאַרף געבוירן ווערן און באַקומען בירושה א פּיינעם נאָמען, ווי א קין־צייכן אויפ'ן שטערן קיין רחמנות נישט האָבן! אָבער נישט אין דעם גייט עס. די זאַך איז וויכטיגער, ווי א פאַרלאָזטע אלמנה מיט א יתום אָדער יתומה... און עס איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער קריסטלעכער גראָשן אין אידישע הענט! וויכטיגער איז דאָס, וואָס די אידישע באַנקירן פירן איבער כמעט אַלע אונזערע מענער, אַלע אונזערע טעכטער און ווייבער! דער אידישער באַנקיר פירט זיי אַראָפּ פון ערלעכן פרומען וועג, באַרויבט זיי פון אַלע מידות ומעלות טובות, וואָס זיי האָבן מיט דער מוטער'ס מילך אויסגעזויגט, פון עלטערן און בלוט באַקומען, און דאָס טוט דער אידישער באַנקיר נישט מיט זיין ליכווע, נישט מיט זיין שווינדל, דאָס גייט באַזונדער,! טאָן טוט ער עס מיט זיין שוי־פענצטער, וואו ער לייגט אויס דעם יצר־הרע אין געשטאַלט פון זילבער, גאָלד, באַנקאָצעטל און אַלערליי ווערט־פּאַפּירן. אַזאַ שוי־פענצטער אין אַן אָרימער פאַרהונגערטער, אויסגעמאַטערטער קריסטלעכער שטאָט, איז ערגער, ווי א געצן־דינער־מזבח אין גאָט'ס היילגן הויז! און וואו עפנט ער זיין שוי־פענצטער אין די אומרואיגסטע גאַסן, וואו עס ווימלט פון אַרבעטער, וואָס גייען אין

פאַבריק אַריין און קומען צוריק: פון פרויען, וואָס שפּאַצירן, אָדער קומען צוריק פון געבעט: פון איינגלעך און מיידלעך, וואָס איילן זיך אין שולע אָדער צוריקצווועגס... דאָס אַלץ פאַרהאַלט זיך ביים אידישן באַנקיר׳ס שויפּענצטער און בלייבט שטיין און ווערט בלאַס פאַר תאוה, און די אויגן פלאַמען אויף, און די ערגסטע געדאַנקען, וואָס זיינען יאָרן־לאַנג געשלאָפן, וועקן זיך אויף צום געוועלטיגן, צום הערשן, צום פאַרפירן... דער פרומער אַרבעטער גייט אין פאַבריק אַריין אַרבעטן, און דאָס שויפּענצטער רוימט אים איין: מאַך שבת! און ער גייט און ער גייט און רעדט אָן זיינע חברים צו אַלעם בייז! אן אָרים מיידל מיט א צעריסן שאַליכל איבער׳ן קאָפּ גייט אין אַפּטייק אַריין פאַר אן אַלטער קראַנקער שכנה נאָך א רעצעפּט, און דאָס שויפּענצטער שטעלט זי אָפּ, און רוימט איר איין: גיי צוריק, ווערג די קראַנקע און נעם אַרויס דיין ירושה פון אונטער׳ן קישן. א ווייבל גייט דורך, אַך! וויפיל בריליאַנטן וואָלט זי פאַר דעם געלט געקויפט! און אין די אויגן פלאַמט איר אויף די זינד! זי ווייסט שוין, ווער עס וועט איר אַזאַ געלט געבן, דער מאַן מיט די קינדער וואַרטן אויף מיטאָג און זי מאַכט אן אומוועג, פאַרשפּעטיגט זיך און קומט אַהיים מיט א פאַרברענטער נשמה צום פאַרברענטען מיטאָג.... און אונזערע מיידלעך מיט מוזיק־טעשלעך אונטער׳ן אָרעם, דערהערן דאָ אן אַנדער מוזיק, א גיהנום מוזיק... און אונזערע באַאַמטע לערנען זיך דאָ צו האַסן זייער אַרבעט פאַר ווייניג געלט און אויסצושטעלן די הענט אויף מער...

דאָס איז דאָס גהנום, וואָס יודאַ האָט אונז געעפנט אין א קריסטלעכער שטאָט און געגנויגט נאָך אונזערע קריסטלעכע באַנקירן זיי זאָלן אים נאָכטאָן! מאַנכע קריסטלעכע שויפּענצטער גייען נאָך איבער די אידישע! מען קען דאָך נישט איבערלאָזן דעם גאַנצן געלט־האַנדל אין אידישע הענט, די זאָלן אונז אַויסלערנען און אָוועקשיקן אונזער גאָלד און זילבער צו זייער נייעם משיח, צום דר. הערצל אין זיין קאָלאָניאַל־באַנק אַריין!"

אם שאַרפסטן אפשר איז אַרויסגעטראָטן די „צוואַנגיאַקע":

— „ווען וועט מען שוין אַראָפּטרייבן די אידישע הענדלער פון קריסטלעכן מאַרק? זאָלן זיי צוריק אין געטאָ אַריין און דאָרט איינס דאָס אַנדערע ווערגן!

אַוועק מיט די אידישע קהל׳שע שויפּענצטער! וואָרים מיינט נישט, אַז דאָס איז פליגעלמאַן צי קוגעלמאַן! מאָרגן וועט איר זיי טרעפן בעטלען אונטער א מויער, קהל׳ס קאָמיסיאָנערן זיינען זיי, פון אַליאַנס־איזראַעליט, פון אידישן פאָנד, פון קאָלאָניאַל־באַנק! נישט אומזיסט איז אין די לעצטע צייטן אַזאַ מאַנגל אין געלט! דר. הערצל האָט צוריק־

געצויגן דעם קרעדיט און זאַמלט 25 מיליאָן דאָלאַר אָפּצוקויפן ארץ ישראל ביים סולטאַן! און ארץ ישראל איז נאָר אַן אויסרייד, מיינען מיינט מען דאָס הייליגע קבר, ווי פּאַרציוטנס זיי האָבן געמאַכט מיט די קלויסטער אין מאַלאָראַסיע!

דער טאָג איז נישט ווייט! דאָס פילן מיר, דאָס פילן אנדערע, דאָס פילן אַלע ערלעכע, נישט פאַרשטעלטע קריסטן! און נישט ווייט איז דער טאָג ווען דאָס אַלץ וועט אנטפּלעקט ווערן, און דעמאָלט — ווײ צום קהל׳שן הויז (גרזשיבאָווסקא 26), ווײ צו אַלע ציוניסטן, צו די נאַטאַנזאָנס, צו די גראָסגליקס!

מיר רוידן, חס ושלום, נישט אָן צו געוואַלט, נאָר די פאַרביטערטע הערצער פּלאַצן און צו קיין גוטס קען נישט קומען”.—

אין א פּאָר טעג שפּעטער האָט געשריבן דער „גאַסן־לויפער”:

„וואַשלאַפּסקי לעבט נישט מער!
דער באַרעמהערציגער גאָט האָט אים אויסגעלייגט פון ווילדן שגעון!
דער שגעון איז שוין אַצינד זיכער ווי דער טאָג. דער בעסטער באַוויז — די קירכע האָט דערלויבט אויף א קאַטוילישער קבורה!...
מיר האָבן ריכטיג געטראָפן!
זומערשפּרינקעל׳ס קויל איז נאָך נישט געפונען געוואָרן!”—

די באָבע יאַכנע

א קלונג אַן טיר, ווי אויף א שרפה; א פראַל אויף, ווי פאַר א מענטש מיט זעקס דבוקים אין לייב.

וואָס איז? די באָבע יאַכנע פון „שטעט און שטעטלעך" איז געקומען!

— ס'קאַצל־קומט באָבעניו!—זעץ דיך!

איך ווייז איר אָן אויף א שטול, זי זוכט אָבער מיט די אויגן א קאַנאַפּע...

— איך האָב נישט, באָבעניו!

זי שמייכלט, זעצט זיך אויף דער שטול, קנאַקט אונטער איר, מן הסתם פאַר נחת...

א ווײַלע זיצן מיר אַזוי שטילערהייט איינס געגן צווייטן און קוקן זיך אָן.

די באָבע יאַכנע האָט זיך נישט געענדערט: א אידענע, קיין עין־הרע, א הויכע, נאָר אַן איבערגעבויגענע. אביסל צוליב די פּיס פון דער שכינה, אביסל גלאַט — ווי האַלט זיך עס א מענטש אַזוי הויך ווי ער איז? אחוץ דעם: דאגת פּרנסה, צער גדול בנים — אייניקלעך, אור־אייניקלעך: א סך געבוירן, א סך פאַרלוירן, א סך צעזייט און צעשפּרייט און א סך הענגען נאָך אויפ'ן האַלז... קיין יונג מענטש איז זי אויך נישט!

וואָס זי זעט אין מיר, ווייס איך נישט! נאָר איך קען מיר, איר פּנים זאָט נישט אָנקוקן! עס איז פלאַך, איינגעשרומפּן, געל און מיט א ביינערדיג־געשפּיצטער נאָז, די אויגן זיינען נאָך גרוי, נאָר צופיל וואַסערדיג. גיי ווייס, וויפיל טרערן זיי האָבן פאַר־גאָסן, וויפיל נעכט נישט געשלאָפן... זיי קוקן ערנסט, אָבער

נישט הארט, אפילו נישט שטרענג, און אין די אייגענע אויסגע־מוטשעטע אויגן, ווי יאָרן און צער לְהַכעיס, וועקן זיך אַפּט מאַנכע וואונדערלעכע פונקען; צווישן שרימפּן אויפ'ן פּנים הויבט אָן ארומטאַנצן א שטילער גלאַנץ; פאַרשפּרייט זיך א פיין, דין שמייכעלע... א סך ליבשאַפט, א קליין ביסל חוזק — נאָר דער־מאָלט לאָזט די באָבע יאכנע די אויגן אראָפּ און ווישט אָפּ די פונקען מיט'ן שמייכל פון פּנים מיט א ביינינער האַנט.

געקליידט איז די באָבע יאכנע ווי אין די אַמאָליגע יאָרן: א שטערן־טיכל מיט שטיינדלעך אויסגעזעצט, א ברוסט־טוך מיט אַן אויסגעהאַפטן גאָלדענעם אָדלער און אַלערליי בלימעלעך און רויזלעך אַרום. אויפ'ן האַלז א שנירל דינע פּערל, אויסגעמישט מיט בורשטינדלעך און קרעלן; פון דער שנור הענגט אַראָפּ, איבער'ן ברוסט־טוך אַן אויבל, וואָס גיט, ביי יעדער שטאַרקערער באַוועגונג פון דער באָבע יאכנע, דעם אויסגעהאַפטענעם אָדלער פון ברוסט־טוך א שנעל אין דער נאָז.

פון אונטער'ן שטערן־טיכל קוקן קוים אַרויס די נישט גע־לעכערטע אויערן־לעפּלעך; די אויערינגלעך, אייגנטלעך: די אוי־רינגער וואו גרוים און שווער זיינען זיי, הענגען פון ביידע זייטן שטערן־טיכל אויף שנירלעך, וועגן זיך פריי און, וואָס די באָבע זאָגט, שאָקלען זיך צו: יאָ־יאָ, יאָ־יאָ!

— וואָס מאַכסטו באָבעניו? — פרעג איך נאָכ'ן באַטראַכטן און טאַקע מיט גרוים ליבשאַפט.

— אַזוי, — ענטפערט זי מיט א שמייכל, — דער גאָט פון היינט, איז דער אייגענער גאָט וואָס פון נעכטן און פון מאָרגן — מען לעבט!

— און געקומען ביזטו, באָבעניו, מיר מעשיות דערציילן?

— ניין, כשר־קעצעלע! — אַלטע מעשיות האָבן איך שוין, ברוך השם, אויך פאַרגעסן! גייע טראַכסטו אַליין אוים!

— נישט איך, באָבעניו! נישט איך. ווי איך קויף, פאַר־קויף איך! אַזוי ווי לעדער, אַזוי די שיך! מען שרייבט מיר!

— און דיר אַליין, פּוטער־פּעסעלע, פּאַסט נישט אַמאָל אַראָפּ־

צוקומען? פאַרגעסן שוין מיינע מאָן־קיכלעך, האָניג־טייגלעך. קאַנדל־צוקער!...

— נישט פאַרגעסן, באָבעניו! אפילו דיינע המן־טאַשן קו־מען מיר גאַר אָפּט צו חלום! אפילו די שבועות׳דיגע ווייסע ציקאָריע! און אַלע מיינע גלגולים, באָבעניו, בפרט זינט איך בין א בין, לעבן איך, בענק איך צו דיר! איך וואָלט דיר נאָכ־געגאַנגען טריט ביי טריט, אין פוילן, ליטע, בעסאַראַביען, גאַלי־ציען, רומעניען — — איבער די הרי חושך אפילו, — איך קען נישט!

— אַז מען וויל, קען מען!

— ניין, באָבעניו! געדענקסט די חיות, וואָס אַלכסנדר מוקדון האָט געטראָפן אויפ׳ן וועג? די חיות זיינען צוגעבונדן מיט א שטריק צו דער ערד... מען רירט זיך אויף איין אָרט. ווייט אוועק קען מען נישט; אַז מען רייסט איבער דעם שטריק— פאַלט מען אויף טויט!

די באָבע יאַכנע דערפרייט זיך:

— דו גלויבסט?! און אַלכסנדר מוקדון׳ס חיות גלויבסטו? געזאָגט האָט מען מיר...

— עס זאָגט זיך נאָר אַזוי, באָבעניו! געמיינט האָב איך א פערד אין דער רייט־שול: און באַד אַליין איז מען אויך נישט פריי; די בייטש פייפט און דערמאָנט. נאָר אַרויס קען מען בשום אופן נישט... א שטאַרקע האַנט האַלט דעם שטריק! פּרנסה,באָבעניו!

— נעבעך... דו אויך פּרנסה. וואו, אומעטום איין וועלט אפּנים! פאַרוואָס שרייבן דיר מיינע אייניקלעך קיין אמת נישט?

— איך ווייס? און איך האָב, באָבעניו, גרויס צער דער־פון... אפילו אין דער היים נאַרט מען מיך! אָט האָב איך געשריבן וועגן „לינת הצדק״ אין וואַרשע: א ויכוח מיט א מגיד; מען נעמט נישט אויף קיין קראַנקע ציוניסטן! געדענקסט?! וואָס ווייזט זיך אָבער אויס? די לינת־הצדק האָט קיין מגיד נישט, עס איז קיין ויכוח נישט געווען, קראַנקע ציוניסטן באַקו־מען לינות ווי אַלע קראַנקע... עס הויבט זיך נישט אָן, עס לאָזט

זיך נישט אוים! אפילו דער שעדלעצער רב, זאָגט מען באָבעניו, איז אויך נישט אזוי שווארץ, ווי איך האָב אים געמאָלט! צו אנדערע רבנים!

— נארישקייט, — שמייכלט די באָבע, — אויב דו מיינסט עס ערנסט!

— אויף נאמנות, באָבעניו!

זי פארטראכט זיך, און קוקנדיג אויף איר שטערן־טיכל, פאלט מיר איין צו פרעגן:

— זאָג נאָר באָבעניו, אמתיע פערל?

— ווער? די רבנים?

— פון שטערן־טיכל, מיין איך...

זי זיפצט אָפּ:

— ניין, בינעלע... די אמת'ע האָב איך לאַנג פארקויפט — זיי האָט אמאָל מיין אַלטער פארקרענקט...

— וואָס מאַכט ער, דער אַלטער?

— עבר ובטל נעבעך!

— און דיין געזונט, באָבעניו... ביזט אפשר געקומען צו א דאָקטאָר?

— איך בין געקומען דיך עטלעכע שאלות צו פרעגן!

— פרעג, באָבעניו!

זי בויגט א ביסל ארונטער דעם קאָפּ, קוקט מיך ערנסטער אָן און זאָגט:

— האָסט דערמאָנט דעם שעדלעצער רב!... זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָסטו דיך עפּעס גענומען דוקא צו רבנים, צו־געקלעפּט זיך ווי א שוסטער־סמאָלע! איך לייען דיינע זאכן! וואָס זאָל איך טאָן? דאָס טייטש־חומש מיט אלע תחינות קען איך שוין אויסנווייניג! — זען זע איך, אז עס איז אין דיר אריין א גלגול. און אפשר א דבוק, פון נאָר נישט קיין שלעכטן מגיד! שטראָף־רייד זאָגן קאָנסטו! — נאָר צי אנדערע מענטשן זינדיגן נישט? צי זיינען די רבנים ערגער פאר אלע?

— ניין, באָבעניו, ערגער נישט! פון זיי אָבער איז דער שאָדן גרעסער, דער חלול־השם גרעסער!

— האָסט דיך איינגערעדט!

— ניין, באָבעניו! עס איז אמת און עס זיינען דאָ א סך טעמים דערביי!

— הער, באָבעניו! אז אימיצער איז נישט געוואָרנט מיט פייער, צאָלט ער, למשל, קנס; ווי איז אָבער, אז דער נאַכט־וועכטער אליין ציט אוים פייער פון ליולקע אין מיטן גאַס ביי שטרויענע דעכער?...

— נו, אודאי!

— אָדער אזוי א שאָף בלאָנדזשעט! ס'איז טאַקע א שאָד א שאָף! פאָרט אָבער נאָר איין שאָף! אָדער זי וועט צוריק קו־מען, אָדער כאַפּט זי דער וואָלף! אָבער, אז דער פּאַסטוך גייט אראָפּ פון וועג?

— אודאי, — איז די באָבע מודה, — פאַרפירט ער אלע.

— און דער חלול־השם, באָבעניו, איז אויך גרעסער! אז א פּראָסטער איד זינדיגט, ער טוט תשובה צי ניין, זינדיגט ער אליין, אָבער, אז א רב טוט עס, דער שומר, וואָס די תורה האָט געשטעלט ביי דער טיר, זאָגט מען: די תורה הייסט אזוי. על כל פנים אז זי איז מסכים! וואָס טוט ער ניט אליין! א ספר שרייבט ער און פאַרענטפערט זיך! כל זמן ער לעבט און זיין דור לעבט, שמייכלט דער עולם... נאָך יאָרן, דער דור איז טויט, דער רב איז א קדוש געוואָרן, זיין ספר קריכט אריין אין בית־המדרש־שאַנק און שטעלט זיך צווישן די הייליגע ספרים!

— דאָס איז אמת?

— אודאי! אז א פּראָסטער איד זינדיגט, קריגט ער, לויט דער זינד אויף דער נשמה א זומער־שפּרענקעלע, א קראַץ! און— ווען אפילו א הויקער? אין א משפחה טרעפט זיך א הויקער אויך!

— נעבעך! — זיפצט די באָבע יאַכנע און לאָזט די אויגן אראָפּ און פאַרטראַכט זיך.

פלוצים הויבט זי די אויגן אויף און ווערט א מליץ־יושר.

— הערסט, בינעלע. ביי זיי איז אויך נישט גוט! ביי אונז אין מסחר, וואס ווייניגער סחורה, מער קרעמער! ביי זיי: וואס ווייניגער תורה, מער רבנים! נישט אלע קענען האנדלען מיט סאדא־וואסער! קומט טאקע ארויס דריי רבנים אויף א שטאט...

— קויפט מען זי אויף ליציטאציעס, פארברענט מען זי מיט מחלוקת...

— דלות מאכט פסלות, בינעניו! דער הונגער איז גאר קיין יצר־טוב נישט!

זי פארטראכט זיך טיפער! די גרויע אויגן פארציען זיך מיט א נעפל... איך וויל זי פאררעדן, גיב א פרעג:

— וואס זיינען, באבעניו, די בריליאנטן אין דיינע אוירינג־לעך אזוי טויט... זיי אטעמען מיט קיין ליכט און פארבן נישט!

— קיין אמת'ע שטיינער, קעצעלע! פאר די אמת'ע האט מען זיין אויסגעלייזט...

די באבע יאכנע צים ארויס פון אן אונטער־טאש א גרויס פולארן טיכל און ווישט זיך אפ דעם שטערן...

— פון גוטע אידן, — מאכט זי, — וויל איך שוין גאר נישט רעדן, דו גלויבסט דאך אין גאר נישט!

— באבעניו, דאס האט דיר א שונא געזאגט! איך גלויב:

— אין וואס, קעצעלע? אין דעם, וואס דיינע אויגן זעען? קען איך א גרעסערן פילאסאף — דיר נישט צו גלייכן א רופא יונג! אפילו אז ער זעט שוין א קערבל, גלויבט ער זיינע אויגן נישט; ערשט אז ער באקומט דאס קערבל אין האנט אריין, גלויבט ער, אלע זענט איר אזוי!

— נישט אלע... אנדערע, באבעניו, גלויבן!

— אין וואס, האריץ־דעקל מיינס!... רעד דבורים!

— אין וואס? עס וועט מיר שווער זיין דיר אויסצוטייטשן,

באָבעניו! נאָר פּרואוון וועל איך! הער, איך גלויב אין יענער זייט פון דער זאַך!

— וואָס איז דאָס עפּעס פּאַר א משניות? עפּעס אין אונ־טערשלאַג גלויבסטו?

איך קריג מורא, אַז איך בין אריינגעפאַלן!

— אדרבה, — זאָגט זי אומגעדולדיג, — טייטש מיר אוים... אַן אַלטע אידענע איז דאָך אויך א מענטש!

— איך וועל פּרואוון, באָבעניו, נאָר מיט א משל!

— אדרבה, טאָקע מיט א משל! משלים גערעאָטן דיר אַמאָל!

און עס מאַכט זיך אַזא שמועס:

— צי ווייסטו, באָבעניו, — פרעגט איך, — ווי א הונט איז זיך נוהג מיט א שפּיגל?

— פרעג מיך עפּעס גרינגערס!

— וועל איך דיר זאָגן, באָבעניו! — אַז א הונט דערזעט זיך דאָס ערשטע מאָל אין שפּיגל, ווערט ער אָנגעצונדן, ער גיט א שרעקלעכן ביל, א שפּרונג צו! לאָז'ען, מאַכט ער דיר א חורבה פון שפּיגל. האָסט א שפּיגל, באָבעניו?

— א שפּיגל ווי א שפּיגל, קיין הינט האַלט איך נישט!

— זכר למיט! מען האָט פון הינט א סך געליטן! נאָר פּאַרוואָס כעס'ט זיך דער הונט? ער מיינט, עס איז אַן אַנדערער! א הונט זאָגט אויך: איין הונט דאַרף זיין אין א שטוב! א ניט ווערט די פּאַרציע קלענער!

איז דאָך אָבער א הונט בטבע א חכם, שפּרינגט ער אַזוי און קראַצט אַזוי לאַנג מיט די ציין, ביז ער ווערט געוואויר, אַז דער הונט און יענער הונט זיינען איין הונט! ער באַרואיגט זיך, נאָר פון דעמאָלט אָן פאַרגעסט ער אָן שפּיגל!

— זייער רעכט, — זאָגט די באָבע יאכנע, — הלואי וואָלטן מיינע שניר אָן שפּיגל פאַרגעסן...

— דאָס איז, באָבעניו, שוין גאָר עפּעס אַנדערש! דו האָסט אָבער, באָבעניו, באַמערקט ווי דיינע קליינע אייניקלעך זיינען זיך נוהג מיט'ן שפּיגל?

די באָבע יאַכנע רויטלט זיך פאַר נחת.

— אַן אייניקל, — זאָגט זי, — וואָלט ער פאַר אַ שפּיגל קרעפּלעך אָוועקגעשטעלט! ער מעג האַלטן אין מיטן געוויין, אַז מען נעמט אים נאָר צום שפּיגל, — אַ זון אין אַ רעגן! די אייגעלעך נאָך פול טרערן און גלאַנצן שוין פול מיט פרייד: און זאָלסט זען ווי ער פּאַטשט מיט די הענטלעך, שמייכלט, לאַכט! ווי ער רייסט זיך צום שפּיגל, שטעלט אויס שפּיציג דאָס קליינע פּיסקעלע און וויל קושן דאָס „דזידזיעלע" אין שפּיגל!

מיך באַפאַלט אַ טרויער...

— האָב אים ליב, באָבעניו! — זאָגט איך. — ער וועט זיין אַ גוטער, דיין אייניקל! ער שמייכלט, ער האָט ליב, ער רייסט זיך צו זיינס גלייכן! צי גליקלעך? ווייס איך נישט, נאָר אַ גוטער וועט ער זיין! — און אַנדערע?

— אַן אַנדער אייניקל, ווייטער, האָב איך, האָט ער גאָר אַן אַנדער טבע! ער שמייכלט נישט, פּאַטשט נישט מיט די הענט־לעך, נאָר ער וויל שוין וויסן וואָס אויף יענער זייט שפּיגל טוט זיך! ער כאַפּט זיך מיט די הענטלעך צו דער רעם, וויל זי רירן, אויפהויבן... רייסט זיך אָן אַ זייט, וויל אַרונטערקוקן! אַז מען לאָזט אים נישט, ווי ער וויל, וויינט ער — אַ שיף מיט וויער־מילך איז אים אונטערגעגאַנגען. און עס ווערט אים גאָר נישט נמאס!

— פון דעם וועט אַרויס אַ מענטש, באָבעניו! אַ מענטש, וואָס וויל זען יענע זייט, די עיקר זייט פון דער זאַך!

— דאָס שפּינוועבס פון מיין שפּיגל? צעלאַכט זיך די באָבע יאַכנע.

— לאָך נישט, באָבעניו! אין משל מעג זיין שפּינוועבס! אָבער אַ מענטש וועט דיין אייניקל זיין! זיך אַליין דערקענט ער נאָך נישט, און וויל שוין נישט וויסן, פון וואַנען יענער קומט אַרויס... אפשר בייסט ער נאָך זיין אייגן פּיסל?

— דאָס נישט... אין ציינגל אַריין — טרעפט זיך! — שמיי־בעלט זי.

— ער בייסט נאָך אין אייגן צינגל, און עס לאָזט אים קיין רו נישט; פון וואַנען נעמט זיך יענער?

— א „ציעקאוואַשטש״!

— א „ציעקאוואַשטש״ נאָר פון א מענטש! א הונט טוט עס נישט, אפשר נישט דער קליגסטער! דער געלערנטסטער הונט, אפילו נישט א הונט א קונצן־מאַכערין! יענע זייט אַט חלום'ט זיך זיי אפילו נישט!... און ווי מיר אַלע, „באָבעניו״, זיינען געגליכן צו קינדער; די וועלט, באָבעניו, איז א שפּיגל — —

— לאָ־מיך גיין, לעבן מיינס, — מאַכט די באָבע אַוועק מיט דער האַנט; דאָס איז נישט פאַר מיר... צו אַלט דערצו!

די באָבע יאַכנע פּאַרטראַכט זיך. איך וויל זי פּאַרוויילן און פרעג:

— און דער אָדלער דיינער, באָבעניו, איז טאַקע זהב־טהור?

— געוועזן — כאַפּט זי זיך אויף אין די גוטע צייטן, ווען מיין אַלטנ'ס עטרות זיינען אויך געוועזן אי כסף־טהור, אי זהב־טהור... היינט — —

— וואו איז אַלץ אהינגעקומען?

— א זון אויסגעלייזט! אפילו דאָס זילבער פאַרקויפט! און גאָלד און זילבער אויסגעטרענט און מיט שיך (מישורא) פאַרעפּט...

אין מיטן ווערט זי אומגעדולדיג:

— וואָס מיינען אָבער די נארישקייטן... משל אהין, משל אהער — ווי קומט עס צו גוטע אידן?

— נאָר דאָס, באָבעניו, קומט אויך פון משל ארוים! האָסט עפּעס א שוואַך אייניקל, באָבעניו?

— וואָלט איך אזוי נישט געהאַט... פּיסלעך, נעבעך, אויסגעקרימט...

— ווי וואָלט־זשע געוועזן, באָבעניו, ווען אזא אייניקל זעצט זיך אמאָל אויף אינדערפרי אין בעט און דערציילט די אַנדערע קינדער אזא מעשה:

באשר בכן — דערציילט ער — ביינאכט האט אים עפעס, זאל זיין, ער מאלט אוים א מלאך מיט פלינל! האט אים עפעס געוועקט (און דו, האסט א גאנצע נאכט קיין אויג נישט צוגע־טאן, און ווייסט, מען האט קיין שארך נישט געהערט) און ער האט אים אויפגעוועקט (דו ווייסט, ער איז א גאנצע נאכט גע־שלאפן!) ער איז (מיט די קרומע פיסלעך!) אראפגעשפרונגען פון בעט, צוגעלאפן צום שפיגל (דו ווייסט, אז ער האט זיך נישט גערירט פון ארט!) דערלאנגט (און דו ווייסט, ווי קליין ער — און ווי הויך דער שפיגל איז) און האט אים איבערגעדרייט (און דו ווייסט, אז ער האט דערצו קיין כח נישט, און ווען אפשר קיינמאל נישט האבן)... אז אויף יענער זייט איז אנגעשריבן מיט מלאכים־כתב (און דו ווייסט, אז ער קען נישט קיין פראם־טע עברי נישט!) מיט שווארץ פייער אויף ווייס פייער.

— רבונו של עולם, — שרייט אוים די באבע יאכנע, האלב געלאכט, האלב דערשראקן, — די האר שטעלן זיך מיר קאפויר, וואס קען דאס זיין?

— עס איז נאך נישט געענדיגט, באבעניו! ער דערציילט וואס דארטן שטייט אויף מלאכים־כתב!

„דארטן שטייט — זאגט ער — אז ער איז דאס בעסטע קינד פון אלע קינדער... אז אלע קינדער זיינען מחויב פאר אים צו באהאלטן און אים אוועקצוגעבן — אלע האניג־טייגלעך, ס'גאנצע קאנדל־צוקער, אפילו די בייגל פון אנבייסן!..."

— אזוי! — זאגט די באבע — איז ער דאך גלאט א גע־בוירענער שווינדלער! אזוינס וואלט איך דאך — זאגט זי — געקיילט.

— אייל דיך נישט, באבעניו! נישט אזוי געשווינד מעג מען קיילן! עס קען זיין א קרענק!... א קראנק קינד, האט עס קראנקע חלומות... מען דארף א דאקטאר רופן, אפשר מוז מען עס גאר אין הקדש אריין פירן... עס קען זיין אזא קרענק, דאק־טוירים ווייסן דערפון!

— אזוי?!

— און דאס, באבעניו, זאג איך טאקע; גוטע אידן דארפן

אַ דאָקטאָר. קראַנקע — אין שפּיטאָל, שווינדלער זאָל מען קיילען, און אַ סוף! „כלחוך־השור וועלן זיי פון דיינע שטעט און שטעטלעך מאַכן!"

און ווייטער פאַרטראַכט זיך די באָבע יאַכנע, און איך פּרעג:

— און דער אייבל, דיינער, באָבעניו?

— עט, אַן אַלטע פאַלשע מטבע! מיט דער אמת'ער, בצירוף כלי־בית און אַ ביסל בגדים, האָט מען פּאָר אייניקלעך צו 300 רובל קנס געצאָלט... נאָך מיט חסד, וואָס מען האָט געלאָזט אויסצאָלן...

איך האָב שוין מורא צו ריידן פון צירונג און פרעג:

— און דו האָסט צייט, באָבעניו, אַזוינע שאלות צו ליב אַמישנע אַ הער צו קומען?

— צייט? איך האָב דען מער ווי צייט? וואָס האָב איך דער צו טאָן, קעצעלע?!

— און דיין שניט־קראָם? האָסט דאָך, באָבעניו, אַמאָל אַ גרויסע שניט־קראָם געהאַט!

— געהאַט!... אַ קראָם איז ווי אַן אָם... זויגט אַזוי לאַנג ביז זי ווערט איינגעשרימפּן... קינדער אויסגעזויגט, אויסגעגעבן... קנס באַצאָלט — אַלץ פון איין קראָם, איז זי טאַקע איינגעשרימפּן געוואָרן! פון אַ גרויסער איז געוואָרן אַ קליינע, אַ קלענערע... דערנאָך אַ שטעלעכל, אַ טישל, אַ קיישל נאָר, ביז — עס איז געקומען צו גאָרנישט!

— און אַ „קניפּל" האָסטו דיר, באָבעניו, געלאָזט?

— הלואי וואָלט איך שכל געהאַט!... די קינדער אפילו גייט עס אויך נישט גוט... די אייניקלעך דערפאַר וועלן אפשר זיין לייט... נייע מענטשן... נישט געשטעלט — און געמעקט, אָן קאָפּ־פאַרדרייעניש נאָר מען אַרבעט! ווער ביי אַ בעל־מלאכה, ווער אין פאַבריק... נישט אַלע, נאָר ס'רוב אַזוינע... אַ סך מעשה אָבות ירשו בנים, אַ סך זיינען אַוועק...

— געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט, און דו, וואָס טוסטו, באָבעניו?

— אַ ביסל קוק איך צום אַלטן... אַ ביסל שטריק איך זאָקן... באַק מאָנקיכלעך פאַר אור־אייניקלעך... אויף יום־טוב— ווי אַמאָל האָניג־טייגלעך... מען לעבט — — אבי ווייטער! אַצינד בין איך דאָ...

— נאָר, אַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך געוואָלט פרעגן, שוין נישט דיך, ווענגן ר ע מ אַ ט ע ן... נאָר דו גלויבסט דאָך אָבער אין קיין דאָקטוירים נישט!

— איך גלויב, באָבעניו — אַ סך ערלעכע לייט! איך וועל דיך אויסזוכן איינעם!

— ס'האָט צייט, מיר וועלן זיך נאָך זען.

דערווייל געזעגנט זי זיך.

איך באַגלייט זי, וויל שוין פאַרמאַכן די טיר, נאָר אויף דער שוועל מאַכט זי:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? מקנא בין איך דיך נ י ש ט... שטענדיג מיט'ן בעזים!

— וואָס זאָל מען טאָן, באָבעניו? וואו דאָס מזל שטעלט אַ מענטש, דאָרט איז ציאַכאָוואָי!

— אפילו אַ „בין”, — שמייכלט זי.

— הרבה שלוחים למקום — אפילו אַ בין!

אלהי עד שלא נוצרתי

נישט איך אַליין בין פרום און דאַוון, נאָר אפילו מעשי־ידי— מיין „שטעט־און־שטעטלעך" פעליעטאָן!

עס איז אפילו אַ אידיש קינד, אַ גלות־קינד... אַזוינס אַז עס געבירט אַ בייזע לשון־קודש קאַץ, בייסט זי אים באַלד דאָס ווייכע קעפּל אָפּ און עס דערלעבט נישט צו זען די ליכטיגע שיין! און דאָך, קוים שפּרינגט עס מיר פון הארץ ארויס, נאָך דער נאָפּל נישט אָפּגעשניטן, פאַרלייגט עס שוין די פרומע הענט־לעך און עפנט דאָס קליינע מיילעכל און זאָגט אויף לשון־קודש:

— „אלהי,
עד שלא נוצרתי איננו כדאי!
ועכשיו, שנוצרתי —
כאילו לא נוצרתי?"

עס האָט אַ ביסל „גראַם" אין זיך, נאָר אַ סך אמת!

אויף וועמען ווירקט מען? ווער הערט און פאַרבעסערט זיך? דער געטראָפענער זאָגט: אַ בלבול; דער נישט־געמיינ־טער — אָ, אַ גלייך ווערטל!

אַ פיין־געבילדעטער, פיין־דערצויגענער ציט צוזאַמען די פוילע ליפּן: פוי!

אַ פיין־געבילדעטער, פיין־דערצויגענער מענטש דאַרף קיין מגיד נישט! ער האָט זיין אייגן געוויסן, אַ פיין ווייס דערצויגן שוים־קעצל מיט שטענדיג אָפּגעשניטענע נעגעלעך, וואָס בייסט נישט, קראַצט נישט, נאָר גלעט איבער דער נשמה...

. . . .

אַ מענטש באַשטייט פון אַ גוף מיט אַ נשמה. דאַכט זיך, אַז די נשמה איז דער עיקר, דאָ קומט ארויס פאַרקערט. אַז דעם

נוף איז עפּעס, דערפילט באַלד די נשמה און מען לויפט צו וועמען מען דאַרף, אַ צאָן אַרויסרייסן, אָפּשניידן אַן איבער־וואוקס, אויסברענגען אַ ווילד־פלייש, אַ פּאַליפּ... פרעגן אין וועל־כער באָד אַריין מען דאַרף פאָרן. און אין גאַס וועט איר נישט קיינמאָל זען, וויניגסטנס זייער זעלטן, עס זאָל אַרומגיין אַ מענטש מיט אַ פוילן גוף!

אָבער פאַרפוילטע, איבערגעוואַקסענע נשמות? אויף יעדן שריט און טריט. נאָר אַז די נשמה ווערט קראַנק, האָט נישט ווער צו פילן.

אַז דו זאָגסט עמיצן אין גאַס: וואָס זעסטו עס אַזוי שלעכט אויס? נעמט ער עס אָן פאַר אַ גוטע מטבע, אַ קאָמפּלימענט פאַר חבר׳קייט! פּרוואו אָבער און זאָג עמיצן: „וואָס איז דיין נשמה אַזוי בלאַס, אַזוי אַש־גרוי אָדער פויל־גרין ווי אַ סוף־זומער־בלאַט?״ שילט ער דיר אין טאַטנס טאַטן אַריין!

. . . .

און מיט אַן אַנגעשוואָלן קול פון רחמנות זאָג איך אַ פיין־געבילדעטן מענטש: „הער, דו ביזט אַ צייט געשלאָפן... מיט אַ פרעמדר לידל האָט מען דיך איינגעשלעפערט, און דו האָסט עס אין שלאָף ווייטער געזונגען, דאָס נאַרישע פרעמדע לידל... און בשעת דו ביזט געשלאָפן און דאָס נאַרישע פרעמדע לידל גע־זונגען, איז דיר אַ היישעריק מיט אַ קופּערן פּיסקל אין דער נאָז אַריין, פון דער נאָז אין קאָפּ אַריין, און האָט דיר פון מוח אַ שטיק געהירן אויפגעגעסן און דו ביזט ווייטער געשלאָפן און דאָס נאַרי־שע פרעמדע לידל געזונגען, ביז עס האָט דיך אויפגעוועקט אַ געשריי, אַ ליאַרם: דיין הויז ברענט! און דו האָסט דיך אויפ־געכאַפּט האַלב מענטש, מיט האַלב געהירן, געעפנט אַ פּאָר נאַרישע אויגן, אַן אויסגעפוילט מויל (אין שלאָף האָסטו די ציינער פאַר־לאָרן) און זינגסט ווייטער דיין שלאָף־לידל, און ציטערסט פאַר שרעק און דרייסט זיך אַרום ווי אַ פאַרלוירענע שאָף אויפ׳ן אָרט אַרום און אַרום, אַרום און אַרום״ — —

און מיט אַ קול אָנגעשוואָלן פון רחמנות זאָג איך ווייטער דעם געבילדעטן מענטש מיט דעם האַלב אויסגעגעסענעם געהירן:

„הער אויף צו זינגען, די זינג־צייט איז שוין לאַנג פאַראיבער... נאַ! נעם אַ שמעק טאַבאַק, נים אָפּ, נים אָפּ שטאַרק, וועט דיר דער הייזעריק, וואָס עסט דיר אויף די געהירן פון קאָפּ, פון נאָז אַרויס און ווער געזונט!"

בייזערט ער זיך!

אַ נאָגל, אַז ער פאַררייסט זיך, לאָזט ער זיך אָפּערירן, און אַז מען עסט אים דעם מוח, די נשמה אויס, פילט ער נישט און זינגט, און בייזערט זיך!

. . . .

און טרעף איך אַ פּראָסטן גלות־איד, און גיי צו און זאָג אים: אַרויס פון בודע! עפנט ער אויף מיר אַ פּאָר אויגן! זאָג איך אים: הער, דו האָסט געשלאָפן... דו האָסט אַזוי לאַנג געליטן ביז דו האָסט איינגעשלאָפן... און אין שלאָף האָסטו גע־קרעכצט, נישט געזונגען... אייגענע לידער האָסטו לאַנג אין צרות פאַרגעסן און פרעמדע נישט אויסגעלערנט... נאָר בשעת דו האָסט געשלאָפן, איז די שיינע נאָר שרעקלעכע לילית געקומען און האָט אויף דיר אַ כשוף געוואָרפן. זי האָט דיר אַן אייזערנע קייט אויפ'ן האַלז געלייגט און שלאָפענדיגערהייט צו אַ פינצטע־רער בודע געשלעפּט און געזאָגט: זיי אַ הונט! און פאַר־כשופ'ט, האָסטו געענטפערט: איך בין אַ הונט! און די צונג אַרויסגעשטעלט, און פליגן געכאַפּט אָדער אין קלאָרע נעכט, געגן דער לבנה געבילט...

נאָר ווייל דו האָסט קיין פרעמדע לידער געזונגען, האָט אויף דיין נשמה דער כשוף קיין שליטה נישט געהאַט. זי האָט זיך נאָר איינגעקנוילט, איינגעשרימפּן און ערגעץ טיף, טיף אין מוח צי אין האַרץ באַהאַלטן, זי זאָל דיך מיט די הינטישע געדאַנקען נישט טרעפן, קיין פליגן נישט כאַפּן!...

ער עפנט נאָך גרעסערע אויגן און איך זאָג ווייטער:

הער, פון פליגן־כאַפּן לעבט מען נישט —

פרעמדע טעלער־לעקן איז קיין כבוד נישט —

אַ פינצטערע בודע איז קיין הויז נישט — און דו ביזט קיין הונט נישט! וועק דיך נאָר אויף, וועט זיך אויפוועקן דיין נשמה,

זי וועט זיך פארשפרייטן אין דיין גאנצן גוף, און וועט פאר־טרייבן די הינטישע געדאנקען — און א מענטש וועסטו ווערן — ענטפערט ער מיר:

— דו וועסט מיך אפטרינניג נישט מאכן, איך בין א הונט און בלייב געטריי!

און ער ווייזט מיר — די ציינער!

. . . .

באַרג אראָפּ צו זיין אָרימען ברודער אין טאָל לויפט גוט־מאַן. איך האָב אים קוים אין נאַכט־שאָטן דערקענט; בייטאָג האָט ער מורא פאַר'ן ווייב, די ארורה איז א מיוחסת, אים ליידט זי קוים, קוים; זיינע אָרימע קרובים לאָזט זי אפילו נישט דער־מאָנען און אָנגעלאָדן איז ער, גוטמאַן, מיט פּעקלעך און שקאַר־מיצן א פּעקעלע צוקער, א ביסעלע קאַווע, אַן אַלטע פאָר פלו־דערן, אַן אויסגעבויגענער צילינדער — פון די קעשענעס שטאַרן נאָך אַרויס פלעשלעך — א ביסל מעדיצין, עס קען צו־נוץ קומען, א ביסל איינגעמאַכטס, עקסטרא פאַר די קינדער — א ביסל קאַנדל־צוקער...

אין דער בוזעם־קעשענע, בין איך זיכער, טראָגט ער נאָך עטלעכע בילעטן אויף קוילן, עס גייט צו ווינטער, א האַלב טוץ בילעטן אויף מיטאָגן און ברויט אין דער ביליגער קיך... א גאַנץ טוץ בילעטן פאַר דער גאַנצער משפחה אין בעדל אריין.

— נעבעך — פאַרוואָרלעסיגט געוואָרן...

און א זיסער רחמנות־שמייכל בלאַנדזשעט אים אַרום די וואַנסן; וואַרפט אַלע מאָל א בליק אין הימל אריין, גלייך ער נעמט די שטערן פאַר עדות, אַז ער טוט, וואָס ער קען — — — —

— גוטמאַן, — כאַפּ איך אים אָן ביי דער האַנט, — פאַר־וואָס קען דיין ברודער זיך אַליין נישט פאַרזאָרגן?

— מיין ברודער? פאַרוואָס? — שטאַמלט ער — פאַר־וואָס?

— יאָ, פאַרוואָס?

— ווייל ער האָט שוין יאָרן־לאַנג — ענטפערט גוטמאַן — קיין פענצטער נישט געעפנט און קיין פרישע לופט נישט איינ־

געטעמט... און ער וואוינט אין טאָל, אין נאַסן, פייכטן טאָל... אויפ'ן באַרג־אַרויף האָט ער מורא, דער קאָפּ דרייט זיך אים, זאָגט ער, — און אין שטוב איז פול שפינוועבס — און עס פליען אַרום פּלעדערמייז, וואָס רייסן זיך אין די האָר...

— כ'ווייס, — ענטפער איך אים, — דיין אָרימער ברודער איז קראַנק אויף דער נשמה. אויפ'ן באַרג אַרויף וויל ער נישט, צו פרישער לופט בענקט ער נישט... דאָס שפינוועבס, מיינט ער, איז פון דיקע שטריק, און ער מיט זיינע שוואַכע הענט וועט זיי נישט איבעררייסן... די פּלעדערמייז, מיינט ער, זיינען אָדלער, און ער ציטערט, זיי זאָלן אים נישט דעם מוח שפּאַלטן און די געהירן פרעסן...

— כ'ווייס, — זאָג איך ווייטער, — נאָר דו ביזט דאָך אויך אין שפינוועבס געבוירן, צווישן פּלעדערמייז געוואַקסן — ווער האָט דיך פריי געמאַכט?

— ווער? איך האָב אַ ביסל שכל געהאַט...

— הער גוטמאַן, אפשר וועסטו געבן דיין ברודער נישט קיין צדקה, נאָר שכל?

עס וועט דיר געזינטער זיין! צדקה מוז אָנשיטן אַ גע־לעכערטן זאַק... שכל־געבן, דעם אמת אויסזאָגן, לערנען — איז אלישע'ס קריגעלע בוימל, מען גיסט און מען גיסט, און דאָס קריגל בוימל בלייבט קריגעלע בוימל!... זאָג איך, ווי אַזוי דו ביזט אַרויס און פריי געוואָרן!...

— ער וויל מיך נישט הערן... ער איז מיך, זאָגט ער, מיט מיין ארורה נישט מקנא...

— און שוועבעלעך — פרעג איך — האָסטו?

— נאָך וואָס?

— נעם, זאָג איך, — צינד אונטער די בודע... פאַרברען דיין אָרימען ברודער'ס קריינק...

— פוי! אונטערצינדערס! — בייזערט זיך גוטמאַן און לויפט אַוועק.

זיין גוט האַרץ דאַרף צדקה געבן, ער מוז האָבן אַן אָרימע ברודער! אַ־נים, וואו וועט ער נעמען עולם־הבא?

און דער אָרימער ברודער ווייסט נישט, אַז זיין נשמה איז קראַנק!

. . . .

„איין שבת אידן זאָלן האַלטן, וואָלט משיח געקומען!"
ווייטער א גמרא און ווייטער אַן אמת!
איין שבת ווי עס דאַרף צו זיין, איין אמת'ע נשמה יתירה!
אַ נשמה יתירה וואָס זאָל פילן, וואָס זאָל וויסן, ווי יענע,
די טאָג־טעגלעכע, די וואָכענדיגע איז קראַנק!
וואו נעמט מען זי?

. . . .

אלהי,
עד שלא נוצרתי אינני כדאי,
ועכשיו, שנוצרתי
כאילו לא נוצרתי — — — — —
וואָרים באמת וואָס איז —

די קראַנקע נערוון

עס טוט זיך מעשים! עס זעצט און קנאַקט; עס קאַכט, עס שוימט, עס זידט און פלאַקערט!

וואָס איז געשען אַזוינס! רבונו של עולם! ווער האָט אויפגעוועקט אונזער טויטן ים? ווער האָט אַרויסגעלאָזט דעם ווילדן שטורעם? וואָס לויפן די לייט אַזוי אַרום ווי משוגע?

עס איז, דאַכט זיך, קיין וויכטיג נייעס נישט געשען! סאַמע דראָבנע פאַקטן!

וואָרען וואָס? אויסער „אחיאסף” האָט זיך נאָך איינער דערלויבט צו שרייבן און צו דרוקן העברעאיש! אמת, ער דרוקט זיי אונטער דער נאָז — בק"ק וואַרשוי; נו, דעריבער? דאַרף דעריבער די וועלט נישט שלאָפן?

אַ נייַ געבאַקענער ד"ר דע פילאָזאָפיע האָט די „רויז” אין „לכבוד פסח” נישט פאַרשטאַנען... נו, על כן? דאַרף דערמיט וואַרשוי קלינגען?

„פלוני”, אַ געוויסער „פלוני”, האָט אַריינגעשלעפּט דעם ירושלים־בער — יעבצ'ן צום „הויז־פריינד” אין באָד אַריין, און האָט אים, כמעט אָנ'ם בעדער'ס וויסן, אַריינגעוואָרפן עטלעכע בעזימלעך — הכלל? איז אַ לאָך אין הימל?

דאַרף דעריבער רודערן, ברענען, שטורמען, קנאַקן?
אָך, ווי דענערווירט עס זיינען אונזערע לייט!

דריי־פערטל נייַע געשיכטע שרייבן אונז די קראַנקע נערוון!

קראַפּט־עבינג — אַ באַרימטער ווינער פּראָפעסאָר — איז דער מיינונג, אַז דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזם, וועלכן מיר האָבן

אזוי פיל „גוטס" צו פארדאנקען, וואס האט אונז געגעבן: ארגענ־טינע, פאלעסטינע, פאטריאטן, נאציאנאליסטן און . . . „אחי־אסף" — וואס האט אונז אזוי נמאס ומאוס געמאכט גאנץ אייראפע מיט איר ציוויליזאציע, וואס האט אויפגעוועקט אין אונז אזא הייסע ליבע צו אראבער און טערקן און אפילו צו די ארגענטינישע קצבים — אז דער גאנצער אנטיסעמיטיזם איז נישט מער נאר א נערוון־קראנקהייט וואס גרעניצט, פראוודע, מיט שגעון.

מיר, אידן, כאטש מיר זיינען אן „עם סגולה", אן אויס־דערוויילט פאלק פון אלע אומות, מיר ליידן פונדעסטוועגן אויך אויף די אייגענע קרענק, וואס הערשן אין אייראפע. עס האט אונז נאך קיין איין מגפה פריי נישט דורכגעלאזט און דאס גראסיערענדע נערוון־פיבער אודאי נישט...

מיר זאלן נישט זיין אזוי נערוועז, וואלטן מיר פאר שרעק די קעפ נישט פארלארן און נישט געלאזט שארלאטאנען זאלן אונז מיט איין האנט פירן ביי דער נאז און מיט דער צווייטער גראבלען אין קעשענע... מיר זאלן נישט זיין אזוי נערוועז, וואלטן מיר נישט געזוכט שוץ און הילף ביים קאנסערוואטיזם, ביי אונזער אייביגן בלוט־פיינט, וואס שטארקט זיך אויף אונזער פאהיבעל... ווען מיר זאלן נישט זיין נערוועז, וואלטן מיר נישט געלאזט גנבים זאלן אונז ראטעווען בשעת שרפה, און נישט גע־וואלט ארויסשפרינגען פון דאכשטיבער דורכ'ן פענצטער... ווען מיר זאלן נישט זיין נערוועז, וואלט דער מארגענדיגער טאג אויף אונז געוויזן: אט דאס זיינען די, וואס האבן ביינאכט די לאמפ נישט ארויסגעלאזט פון האנט! נאר מיר זיינען אבער נער־וועזנער אלס אונזערע פעטער־קינדער, מיר אליין העלפן צו דער פינצטערניש, זי זאל אונז איינשלינגען; מיר אליין דרייען זיך א שטריק ארום האלז, מיר אליין זאגן זיך אפ אפילו פון די רעכטע, וואס קיינער וויל ביי אונז נישט נעמען!

מיר זיינען אזוי נערוועז, אז עס איז א חרפה און א שאנד פאר לייט, אן אומגליק פאר אונז און אן אויסגעצייכנט געשעפט פאר די, וואס זיינען שטענדיג גרייט אונטערצוצינדן א הויז, אבי זי אנצואווארימען, פאר די — וואס יעדעס פאלקס־אומגליק איז

פאַר זיי אַ טיכל, פיש צו כאַפּן; פאַר די, וואָס דרייען אוים זייער ווינט־מילעכל געגן יעדן ווינט אויף דער וועלט, מעג ער ברייגגען די פּעסט, נאָר גרויפּן זאָל ער מאָלן...

און ווי נערוועז די לייט אַליין זיינען! ווי זיי ציטערן, עס זאָל זיי עמיץ נישט אַראָפּרייסן די מאַסקע פונ׳ם פּנים! עס זאָל נישט עמיץ אָנצינדן אַ ליכט, מען זאָל זען וואו זייערע הענט שטעקן!

נאָר איך בין פאַרקראָכן אין אַ זייט, נישט פון זיי וויל איך ריידן... איך האָב אָנגעהויבן צו ריידן פון „אחיאָסף״. פון אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע, וואָס פאַרשטייט נישט די „רויז״, און פון פּראָצעס „פלוני קאָנטרא יעבץ״.

וואָס פאַר אַ משוגע נערוון עס שטעקט אין דעם אַלעם!

ווען נישט די משוגע׳נע נערוון, וואָלטן זיך די בני־אחיאָסף נישט אַזוי געשראָקן פאַר׳ן החץ, נישט אַזוי אַגיטירט געגן די יום־טוב־בלעטלעך, נישט אַזוי אָפּגערעדט די מוכרי ספרים, זיי זאָלן נישט האַנדלען מיט דעם „סם״ — (אויף מיין)?

וואָרען איך קען מיר גאָר נישט איינריידן, מען זאָל קענען מיט איין החץ און 6־5 יום־טוב־בלעטלעך זיי אַזוי פיל שאָדן מאַכן! אונזער באַלעבעסל האָט אַ דיקע־גלאַטע הויט; נישט אַזוי געשווינד טרעפט אים אַ „פייל״, אויך האָט מען אים צו פיל און צו לאַנג צוגעוואוינט צו גאָגל־מאָגל און קאַנדל־צוקער עס זאָלן אים אַזוי לייכט שמעקן די ביטערע יום־טוב־בלעטלעך.

איך האָף נאָר, אַז מיט דער צייט וועט דער עולם קריגן אַ בעסערן געשמאַק, אַז מיט דער צייט וועט אונזער „ישראל׳יק״ עפענען די אויגן און דערקענען, ווער זיינע שונאים און ווער זיינע פריינט זיינען... צו ווילן זיין גוטס די, וואָס גיבן אים וואָס ער וויל, אָדער די, וואָס גיבן אים, וואָס ער דאַרף צו ווילן; צו מיינען זיין טובה די, וואָס זאָגן אים דעם אמת, אָדער־

די וואָס פאַר׳שכור׳ן אים מיט זיסן שקר, מיט פאַלשע האָפנונגען און דער עיקר מיט פאַלשע חשבונות...

נאָר ביז דער צייט קענען נאָך די בני־אחיאָסף רייך ווערן, און אַז עס וועט קומען די צייט — איבערדרייען דאָס ווינט־מילעכל און מאָלן אפילו סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. —

לײדער זיינען זיי נערוועז, קאָנקורירן נערוועז און האָבן אויף דער וועלט נערוועזע נאָכשטופּער.

אין אַ געוויסער שטאָט, למשל, האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ הונדערט אחיאָסף־שטופּער, אַ הונדערט יונגע פאַרברענטע פּאַלעסטינצעס, וואָס אויף יעדן פון זיי, ווייזט אויס, קען משיח קומען צו רייטן, און האָבן געלייגט אין חרם אריין „די אָפן" מיט „ר׳ שלמה" צוזאַמען...

איז דאָס נישט נערוועזיטעט, וואָס גרעניצט, אויב נישט מיט שגעון, על כל פנים מיט אינקוויזיציע?

שלום־עליכם, איינער פון די בעסטע זשאַרגאָניסטן, האָט אַמאָל נישט געוואוסט וואָס מען מיינט: „פּאָקשיוועׂ". אַן אַנ־דערער אויף זיין אָרט, רופט אריין דעם ערשטן בעסטן פּוילישן איד און פרעגט, וואָס דאָס וואָרט באַדייט, ער איז אָבער נערוועז, שטעלט ער זיך אַנידער, ווי אַן אָקס מיט גרויסע הערנער, אין זיין אַמעריקאַנישן רעקלאַמאַציאָנס „קול מבשר", און בלעקט ארויס: מאַי פּאָקשיוועׂ? כדי ער זאָל „פּאָסט־פּאַקטום" געוואויר ווערן, אַז פּאָקשיוועׂ איז דאָס איינענע וואָס „קראָפּיווע", דאָס הייסט אַ מין נעוויקס, וואָס פּאַסט אַזוי אין אַ גאָרטן אריין, ווי זיין „קול מבשר" אין אַן אָרנטלעכע ליטעראַטור.

דאָס איינענע האָט זיך אַצונד געטראָפן אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די „רויז". מאַי כולי האַי? צי טרעפט איינמאָל, אַז אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע פאַר־שטייט נישט וואָס ער לעזט, און זעצט אפילו איבער וואָס ער פאַרשטייט נישט? עס איז מעשים בכל יום! און דוקא נישט דעריבער, ווייל די זאַכן זיינען צו טיף, נאָר ווייל אַ דאָקטאָר

דע פילאָזאָפיע, איז טיילמאָל אַזוי פלאַך, אַזוי פליטקע, אַז עפּעס טיפערס קען זיין מוח נישט כאַפּן...

איז אָבער דער דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע אַזוי נערוועז, אַז ער מוז אויפשרייבן „לאָקשן", און עס טרעפן זיך נאָך אַזוינע נערוון־קראַנקע, וואָס באַצאָלן דערפאַר!...

נאָר דאָס אַלעס איז קיין „מן המעשר" נישט פון די צעלאָזטע משוגע'נע נערוון, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין פראָצעס: „פלוני קאָנטרא יעבץ".

ווענן יעבצ'ן און זיין „ליטעראַטור" וועלן מיר ריידן אויף אַן אַנדער אָרט, מיר ווילן נאָר אַצונד אָנווייזן ווי דענערווירט זיינע באַשיצער זיינען.

איך וועל אייך נאָר אין קורצן זאָגן אין וואָס עס גייט. פלוני וואַרפט יעבצ'ן: 1) אַז ער האָט געשריבן אַ פאַלשע היסטאָריע, פון וועלכער אַלע אומות העולם קומען אַרויס איינ־געריסט ווי די קוימענקערער און אין כנסת־ישראל — ווייס ווי אַ מעל־הענדלער. 2) אַז אין זיין אידישער היסטאָריע האָט ער איבערגעהיפּערט אַלע באמת וויכטיגע פאַקטן און היס־טאָרישע מענטשן, אויף וועלכע ער האָט אָדער אַ שפּיי געטאָן אָדער אַ קורצן „חרם" געוואָרפן... און האָט דאַגעגן אויפגעבלאָזן די עטלעכע „פאַלעסטינצעס", וואָס האָבן דערווייל נאָך גאָר נישט געטאָן, כאָטש זיי האָבן אַזוי פיל געקאָסט און קאָסטן ווייטער... און 3) און דאָס איז דער עיקר — אַז ער שרייבט געפערלעכע קינדער־ביכער, וואָס ווילן אונז צוריקפירן צו די „גוטע, פרומע, נאַר, ליידער, פינצטערע צייטן!"

די קריטיק איז אַריין ווי אַ שטיין אין אונזער ליטעראַרישן טייך און די גרויסע פיש האָבן זיך ווילד געשראָקן! פריער האָבן זיי פּאָר שרעק געשוויגן, נאָר דערנאָך, אַז מען האָט געזען, אַז דער פלוני שטייט דערווייל אַליין, זיינען די העכט אַרויסגע־שוואומען מיט די אָפענע מיילער, נאָר איינצושלינגען!

צו אַלעם ערשטן איז אַרויס אַ „זי" — אַ דבורה גינזבורג. פאַרוואָס נישט אַ מחבר — אַ זכר? כדי מען זאָל נישט קענען זאָגן: „הדיוט קופץ בראש"; הדיוט איז לשון זכר. און דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", וואָס בייזערט זיך אויף אַ קליינע „עדה" אין אַמעריקע, וואָס האָט אויפגענומען פאַר זיך אַליין, אין גאַנצן פאַר אַ פּאָר מנינים, אַ בעל־דרשן אַ אידענע, לאָזט די אשה צנועה דרשנ'ען פון מליץ־בלעטער פאַר כל ישראל. נאָך מער — אַלס עלעגאַנטער הער טרעט ער איר אָפּ דעם אויבן־אָן און מאַכט פון דער ווייבערשער נערוון־לאָגיק אַ לייטנד ארטיקל!

און דבורה גינזבורג איז שרעקלעך דענערווירט; זי האַלט זיך איין מיט אַלע קרעפטן קיין שלעכט וואָרט נישט צו ריידן, און דאָך איז איר אַרטיקל אַ וואַלד מיט שאַרפע באַגנעטן. האָניג און מילך — דאַכט זיך — רינט איר פון מויל, נאָר דער האָניג איז פול גיפט און די מילך איז איראָניש זויער און געזעצט. זי וויל נישט פלוני'ן באַליידיגן, דאָך איז פון „אַ פלוני דאָרט" (איזה פלוני) בפרט, און פון אַ זשאַרגאָן־שרייבער בכלל אַ העזה צו קריטיקירן יעבצ'ן! דאָס הייסט (אַ פּנים) אַריינבריינגען אין דער חברה „שמור לי ואשמור לך" און צו שאַנדע מאַכן דאָס גאַנצע „עסק"... זי איז — חלילה! — נישט בייז, נאָר דער „פלוני" איז אַ „פּרעמד צווייגל" אויף אונזער בוים, אין אונזער ווייגאָרטן, און די אשה צנועה וויל אים מיט'ן שאַרפן צינגל אָפּשניידן און אַרויסוואַרפן — על כל פנים — פאַר די אומות העולם... צו די קנינים, וואָס דער רבונו של עולם האָט אויף דער וועלט, קומט, אַ פּנים, צו נאָך אַ קנין! היינט ווערט דער הייליגער קוויליטש געפלאָכטן אין פירן, פון שמים־וארץ, ארץ־ישראל, תורה און יעב"ץ — ווער עס גלויבט נישט אין יעבצ'ן — וואַן! אַרויס פון כנסת ישראל! ווער עס קריטיקירט, ווער עס זאָגט אַרויס דעם אמת צו הויך, צו פּראָסט, ווער עס רופט אָן די זאַך ביים נאָמען, ווער עס וויל נישט און לאָזט נישט נאַרן דאָס פאָלק; ווער עס וויל נישט זיינע ווערטער איינוויקלען אין וואַטע, באַשפּריצן מיט אָדעקאָלאָן, פאַר־זיסן מיט צוקער, ווער עס דענערווירט אונז — אַרויס!

היסטאָריע איז אנשטעקנד; באַלד זיינען ארוים נאָך צוויי „גן־עדן־פּאַנעס", און זיינען אריין ווי די קוואַקעס צווישן די מודעות אין המליץ... זיי קוואַקען אוים דאָס יונגע הארצוויייטאָג, וואָס מען האָט יעבצ'ן אראָפּגעריסן די קרוין פון קאָפּ און זיינען מנדר (איך געדענק נישט וויפיל מאָל ח"י), לטובת הפועלים אין ארץ־ישראל!

אזא ערנסט־ערליך־קלוג אריינמישן זיך אין א ליטעראַרישן וכוח, אזא מין פיין אונטערהאַלטן א געפאַלענעם גבור, אזא מין סימפּאַטישע אמעריקאַנישע רעקלאַמע — שרייבן און חתמ'נען נ אָ ר העכסט דענערווירטע דאַמען!

איך גלויב, אז זיי שרייבן אמת — אז זיי האָבן באמת זייער גאַנצע מילכיגע חכמה אויסגעזויגט פון יעבצ'ס ברוסטן, אז עס צאַפּלט זיי באמת דאָס הארץ זעענדיג, ווי מען רייסט דער אַם די קאָפּקע פון אַלט־קלוגן קאָפּ... נאָר נישט יעדער צאַפּל פון א מיידל־הארץ דאַרף נאָטירט ווערן אויף דער ליטעראַרישער בערזע, און אז מען זויגט שוין אָפּ ביי יעבצ'ן — הויבן ערשט אָן צו שפּראָצן ציינדלעך, דאַרף מען ערשט אָנהויבן עסן — אָנהויבן באמת צו לערנען!

דערנאָך איז דער רעדאַקטאָר ה' ראַבינאָוויטש אַליין ארוים מיט א באַמערקונג, אז די זשאַרגאָניסטן, וואָס שרייבן פאַר זיצערין און קעכין, וואָלטן געדאַרפט בעסער וואָרנען פאַר דער מהומה'דיגער עמיגראַציע און נישט ריידן פון יעבצ'ן. די קעכין מיט דער זיצערין — מיינט ה' ראַבינאָוויטש — מעגן נישט וויסן, אז יעבץ „טאַנצט אויף די הינטער־פיסלעך" און „וויל צוריק שלעפּן די כנסת־ישראל אין מיטל־אַלטער אריין"...

נאָר אַזוי אומגערעכט קען מען אויך נישט זיין ביי פעליג נעזונטע נערוון. וואָרן — ווען מען האָבן מיר די מהומה צו פאַרדאַנקען, אז נישט די לשון־קודש'דיגע קעסל־פּויקער? צי איז צעדערבוים'ס המליץ נישט געשטאַנען אין דער ערשטער שורה און נעפּויקט „טרעוואָגע": — לויפט, רייסט, יאָגט...? אויף וועמען זשע פאַלט דער חוב צוריקצופּויקן? צוריקצורופן? די זיצערין און די קעכין לויפן, ווייל — ווייל אין יעדער שטאָט

איז דאָ עטלעכע לשון־קודש פּויקער, וואָס צעטראָגן די טרעוואָגע אין אַלע גאַסן און לאָזן קיין אַנדערע ספרים אויסער יעבץ און אחיאָסף נישט קויפן...

אמת — דער עולם האָט געפּויקט קיין ארץ־ישראל און גע־לאָפן איז מען קיין אַרגענטינע; שולדיג איז דאָך דער פּויקער— די גאַנצע „טרעוואָגע" איז איבעריג געוועזן!

און דאַרף מען צוריק פּויקן זשאַרגאָן, זאָלן די פּויקער אַליין שרייבן! קענען זיי נישט שרייבן אין קיין איינפאַך דורכ־זיכטיגער שפּראַכע, וואָס פאַרדעקט נישט די לעכער אין דער לאָגיק, פאַרבלימט נישט די פינצטערע חכמות, און פאַרהאַקט נישט מיט נעדונערטע ווערטער דעם לעזער'ס שכל הישר, זאָלן זיי זיך א זשאַרגאָן־פּויקער דינגען! די פּראַקסע קענען זיי... ווי לאַנג איז נאָר, אַז מען האָט א „בילער" געדונגען געגן באַראָן הירש? ווי לאַנג איז, אַז מען האָט אונטער'ן טיטל „אַן אמת וואָרט", פּאָפּולאַריזירט ווערמאַנט'ס מסירות? ווי לאַנג איז עס, אַז מען האָט נאָר געדונגען א „דאָרן" געגן אַן אומשולדיגער אָרימער „רויז"? וואָס? צונד האָט קהל'יש געלט פאַרפּעלט?

איך גלויב באמונה שלמה, אַז ה' ראַבינאָוויטש ווייל זיין אומפּאַרטייאיש; איך גלויב, אַז ער וויל אפילו מיט דער צייט דעם גאַנצן צעדערבוימישן ריח אַרויסטרייבן פון המליץ... נאָר די נערוון זיינען שולדיג, און ער וויל אויך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל זיך נישט אַריינמישן אין דער לשון־קודש'דיגער וועלט, ווייל — אַן זיינע שרייבער, איז דאָרט אַזוי רואיג, אַזוי שטיל, אַזוי שלום ושלוה! עס שרייבן סאַמע גוטע ברידער, קיין „פרעמדן" לאָזט מען נישט א לעז דעקן, נאַ־דיר! קומט עס פון דער זייט!

אין דער אַנמערקונג האָט זיך אַנגעכאַפּט אַן אַנדערער נערוועזער שרייבער אין הצפירה. הער פּראַס איז אַרויס, „איש יהודי ספרא" האָט „אונטערגענאַרט זיינע לעגדן" און „פּאַטשט" אין הצפירה! דאַס שטילע וואַסערל רייסט איין די ברעגעס!

מיט וואָס פלוני קריטיקירט יעבצ'ן, דערמאָנט ער נישט, כדי ער זאָל נישט דאַרפן דערויף צו ענטפערן! אויף דער זעג,

וויסט ער, האט די שלאנג קיין ציין נישט... פאר דאס אבער האט ער פארפלייצט א שאק נומערן הצפירה מיט גיפט... און דוקא מיט'ן ערגסטן...

וואס וויל פראס? אסור אויב איך וויס! איך וויס נאר, אז לויט זיין לאגיק איז א משרת אדער א קעכין א מיאוס'ערע פרנסה אלס א פאקטאר ביי הלואות און פלוני האט נאר א פראווע צו ריידן מיט משרתים און קעכינס; עס זעט אויס, אז לויט פראס' שכל הישר איז יעביץ א פארשריטסמאן — ווי דען! נאר אז מען קען אזוינס שרייבן, און נאך אזוי פיל דערפון שרייבן, האט מען זיכער קיין געזונטע נערוון...

נאר דאס איז נאך וויניג. אויפ'ן אריסען „מאקאר" פאלט נאך א שישקע... טאוויאוו איז דא! א פעליעטאן אין המליץ! טאוויאוו איז מודה, אז יעביץ פעלשט די געשיכטע, ער פרעגט נאר: „וואס שאדט אונז דער שקר"? וואס שאדט עס — פרעגט טאוויאוו — אז מיר וועלן אפנארן די קינדער? אז זיי וועלן עלטער ווערן — מיינט טאוויאוו — וועלן זיי שוין אליין וויסן דעם אמת...

נו, זאגט אליין, צי א מענטש, וואס האט א פרעטענזיע אויף בילדונג, אויף די קינדערישע הערצלעך זייען שקרים, כדי דער ווינט פון שפעטערן לעבן זאל האבן וואס אויסצורייסן — צי דארף אזא „מענטש" נישט נויטיג א קאלט־וואסער קור?!...

נאר דאס אלעס איז נאך וויניג! נאך גארנישט! עס קריכט ארויס נאך איינער מיט א „געוואלד" — מיט „א פראטעסט פון כלל ישראל געגן הויזפריינד"!

נאר דאס גרעניצט זיך שוין טאקע מיט שגעון... עפעס א חצקין שרייבט אין נאמען פון כל ישראל, פון דער גאנצער אומה!!!

נאר וואס איז מיין טרייסט?

מיין טרייסט איז, אז די נערוון פון די אומות העולם, פון דער כנסת־ישראל און פון אונזער ליטעראטור וועלן זיך אמאל שטילן, און געזונט לאכן פון דער אלט־נארישער צייט.

גוטע פריינט

זאָל איך היטן זיין ליבער נאָמען פאַר גוטע פריינט!

באַקאַנטע, זעט איר, זיינען נאָך קיין אומגליק נישט. גריסט איבעריגע צען מענטשן א טאָג, קען עס נאָר שאַדן אייער קאָפּעלוש; אייער נשמה מעג דערפון וויסן אַזוי ווייניג, ווי ווייניג זי ווייסט פון די ברויט־און זעמל־קיילעכלעך, וואָס איר קנעט און קאָלערט פאַרטראַכטערהייט, איבער'ן טיש.

פריינט אפילו קענען אויך אַמאָל נוצלעך זיין!

א מענטש, וואָס האָט „התבודדות" מיט „חשבון־הנפש", קראַצט זיך גאַנץ אָפט מיט די נעגל אַזוי טיף און שאַרף אין דער נשמה, אַז ער מוז זיך אַמאָל פאַרבענקען צום באַלזאַם פון א פריינט'ס געטרייער האַנט, און דער פריינט טוט עס גערן, — „אָפּגעגעבענע זאַכן", טראַכט ער. און ווירקליך, ווען איין מענטש זאָל דעם צווייטן נישט העלפן, וואָלט נאָך קיינעם קיין האָן נישט געקריים.

אָבער „גוטע־פריינט". — —

איך מיין אַזעלנע, וואָס זיינען נישט מחויב אָנצוקלינגען און זיינען יוצא מיט א לייכט אָנקלאַפּן, ווי, רחמנא ליצלן, דער מלאך־המות... וואָס דאַרפן, מיט'ן מלאך־המות צוגליך, אפילו נישט פרעגן, צי זיי שטערן נישט... וואָס זיינען קלאָר אין יעדן ווינקעלע פון דיין שטוב, ווי א איד אין „אשרי" און — פון דיין נשמה, ווי דיין אייגן בייז געוויסן! דאָס, זעט איר, איז שוין אַן אומגליק! א קללה, פון וועלכער די „תוכחה" ווייסט נישט. און קיין גוטער איד זאָל נישט וויסן!

און אַזוי ווי איך בין געבענטשט מיט אַלעם גוטן, בין איך געבענטשט מיט גוטע פריינט אויך!

און איינעם — א גוטן פריינט, הייסט עס, — האָב איך,

קומט ער צו מיר אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, פרעגן אויף קליין־געלט! פינף קאָפּיקעס איז שוין אַן הלואה; איבער 25 גייט שוין זיין השגה נישט, אָדער געטרויט ער מיין פריינטשאַפט נישט. איינמאָל, אַז ער האָט ביי מיר אַ נייעם, געשליפענעם שפּיגל גע־זען, מיט אַ גאָלדענע רעם און קריינדלעך, האָט ער געקוקט און געקוקט, און אַ ישוב געהאַט, און מיט אַמאָל אַ זאָג־ארויס געטאָן: ד ר י י ס י ג קאָפּיקעס! און דאָס ערגסטע איז — ער גיט אָפּ! אין דער ערלעכער מאַן, דער ערלעכער גוטער פריינט, שלעפּט מיך אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך אַראָפּ אין דער בלאָטע, וואו די קליינע ווערימלעך לעבן און חלום'ען פון קאָפּיקעס, פון ביי־גל פּאָר קאָפּיקעס, העכסטנס — פון אַ מיטאָג פּאָר פינף קאָפּיקעס אין דער ביליגער קיך! איך וויל אַ וועלט איבערבויען, און ער רעדט פון קאָפּיקעס...

אַ צווייטן האָב איך, קומט ער נאָר משבת לשבת, דערפאַר אָבער — נישט מיט ליידיגע הענט. אַ פּעקל ברענגט ער. אַ גאַנצע וואָך גייט ער ארום אין גאַסן, קאַפּייען, אין הייזער און גערטנער און קלייבט אויף דאָס גאַנצע לשון־הרע, וואָס מען רעדט אויף מיר, און ברענגט עס מיר לכבוד שבת...

און דאָס פּעקל בינדט ער אויף מיט פּאַרציטערטע הענט, מיט אַ האַרץ־רייסנדיג רחמנות־פּנים און ברוינע־בלויע ליפּן. ער עפנט דאָס פּעקל, און די לשון־הרע־ווערעמלעך צעקריכן זיך אין אַלע ווינקעלעך, איבער דער גאַנצער שטוב, ביז אויפ'ן וואַנט־שיינקל ארויף, וואו מיינע מאַנוסקריפּטן ליגן, — מיין ירושה, וואָס איך וועל איבערלאָזן דער וועלט, און — עס ווערט אַ שטיל, נאָר אומאויפהערליך פּאַפּיר־פרעסעריי... און ער שטייט, פאַר־לייגט די הענט איבער'ן ברוסט־ברעטל, און זיפצט: אַ שלעכטע וועלט! און ווערט דערנאָך בייז, שפּייט אויס: פוי! נאַטיר־ליך — וואו ער שטייט און גייט!

אַ גרויסע נפקא־מיניה...

און גאַנץ אָפט פיל איך מיך אַ ל י י ן באַשפּיגן...

און אַ דריטן האָב איך, וויל ער מיך גאָר אין גאַנצן אומ־ברענגען. עס איז נישט מיין צייט, זאָגט ער. און מיט אַ זיכער־

קייט פון גרעסטן נביא אָדער פון גרעסטן נאַר... ווייל ער מיר אויסווייזן, אַז איך האָב געדאַרפט געבוירן ווערן: אָדער אַ סך פריער, אָדער גאַר אַ סך שפּעטער. איך האָב געזאָלט, אין אברהם־אָבינו׳ס צייטן, פּאַשען שאָף אין דער מדבר, אָדער ערשט העט, העט לעתיד לבוא, — און אַרומשוועבן מיט די דעמאָל־טיגע נאַקעטע נשמות אין די העכסטע לופט־ספערן, אויף לופט־באַלאָנען, און לעקן זאַלץ אָדער קאַנדל־צוקער פאַר וויסט־בלוי און טיף־הויכער זעליגקייט. אַ־ניט, מוז איך אַרומגיין מיט אַ צעשפּאָלטענער נשמה אַ־לאַ בערדיטשעווסקי...

און נאָך, און נאָך...

נאָר איינעם האָב איך, באַשטייט ער פאַר צען!

אַן ערנסט־בייז־שווייגנדיגער גוטער פריינט. ער קומט, זעצט זיך געגנאיבער, און שווייגט.

די ברעמען אַראָפּגעלאָזט, די אויגן זאָל די וועלט נישט פאַרברענען. די ליפּן פאַרביסן, אַ־ניט, גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ ברענענדיגע דערנער עס וואָלטן פון דאָרט אַרויס, און הענט מיט פויסטן; קאַלטערהייט איז ער גרייט חרוב צו מאַכן ש״י עולמות מיט אַמאָל!... און אַזוי זיצט ער און שווייגט. אונטער זיין שטערן — זע איך בחוש — וועבט און שפּינט זיך אויס אַן „אָבוויניטעלני אַקט” קעגן גאָט און וועלט; ער וועט אים אַמאָל אַרויסדונערן... עס איז אָבער נאָך צו פרי; זיין צייט וועט ערשט קומען... דערווייל שווייגט ער, אָדער וואַרפט אַ פּאָר ווערטער...

און ער זיצט מיר קעגנאיבער און שווייגט. און עס ווערט מיר אומהיימליך פאַר׳ן שווייגן, עס פאַלט אויף מיר אַן אומעט, אַ מרה־שחורה. איך פיל, ווי עס דאַמפּט פון אים אַרויס אַ שאָטן און איך זאַפּ אים איין מיט די אויגן... און וואָס מער שאָטן איך זאַפּ פון אים איין, טונקעלער, שוואַרצער ווערט אין מיר, אַרום מיר — אַלץ ווערט גרוי, שוואַרץ און אין איין־וועגס — פויל און ווערמיג.

איך ווער אַמאָל בייז:

— וואָס ווילסטו פון מיר?

— פון דיר? — ענטפערט ער קוים — גאָרנישט! נאָר 24 גראָשן אַ טאָפּ קאַרטאָפל!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גאָט איז מיין עדות, איך עס קיין קאַרטאָפל נישט. אַ שוואַכער מענטש, דאָקטוירים האָבן פאַרווערט. איך זע זיי כמעט פאַר די אויגן נישט. וואָס גייען מיך אָן קאַרטאָפל. ווען, וויינינגסטנס — וויינטרויבן!

אָבער וואָס העלפט עס! ער שווייגט, עס דאַמפּט פון אים גרויליך־פויל, און איך זאַפּ עס און שלינג עס איין!

און איך פיל, אַז איך מוז מיך ווערן קעגן שאָטן, קעגן דער מרה־שחורה, קעגן די פוילע ווערטלעך, וואָס הויבן מיר אָן, שאָרכענדיג, אַרומצוקריכן אין קאָפּ...

איך מוז אים אַליין צערודערן, מיט עפּעס העכערס פאַראינטערעסירן... מיט העכערס און בעסערס ווי קאַרטאָפל, ווי וויינטרויבן אפילו... איך זוך אין די געדאַנקען, אין זכרון דאָס שענסטע, דאָס בעסטע און וויל עס אים אויסשיטן פאַר די וואַסערדיג־באַהאַלטענע אויגן מיט די גרויע ווערעמלעך אויפ'ן אָרט פון אויגן־אַפּל, און זאָגן: נאַ, זע! שיין איז דאָך די וועלט! כאָטש קאַרטאָפל זיינען טייער! איך וויל אים צו־טראָגן די פיינסטע בלומען צו דער נאָז, — נאַ, שמעק! פאַראַן צדיקים אין סדום... האָניג אויך... קעפּ, וואָס קלערן; הערצער, וואָס קלאַפּן; הענט, וואָס אַרבעטן... נאַטירליך — לטובת הכלל...

און איך זאָג אים: טאַקע טייער קאַרטאָפל. אָבער אונזער וואַרשעווער „איזראַעליט" האָט זיך איבערגעבעטן מיט'ן וואָרט „זשיד", און האָט עס גע'כשר'ט על־פּי „לינדע" און אַנדערע היסטאָרישע קוועלן! עס פעלט אפילו קיין עגמת־נפש נישט: ענגלאַנד האָט חרטה באַקומען און צוריקגענומען „או־גאַנדאַ"; די פראַקציע מיט דער סעצעסיע וועלן מוזן זוכן נייע שטיינער קעגן דער אָרגאַניזאַציע; דער „הצופה" האָט זיך צע־בריקערט און אַראָפּגעוואָרפן דעם ערשטן „באַרייטער"... אַ רחמנות! דער „גאַניעץ", אויף וועלכן מיר האָבן מויערן גע־

שטעלט, האָט זיך צענויפגעשמעקט מיט דער „ראָלע "און געטווישט זיך מיט פּראָספּעקטן... אויפ'ן „יריד פון בעל־מלאכות" האָט מען קיין איד נישט אריינגעלאָזט און „שא". די „פּאראַדישטע" פּוילישע פּרעסע האָט נישט פּראָטעסטירט, — דאָס אַלץ איז אמת, אָבער פּעלדמאַן, דער פון גאַליציע, א ו נ ז ע ר פּעלדמאַן, — האָט קונה־שם געווען מיט זיין „שאָטן" (ציען), וואָס מען האָט פאַרגעשטעלט אין טעאַטער. עס איז אַ סך געראָטענער פונ'ם „צדיק", וואָס מען האָט זומער־צייט אין די גערטלעך געשפּילט. דאָרט האָט געשלאָגן אַ נודנע העלקייט פון צדיק'ס קאַפּאָטע, דאָ איז אַלץ באַדעקט און ארומגעהילט מיט אַ היינט־מאָדישן שאָטן...

נישט אמת, וואָס טשעכאָוו'ס שאָטן האָט דערציילט אין „הזמן", אַז פעלדמאַנ'ס שאָטן האָט קיין אידישן טעם נישט. און, למשל, אַז עס האָט נ י ש ט קיין אידישן טעם? אָבער פּילאָזאָפיע האָט עס? אָנגעפילט מיט פּילאָזאָפיע

פּאַקטן — זאָגט פּעלדמאַן — גייען נישט לאיבוד, — ווערן ניט פאַרלוירן, הייסט עס. מען פאַרגעסט זיי אַמאָל, אָדער מען מאַכט זיך פאַרגעסנדיג, — קומט אָבער די רעכטע מינוט, שווימען זיי אַרויס. פון מעשים טובים שטראַלט אַן אייביגער נחת, פינקלט אַרויס אַ קרוין איבער'ן קאָפּ... און פון מעשים רעים — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! פון זיי דאַמפט אַרויס אַ שאָטן, וואָס גייט דיר נאָך טריט ביי טריט, טריט ביי טריט, ביז ער עפנט אַ מויל און שלינגט דיך איין!... ווי אַ שלאַנג... לעבעדיגערהייט!... דו פאַרמאַכסט זיך אַמאָל בחדרי חדרים מיט אַ ניי שפּילעכל, מיט אַ נייער האָפנונג, מיט אַ ניי גליק, און זאָגסט: איך בין עס ווערט! מיין נשמה איז העל, ווי אַ זילבערנע טויב; ריין, ווי אַ פריש געפאַלענער שניי, און ליבלעך מילד, ווי אַ לבנה־שטראַל... מאַכט זיך אַ גוטער פריינט, וואָס האָט אַ זכרון מיט אַ נאָז, דער־שמעקט ער און דערמאָנט דיך. קומט ער און עפנט די טיר, און לאָזט אַריין דעם שאָטן. און עס ווערט דיר אַלץ גרוי, און פינצ־טער, און ווערמיג פאַר די אויגן! און מען קען זיך אויך אַן דעם גוטן פריינט באַגיין... דו האָסט נאָר דעם שאָטן אין דיר אַליין!

פון דער געטאָגענער זאַך בלייבט דיר אַן אָפּזאַץ אויף דער נשמה, און דאָרטן ליגט ער, דער שאָטן, איינגעהויקערט, איינגעקנוילט, ווי אַן אָפּגעגאַנגענער באַנד־וואָרם... און דאָרט זיצט ער און וואַרט, און לויערט, און לאָקערט... און ווען דו גלייכסט דיר אויס, הויבסט דיך אויף פון מיסט, אויף וועלכן דו ביזט געפאַלן, פון קראַנקן־בעט, אויף וועלכן דו ביזט געלעגן גרייט צום גוסס'ן, און שטעלסט דיך אויף דער וועלט אַ געשריי צו טאָן: להד"ם! נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, איך האָב נישט געזינדיגט! ניין, קיינער ווייסט נישט, קיינער וועט נישט וויסן! און דאָס וועקסל, וואָס איך האָב אויף גליק און לעבן, איז נאָך נישט איינגעצאָלט, און דו עפנסט דאָס מויל און ווילסט פריי איינעטע־מען, איינזויגן, איינזאַפּן דאָס פרייע גליקלעכע לעבן, — דעמאָלט הויבט ער זיך פּלוצלונג אויף, ציט זיך אויס, הויבט אָן וואַקסן... און ער וואַקסט און צעוואַקסט זיך און פאַרשפּרייט זיך אין אַלע דיינע אברים, אין אַלע ריצן און שפּאַלטן פון דיין נשמה... און ער וואַקסט אַלץ מער און מער, און גרעסער... און וואַקסט דיר פון מויל, אויערן און אויגן אַרויס... און קריכט אַרויס, און לייגט זיך דיר איבער'ן פּנים, און עס ווערט פאַרשוואַרצט; איבער דיין שטוב, און זי ווערט גרוי און וויסט, איבער דער וועלט, און זי ווערט דיר גרין און געל... און דאָס לעבן איז שוין קיין לעבן נישט, דאָס גליק — קיין גליק נישט... גאָרנישט... כאָטש וואַרף זיך אין דער ווייכסל אַריין... אַ והא ראיה! אַ מיידל!

אַ מיידל, נעבעך, האָט צווישן שווייצערבערג אַן אומגליק געהאַט, אַ ליבע, הייסט עס... זי האָט זיך דאָרט פאַרגעסן אַ ביסל, צו ווייט פאַרקראָכן! נאָר קיינער ווייסט נישט. מיט דער צייט האָט זי עס אַליין פאַרגעסן... דער שותּף פון דער עבירה האָט זיך שוין לאַנג אַראָפּגעקאָלערט פון אַ גלעטשער, און עס איז פון אים קיין שריד ופליט געבליבן... און זי וויל נאָכאַמאָל אויפ־בליען... קומט די צייט, שרייט זי: להד"ם! וויל אָנהויבן אויפ'ס ניי! נאָר פעלדמאַן, אונזער גאַליצישער פעלדמאַן, לאָזט נישט. דער שאָטן זיינער לאָזט נישט... טיר און טויער זיינען פאַרמאַכט; קומט אַ גוטער פריינט, וואָס האָט אַ נאָז

און דערשמעקט אַ זכרון און געדענקט און לאָזט אַריין דעם שאָטן, און ער צעוואַקסט זיך, דער שאָטן, און שלינגט איין דאָס מיידל מיט'ן להד"ם! פּיף־פּאַף — זי שיסט זיך אין קאָפּ אַריין — — פאַרשטייסט?

— נישט כדאי, — ענטפערט ער, — אַז 12 קאָפּיקעס אַ טאָפּ קאַרטאָפל!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס בלוט איז מיר אַנטרונען געוואָרן! וואָלט ער כאָטש עפּעס אַנדערש אויסגעטראַכט! אַ אידייע־פיקס, רחמנא לצלן!

איך גיב מיך אָבער אַזוי געשווינד נישט אונטער! מיט אַ קאַרטאָפל לאָז איך מיך נאָך נישט דערשיסן! דיר געפעלט נישט פעלדמאַן, נאַדיר מעטערלינק! מעטערלינק מיט זיין טרו־פּע... מיט זיין אייגן ווייב, וואָס שפּילט אין דער טרופּע... זייער שיין און זייער פריש איז זי שוין נישט. אָבער עפּעקטפול. דער עיקר, דער שוואַנען־וויסער האַלז. זי טראָגט זיך טאַקע דע־קאָלטירט... זי זאָל אַ שמאַציאַרקע שפּילן, אַ שמאַציאַרקע אין אַ ווינטער־טאָג, וואָלט זי געגאַנגען אויפגעריסן. דער עיקר איז דער שוואַנען־האַלז. דערנאָך ערשט דאָס שפּיצינע נעזל, די שפּיציגע גאָמבע... דערנאָך ערשט דאָס פראַנצויזיש שפּילן...

עס איז אפילו צו געשווינד און צו עכט פראַנצויזיש... נישט אונזער היימיש וואַרשעווער באַנע־און דאַמע־לשון... און די זאַכן זיינען אַביסל צו טיף, צו הויך און, פאַר אונזער גראָב־היינטיגן באַלעבאָס, אַ ביסל צו נעפּלדיג. און נישט צום גלויבן: בלינדע זעען מער, ווי אַ קלוגער באַלעבאָס מיט אָפענע אויגן; טויבע הערן מער, ווי ער מיט אָפענע אויערן אויפ'ן „מיסטישן קאָנצערט" אין פילהאַרמאָניא. נאָר עס מאַכט נישט אויס! מעטערלינק, זיין אייגענע טרופּע, זיין אייגן ווייב, איר שפּיציג נעזל מיט'ן ווייסן האַלז, און — פאַרט פראַנצויזיש. און היינט דער לייכטער מאַנטל, וואָס לופטערט זיך אין מאַנאַ־וואַנאַ איבער'ן נאַקעטן לייב... סודי־סודות! און ווי וואָלט געווען, ווען עס

רייסט זיך ווינטער־צייט אויף א פענצטער אין זומער־טעאַטער און עס בלאָזט אריין א משוגע'ן ווינטל ? האַ ?

און אונזער באַלעבאָס לויפט...

פון היימישע מענטשן פאַרלאַנגט ער מוסר און צניעות און פאַרקנעפּלטע קליידער ביי אונטער דער גאָמבע... היינט וויל ער נאָך, עס זאָל אַלץ זיין קלאָר און פליטקע, ווי גענזן־טייכל, וואָס שעמט זיך נישט מיט'ן זאמד און נישט מיט די ווערימלעך צווישן זאמד... פעלדמאַן, נעבעך, כאָטש פיין פּויליש, האָט מורא יוצא צו זיין מיט'ן שאָטן אליין און שטעלט צו א גוטן פריינט, א פּשוט'ן בשר ודם, וואָס עפּנט אים די טיר, און וואָס וואַלט זיך, אייגנטלעך, אַן דעם שאָטן באַגאַנגען... אז ער ווייסט, זאָגט ער אַליין אוים! ווייסט ער נישט, — טראַכט ער אוים! אָבער מעטערלינק! פון אים פאַרלאַנגען? וואָס? נישט אינטערעסאַנט?

— אפשר, ווען נישט 24 גראָשן א טאָפּ קאַרטאָפל!

— — — — — — — — — — — — — — — —

טראַכט איך מיר: אזוי, האָסט פיינט טעאַטער, נאַ דיר ליטעראַטור! און איך דערצייל אים גדולות, עס וואַקסט ביי אונז ווי אויף היוון; ווי גורקען אין א דונער צייט, ווי גערשטן ביי דער לבנה. דער „איזראַעליט" איז אפילו אומרואיג געוואָרן.. א קאָנקורענץ נעגן פּויליש... נאָר ווער הערט אים?! דער „הוצפּה" וויל אריבעריאָגן די „הצפירה" און האָט זיך איינגעשפּאַנט מיט'ן „השלוח" ביי איין דישעל, אפילו א חשש פון „כלאים", נאָר פאָרן וועט זיך... „הצפירה" וועט יעדן פרייטאָג געבן ליטעראַטור: הויך און ווייך, ווי א באָבעס — אפשר נאָר נישט אזוי פעט! — און דערצו כריין און זאפט פון אַלערליי קריטיק.. אפשר וועט עמיץ שרייבן „לידידתי"... דער „המליץ" וועט אויך אודאי ארויסשפּרינגען פון דער הויט, דער „המון" אויך... און די „הצפירה" מיט'ן „הצופה" וועלן, זיי להכעים, נאָך אפשר צוזאָגן שאָטן מיט קאַנדל־צוקער... און אפשר, — אויפ'ן אמעריקאַנער אופן — הענדשקעס מיט שטיוול... און „הילף" מיט הילף פון יענער זייט... און יום־טוב בלעטער. און

„לוח־אחיאסף" דיק ווי „טויזנט און איין נאכט"... און דער לוח איז פון סאמאראדנע יונגווארג... און די דין־רויטלעכע פינגער צופן, נישט נאר די סטרונעס פון דער הארפע און זינגען מיט גרויס בענקעניש צו ליכט, לופט און אלעם גוטן... נאר אויך אין פובליציסטיק... נא, זע! מיש איבער די קדושים אויפ'ן פרעמדן לשון, און ביים ווייטער — סאמע שווייצער־קעז! בארו־כאוו בראקט איין אחד־העם'ען מיט „בערדיטשעווסקי'ן", ווי צוויי שוואמען אין א בארשטש, און עס קומט ארויס, אז די ליטערא־טור אונזערע וואקסט יא און וואקסט נישט. דר. טאן רעדט וועגן דיסציפלין אין פארטיי און באווייזט, על פי קאנט ושאפענ־האוער, אז פארטייען באשטייען נאר פון שטיקלעך נשמות, ווייל די רעשט פארטועז מיר ערגעץ אנדערש... דר. ניימארק הייסט דעם דר. הערצל, יק"א און אחד־העם, זיי זאלן זיך דערלאנגען די הענט און ער וועט זיי ארומבינדן מיט א כשר'ער ציצה, אבי שלום! ווייל באמת, „אלו דברי אלהים חיים". דאס אומגליק איז נאר „שפעת קלגסים", — וואס איינער פארשטייט דעם צוויי־טען נישט... און נאך חכמים —

נאר ער האקט מיך איבער:

און וואס זאגן די חכמים וועגן יקרות אין קארטאפל?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאס איז אמת!

קארטאפל האבן מער אנהענגער ווי פילאזאפיע, שלינגען זיך בעסער ווי די פיינסטע פובליציסטיק, אבער — וואס קער זיך דאס אן מיט חכמים? זיי רעדן אפילו נישט פון וויכטיגערע זאכן. למשל: וואס וועט טאן די וועלט אן קייזער ווילהעלמ'ס פיין־קלינגענדיגער שטימע? פון וואנען נעמען זיך דער יאפאנעזי־שער פלאט מיט דער יאפאנישער העזה צוזאמען? זיי לאזן אפילו קיין ווארט נישט פאלן וועגן פראצעס פון ענגלאנד קאנטרא טיבעט. אפילו נישט וועגן דעם, פארוואס האט די בזראנעסין זוטנער נישט באקומען נאבעל'ס נאגראדע פאר פרידנשטיפטעריי? צי דעריבער, ווייל זי געהערט אויך צום אידישן אפוועך, וואס איז נישט מרבה־שלום? און אפילו נישט וועגן דעם ניי־לייכטנ־

דיגן מעטאַל... דער שאָטן „אוגאַנדאַ", וואָס איז אַרויס פון דר. הערצל'ס אויגן, האָט דאָס אַלץ פאַרדעקט, פאַר'חושכ'ט און דער־נאָך מן הסתם איינגעשלונגען...

אָבער, הכלל?

זאָל איך מיך דעריבער מיין גוטן פריינט אונטערגעבן?

איז הײַ־יאָר — זאָג איך אים — נישט קיין געדעטעניש אויף קאַרטאָפל, געראָטן דערפאַר מצוות און מעשים טובים? ממש פון טאָג צו טאָג! דאָס שפּיטאָל — געענדיגט! עס פעלן אַלץ נאָך וואַרימע שטיוול און קליידער פאַר שווינדזיכטיגע, וואָס דאַרפן זיצן אויף באַלקאָנען צי ביי אָפענע פענצטער, — נאָר ערשטנס א זון אָן פלעקן, בפרט א שפּיטאָל אָן פעלערן — איז נישט פאַראַן. צווייטנס — איז אפשר באַלקאָן און אָפענע פענצ־טער — לאו דוקא! מיר האָבן איבערגעלעבט פּיאַווקעס און באַנקעס, מיר וועלן דאָס אפשר אויך איבערלעבן. אָבער גאָר אויפהערן גלויבן די דאָקטוירים, וואָס פירן וכוחים, רופן צו דינ־תורה'ס פון קאָלעגן, און אויב די קאָלעגן האַלטן איינעם נישט סאַטיספאַקציאָנס־פּייאיג, לויפט ער, ווי דער ערשטער פּוילישער מאַגנאַטל — מסר'ן... „אחיעזר" און „עזרת יתומים" לעבן ווי אמת'ע שוועסטער און ברידער, דאָס הייסט: זיי קריגן זיך כמעט טאָג־טעגלעך, אָבער צו'ן א מעסער כאַפּן און אָפּקוילען קומט עס נישט! און עס וועט מיט גאָט'ס הילף נישט קומען! הײַנט האַלט דר. פּאָזנאַנסקי אין דער „דײַטשער שול" איין מאָל אין צוויי וואָכן רעדעס וועגן אידישער געשיכטע; און נעכטיגע אַסי־מילאַטאָרן, וואָס זיינען נאָך אינגאַנצן פון עולם הדמיון נישט אַרויס, קומען הערן, און — אַזוי גלויבט, ווייניגסטנס, דער דר. פּאָזנאַנסקי, — עס קען זיי זיין צו רפואה... און הײַנט די נייע צדקה־חברה פאַר חדר־אינגלעך! און דער קאָנצערט, וואָס וועט מיט גאָט'ס הילף זיין אויף די ביליגע קיכן, און נאָך, און נאָך...

און איך וויל קיין אָפּטימיסט נישט זיין, איך זאָג נישט, אַז די באַלעבאַטישע נשמה האָט זיך, מיר־נישט־דיר־נישט, פּלוצלונג צעגליט, ווי אין גאָט'ס ווייַנגאָרטן, וואָס ווייסט פון קיין ווינטער נישט... פון דער העלער הויט אַרויס צעפּלאַקערט! איך ווייס,

אז א באַלעבאָס צו זיין, איז ליכט, אז מען איז, איז מען! לעבט מען שוין בשלום מיט גאָט און לייט, און מען אמפערט זיך נישט מיט דריי־פערטל עשרת הדברות... אָבער איידער מען ווערט, איידער מען קומט פון „גאַרנישט מיט גאַרנישט" צום זמר פון „מנוחה־ונחלה"! דעמאָלט איז אן אומרואיגע צייט, פון וועלכער עס בלייבט אן אָפּזאַץ אויף דער נשמה...

און אין דעם אָפּזאַץ ליגט באַהאַלטן דער שאָטן! איינגע־הויקערט, איינגעקנוילט און איינגעשרומפּען, ליגט ער און וואַרט, און לאָקערט. און זעט ער, אז דער באַלעבאָס וויל פריי אָפּאָטע־מען און גייט ביים רויטן שטורקאַץ אין זאַקסישן גאָרטן אויף דער גליטש, קריכט ער אַרויס... וויל ער זיך, דער באַלעבאָס, איבערשליטלען איבער'ן פריש געפאַלענעם שניי, מיט א „פריי־לעכקייט", וואָס האָט עפּעס איבערגעלאָזט צווישן די שווייצער־בערג, אָדער עפּעס געברענגט פון דאָרט, צי פון ערגעץ אַנדערש, — שפּרינגט ער, דער שאָטן, אַרויס, און לייגט זיך איבער'ן פריש געפאַלענעם שניי, ווי א שוואַרץ טוך אויף ווייסע תכריכים... און — „צדקה תציל ממות!" דער באַלעבאָס האָט אמאָל אין חדר געלערנט צי עמיץ זאָגט אים אונטער... און כדי די שמחה בייטאָג און דער שלאָף ביינאַכט זאָלן נישט געשטערט ווערן... דער מאַדאַם מעטערלינק'ס שוואַנען־האַלז זאָל נישט פאַרנעפּלט ווערן און — די וועלט זאָל בלייבן וועלט! מוז מען אָדער פּיף־פּאַף! אָדער עפּעס טאָן, גוטס טאָן... וואָרום דער שכר פון מצות איז אויף דער וועלט, פריילעך ווערט, דער שאָטן פאַרשווינדט! כאָטש אויף א ווײַלע! און אויף דער ווײַלע ווערט אַלץ דורכ־זיכטיג און קלאָר, ווי א געגנזן־טייכל; מען זעט דאָס זאָמד אַרויס, די ליבע ווערימלעך אַרויס! און זומער שיינט די זון, אין קאַרלסבאַד, אין מאַריענבאַד, צווישן די שווייצער־בערג... ווינטער גלאַנצט דער שניי און ביבער־קעלנער שליטלען זיך, אָדער גליטשן זיך אויפ'ן אייז, וואו חוה'ס טאָכטער גליטשט זיך אמאָל אויס, פאַלט, און עס ווערט א פריילעך געלעכטער... כאָטש א נייער שאָטן ווערט באַשאַפן...

און איז נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר, איז דער שאָטן נישט

איינגאַנצן פאַרשוואונדן, האָט די לעבעדיגע זון נאָך פלעקן, גייט מען צו צום ראַנד פון אָפגרונט, און מען לייגט די פלאַכע האַנט איבער די אויגן, און מען קוקט אַראָפ: צי קומט ער נישט פון דאָרט, דער שאָטן?! עס שווינדלט אביסל, נאָר מען קוקט... און „יגעתי ומצאתי" — אַז מען קוקט, דערזעט מען! פון דאָרטן קומט ער! אומריין איז דאָרט! נישט געוואַשענע פּאָדלאָגעס, קוים נעגל־וואַסער, נישט געקעמטע קינדער... און מען לויפט, און מען דערציילט עס אין דער היגיענישער חברה און — ממש תוך כדי דבור, ווערט — שופטים ושוטרים! לאָזט מען אַראָפּ אין תהום אַריין אַ חוץ „אָפּעקונעס" — אפּוטרופּסים, וואָס זאָלן קוקן אויף ריינקייט, רעדן וועגן וואַשן, רייבן, קראַצן... וועגן גרינעם זייף, און העמדער, נישט דוקא משבת לשבת... און אין דער נעסט פון דער געזעלשאַפטלעכער מרה־שחורה וועט אָנהויבן בלאַנקען און בליצן און שיינען...

און ער האַקט מיך איבער און פרעגט:

— אָבוואָל 24 גראָשן א טאָפּ קאַרטאָפל!

און רעד מיט אים!

אַן אידייע־פיקס, רחמנא־לצלן!

די נייע באַוועגונג

אין מערב־אייראָפּע, צווישן די שווער־באַוואָפנטע פעלקער, וואָס אָטעמען קוים אונטער דער שטאָלענער לאַסט; אין מערב־אייראָפּע, וואו די פּרעסע פון האַס צווישן פעלקער, רעליגיאָן, ראַסן און קלאַסן רייסט און בייסט מיט ווילדן כעס דעם אייזערנעם נאַמאָרדניק; וואו די רעגירונגען נוצן דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס דונער־אָפּלייטער פאַר די גאָלדענע פּאַלעצן, וואו קינד און קייט וואַרפט זיך אין ווייסטע חלומות פון דינאַמיט... אין מערב־אייראָפּע באַמערקט זיך אַצינד אַ נייע באַוועגונג...

איבער׳ן ווילד־ברויזנדיגן ים פליט אַ טויב מיט אַ גרינעם בלאַט פון שלום.

עס מאַכן זיך איבעראַל מאָראַלישע געזעלשאַפטן, וואָס ווילן, עס זאָל אויפהערן דער אייביגער קריג צווישן רעליגיאָנען, פעלקער, ראַסן און קלאַסן; מענטשן זאָלן אַוועקלייגן דאָס מערדערישע געווער פון האַנט; יעדערער זאָל אַוועקלייגן דעם קאַלטן רשע — דעם עגאָאיזם; מענטשן זאָלן אָנהויבן לעבן מאָראַליש, —מיט יושר, מיט רחמנות...

זיי גלויבן אין דער מאָראַליטעט, וואָס איז נישט דער אָפּגלאַנץ פון דער בלאַנקער שווערט, וואָס שטעקט נישט אין קרופּ׳ס קאַרטעטשן, וואָס האַלט זיך נישט אין דער געביילטער פויסט און גייט נישט האַנט אין האַנט מיט אייגננוץ, שאָוויניזם און רעליגיאָנס־האַס!...

און זיי גלויבן, אַז דער מענטש מוז זיך אויפכאַפּן פון דעם ווייסטן שלאָף און דערזען די ליכט, וואָס שלאָגט אים אין די אויגן! ער מוז דערפילן, אַז ער איז מענטש, און אַז נישט דער

עגאָאיזם מיט נעגל און באַק־ציין, נאָר די ריינע מענטשלעכע מאָראַליטעט דאַרף זיין דער קאָמפּאַס, צו פירן זיין שיף איבער'ן ים!

איך שאָקלט מסופק מיט די קעפּ! אונזער פּעסימיזם, וואָס איז אַרויס ווי א הונט־שוואָם אויפ'ן מיסט פון די לעצטע צייטן, איז א נאַכט־געוויקס און דרייט זיך אַוועק פאַר יעדן ליכטיגן שטראַל...

און דער עיקר — עס איז דאָך געגן די לעצטע פּוסקים! געגן דאַרווין, ספּענסער און ליפּערט, געגן די דו״יי זיילן, וואָס האַלטן אונטער די בילדונג אפילו אין ישיבות און בתי־מדרשים.

מען זאָגט, אַז דער אייגענער בטלנ'ישער ליט, וואָס האָט גע־וויזן אויף דער האַנט, ווי אַזוי פראַנצויזן און פּרייסן האָבן מלחמה געהאַלטן, און האָט מיט א שפּיי אויף דער האַנט, דערטרונקען עטלעכע ראָטעס סאָלדאַטן פון ביידע צדדים, האָט אַמאָל אויך אויסגעטייטשט, פון וואַנען עס נעמען זיך אַזוי פיל פאַרשיידענע מאָדען אין ווייבערשע קליידער.

יעדער פאַבריקאַנט — זאָגט ער — האָט שטיין א פּעסל מיט מוסטער־שטיקלעך; וואָס א מאָל כאַפּט ער אַרויס א מוס־טער, אַרבעט נאָך א סחורה און — עס ווערט א נייע מאָדע!

און, אַז ער האָט דאָס גאַנצע פּעסל געענדיגט, דרייט ער עס איבער קאַפּויער, און עס קומט אַרויס גאָר א נייע מאָדע, וואָס די באָבע יאַכנע האָט נאָך געטראָגן.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס גייט צו ביי פאַבריקאַנטן, נאָר אין דער פילאָזאָפישער אינדוסטריע איז זיכער אַזוי!

אַלטע סיסטעמען שטייען אויף תחית המתים און ווערן צוריק די נייסטע מאָדע...

אין א צייט אַרום פאַרלירט דער נייער סיסטעם דאָס געזונט, הויבט אָן הוסטן, קריגט אַסטמאַ — פאַלט אַוועק, שטאַרבט און ווערט באַגראָבן, און אויף זיין אָרט שטייט אויף א נייער שוכן־עפר; א נייע פילאָזאָפיע פון דער באָבע־יאַכנע'ס צייטן — און

די באָבע יאכנע, אויב זי לעבט נאָך, טאַנצט פון פרייד, אז איר צייט איז צוריק געקומען!

דאכט זיך, אז „כל דאלים גבר" (ווער עס איז שטאַרקער, ביי דעם בלייבט עס!) איז אן אַלטע פילאָזאָפיע, נאָך פון אדם הראשונ'ס צייטן... און אמת'ע, נאַקעטע וואַלד־פילאָזאָפיע — אַלץ ווענדט זיך אין דער פויסט. די וועלט איז א קניזש; ווער עס איז שטאַרקער, בייסט פריער אריין; ווער עס האָט א ברייטערן מויל און בעסערע ציין, רייסט אָפּ א גרעסער און א בעסער שטיק... אָדער ווי מען פלעגט צוזאָגן: אויף דער וועלט איז ווי אויף א חתונה — כאַפּ און פרעס, כאַפּ און זויף!

די סיסטעם איז אַזוי אַלט, ווי דאָס ווילדע לעבן.

נישט איינמאָל האָט זיך אפילו שוין געדאכט, אז די מאָראַליטעט, אז דער יושר פון ציין־און־נעגל איז אָפּגעשוואַכט, אָפּגענוצט; אז מיר האָבן די „טייערע שמאַטע" אין ארכיוו אריינגעלייגט, וואו זי איז שוין מיט שימל באַוואַקסן; אז מיר, מיר מענטשן, האָבן שוין איינגעזען, אז דאָס פּאַסט נאָר פאַר ווילדע חיות און נאָך נאַקעטע ווילדע לייט; אז מיר דאַרפן זוכן אונזער גליק אין עפּעס אַנדערש, עפּעס גרעסערס, העכערס... און דאָך — האָט זיך נאָר אַזוי געדאכט! די פילאָזאָפישע פאַבריקאַנטן פון ניינצנטן יאָרהונדערט: דאַרווין, ספּענסער, ליפערט און אַלע זייערע נאָכשלעפּער און נאָכשטופּער האָבן די מאָדע באַנייערט!

דאַרווין האָט באַמערקט, אז דורך דערציען, לעבן אויף א געוויסן אָרט, אין א געוויסן קלימאַט, אין געוויסע באַדינגונגען — פאַרענדערט זיך דער קערפּער פון מענטשן און טיגערן, און דערפון איז אים איינגעפאַלן, צו באַנייען די אַלטע לאַמאַרקישע סיסטעם, אז גאָט האָט קיין באַזונדערע מינים נישט באַשאַפן, אז פון זיין האַנט איז נאָר איין לעבן אַרויס; אז די אַלע מינים, משפחות און סאָרטן קומען אַרויס מיט דער צייט — איין מין פון צווייטן, איין סאָרט פון צווייטן; און דאָס ווענדט זיך אין די פאַרשיידענע פאַרענדערונגען, וואָס מאַכן זיך אינ'ם לעבן... נו — וואָס שאַדט

עס אונז? וואָס זאָל אונז דער פוסטער יחוס? אדרבא, עס איז מער כבוד, אַז מיר האָבן זיך אַליין אויסגעאַרבעט, אַליין מיט דער צייט פאַר מענטשן געמאַכט, דעם עק פאַרלוירן און אַזוי פיל שכל, אַזוי פיל יושר באַקומען! נישט איינער זוכט אפשר אין שלאָף דעם עק, ווי אַן אַלטער דייטש די יאַרמולקע, נישט איינעם חלומ׳ט זיך דער וואַלד... נאָר מיט דער צייט וועלן די חלומות און דאָס זוכן דעם נעכטיגן טאָג אויפהערן, פאַרשווינדן...

אמת איז, אַז אין „בראשית" איז די מעשה אַנדערש פאַרציילט... נאָר „מעשה בראשית" איז נישט געשריבן פּראָסט, „כדבר איש אל רעהו" — עס איז פול סודות; איך זע עפּעס אַנדערש, יענע עפּעס אַנדערש און דער אַלשיך — עליו השלום — אויך עפּעס אַנדערש... ווער ווייסט, אפשר מיינט גאָר דאָס דער פסוק... אַ קשיא אויף אַ מעשה! אַז „חמץ" קען זיין על פי קבלה דער יצר־הרע און „מצה" דער יצר־טוב, כאָטש זיי שטייען ביידע נישט אין מעשה בראשית, קען „חוה" זיין די פאַנטאַזיע, וואָס טרייבט דעם מענטשן צו זוכן נייע אמת׳ן, נייע וועגן; דער „עץ הדעת" — די קולטור און די שלאַנג — דער „סקעפּטיציזם". דאָס מסופק זיין, דאָס אומרואיג פרעגן: פאַרוואָס און פאַר וועו, דאָס וואָס לאָזט אונזער פאַנטאַזיע נישט שלאָפן און נויט זי, זי זאָל אַלע רגע אויפשטעלן נייע סיסטעמען, נייע הייזלעך פון קאָרטען, „אויף וועלכער דער פויערשער שכל הישר דאַרף נאָר אַ בלאָז טאָן, זיי זאָלן אומפאַלן".

פאַרצייטנס וואָלט מען אַזאַ דאַרווינ׳ען פאַרברענט. אין היינטיגע קאַלטע צייטן האָט ער אויסגעלעבט זיינע יאָרן און געפונען נאָך אַ גאַנס־געלערנטן, וואָס האָט אויסגעגלייכט דעם פסוק, ער זאָל פּאַסן צו זיין טעאָריע; נאַטירלעך — דעם פסוק צוליב. —

נאָר דאַרווין איז געפאַלן אויף נאָך איין המצאה. וואָרום די שאלה איז: פאַרוואָס ווערן טייל פאַרענדערונגען פאַרשוואונדען און אַנדערע האַלטן זיך שטאָל און אייזן? מיר ווייסן, אַז נישט איינמאָל ווערט געבוירן אַ קאַלב מיט צוויי עקן, אָדער מיט צוויי קעפּ, מיט זעקס פיס — פאַרוואָס בלייבט פון דעם אַלעם קיין זכר נישט, און פאַרוואָס, אַז עס האָט זיך נאָר באַוויזן אַ האָרן, האָבן

זיך באַלד אַלע בהמות פּארקוקט און הערנער באַקומען? אויף דעם איז די תשובה: כל דאלים גבר! דאָס לעבן איז אַן אייביגע מלחמה, איינער מיט׳ן אַנדערן, איין מין מיט׳ן צווייטן און איין משפּחה מיט דער צווייטער... אַלע שלאָגן זיך שטענדיג און גובר איז דער שטאַרקערער — דעריבער איז דאָס קאַלב מיט איבעריגע פיס נעלם געוואָרן, ווייל פיר פיס איז איבער גענוג, בפרט — איין קאָפּ! נאָר דער אָקס מיט׳ן האָרן, וואָס איז געוואָרן א שור נגח, האָט זיך טאַקע געמערט און געפּרוכפּערט... אזוי לאַנג און אזוי ברייט, ביז עס זיינען געוואָרן א וועלט אָקסן מיט הערנער און די רעשט אָקסן אָן הערנער זיינען נעלם געוואָרן — אויסגעפּייגערט אָדער אויפגעפרעסן געוואָרן פון אַנדערע בהמות, ווייל פון פּרעה׳ס חלום זעט אוים, אַז אמאָל האָבן די קיה איינס דאָס אַנדערע גע־געסן גאָר מענטשן צוגלייך! פון וואַנען עס האָט זיך דער ערש־טער האָרן גענומען, דאָס ווייסט דער טייוול, גענוג — א האָרן האָט זיך באַוויזן און דער ערשטער גליקלעכער אָקס, וואָס האָט׳ן גע־קראָגן, האָט מוצא חן געוועזן ביי די קי, ער האָט געהאַט א סך קינדער און האָט זיי אַלע פאַרירשנט דעם האָרן... טרעפט זיך אמאָל איינס ווערט געבוירן מיט א גאַלן קאָפּ — גייט עס לאבוד — ווי איינער אָן כלי־זין אין דער מלחמה מיט שטאַרק באַוואָפנטע! טכוירן, למשל, האָבן אמאָל געלעבט ווי אַלע אַנדערע חיות ובהמות; פּלוצלונג האָט איין טכויר אָנגעהויבן צו שוויצן מיט א ריח, — ווי פון א בעל־תשובה, לעבן וועלכן עס קען אפילו קיין צדיק גמור נישט איינשטיין... מיט דער צייט האָט מען אַלע טכוירן אויפגעגעסן, נאָר פאַר דעם טכויר איז יעדערער אנטלאָפן, און ער מיט זיינע יורשים זיינען געבליבן לעבן, און זיי מערן און פּרוכפּערן זיך, אַז מען פילט זיי שוין אפילו אין דער ליטעראַ־טור... פּאַקשיווע" (אָדער ווי די „ליטוואַקעס" ווילן: קראַפּיווע) איז אמאָל געוועזן א געוויקס ווי אַלע געוויקסן, נאָר פון דער העלער הויט האָט איין פּאַקשיווע אָנגעהויבן צו שטעכן און צו־בריען; מיט דער צייט האָט מען אַלע מינים פּאַקשיווע צעטראַ־טען און אויסגעריסן, נאָר די בריענדיגע און שטעכנדיגע זיינען געבליבן! און אזוי אַלע חיות ובהמות! טייל פערד האָבן אפשר אמאָל קיין עקן נישט געהאַט. נאָר די אָן עקן האָבן זיי די פליגן

געפרעסן, און נצול איז געוואָרן נאָר דאָס פערד, וואָס האָט זיך געקענט קראַצן מיט'ן עק ביז'ן קאָפּ.

הכלל — א מלחמה און מען דאַרף נאָר גוט כלי־זין!

נאָר כל זמן דאָס אַלץ איז נאָר נוהג אין וואַלד און פעלד, צווישן חיות און בהמות... אַרט מיך נישט; לוינט אפילו נישט צו דערגיין, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען די ערשטע פאַרענדערונגען — דער ערשטער האָרן, דער ערשטער שוויס, דער ערשטער עק... נישט כדאי זיך דעריבער דעם קאָפּ צו פאַרדרייען, מיר זיינען שוין לאַנג פון וואַלד אַרויס, און ביי אונז, דאַכט זיך, איז גאָר פאַרקערט. אָט האָט ושתי א האָרן באַקומען, דאַכט זיך א וואויל כלי־זין אין דער מלחמה צווישן מאַן און ווייב און בכלל צווישן ווייבער, און דאָך — איז דער מוסר שטאַרקער געווען פאַר'ן האָרן: אחשורוש האָט איינגעזען מיט'ן שכל פון זיינע עצה־געבער, אַז א ווייב דאַרף פאָלגן א מאַן, אַז יעדער מאַן מוז האָבן צו שאַפן ביי זיך אין דער היים, אפילו ווען ער איז אַזוי קלוג ווי אחשורוש און דערביי נאָך אַזוי שכור ווי ער; אַז אויב ער הייסט, די פלונית'טע זאָל אַריינקומען גאָר על פי פשט, אָן אן איינהיל... אמת איז, אַז די ממשלה, וואָס א מאַן האָט, איז כל זמן דאָס ווייב איז אין שטוב, ניט אַזוי פעסט... נאָר דער „יושר" האָט פאָרט גובר געווען דעם האָרן, און ושתי האָט געמוזט אָפּטרעטן אסתר המלכה'ן די קרוין.

עס ווערן גאַנץ אָפט געבוירן מענטשן מיט צו־שאַרפע ציין, צו־האַרטע פויסטן, אָדער מיט נשמות פון טכוירן און פוקסן — נאָר מיר האָבן שטענדיג געמיינט, אַז פאַר זייערטוועגן טאַקע האָבען מיר קרימינאַלן, אַרעסטן, און טייל מאָל (בסוד זאָל עס בלייבען) א בינטל הייסע ריטער... ביז מען ווערט פון זיי פטור... אונזער לעבן, האָבן מיר געמיינט, רינט שוין כמעט אַזוי קלאָר ווי א וואַסער... עס פאַלט אמאָל אַריין א שטיינדל, מאַכט עטלעכע רעדלעך אַרום זיך, נאָר באַלד ווערט עס פאַרשוואונדן מיט די רעדלעך צוזאַמען, דער שפּיגל גלייכט זיך אויס און רינט ווייטער אַזוי ריין, אַזוי קלאָר ווי דער הימל... טיפער איז אפילו קאַלט און פינצטער, און דער העכט לאָזט דעם קאַרפּ נישט שלאָפן,

נאָר מיט דער צייט, האָט מען געמיינט, וועט מען דאָרט אויך אריינקוקן... מיט דער צייט וועט דער מענטש איינזען, אַז די ערד קען דערנערן 10 מאָל אַזוי פיל מענטשן ווי עס איז דאָ אויף דער וועלט, אַז מיר דאַרפן אָנשטרענגען אונזער אינטעליגענץ, נישט איינער זאָל דעם צווייטן אַרויסרייסן פון מויל, נאָר מער באַנוצן די נאַטור־קרעפטן, וואָס דינען אונז נאָך אין גאַר א קליי־נעם פּראָצענט. מען האָט געמיינט, אַז איינער וועט אַרויסנעמען די הענט פון צווייטנס טאַש, דער צווייטער וועט אויפהערן צו רייסן דעם ערשטנ׳ס נאָז, און זיי וועלן זיך ביידע נעמען צו די וואַסער־פאַלן, וואָס רוישן, הילכן, און בייזערן זיך, פאַרוואָס זיי פאַרלירן אַזוי פיל קראַפט אומזיסט... מען האָט גערעכנט, אַז אָט, אָט וועט ישעיה׳ס נבואה פון אייביגן פרידן מקוים ווערן און אויף דער וועלט וועט ווערן א געקוישעריי, א געהאַלזעריי, אַז מלאָכים אין הימל וועלן אונז מקנא זיין...

זיינען אָבער געקומען ספּענסער און ליפּערט און האָבן גע־זאָגט: לא כי! די צוויי פילאָזאָפן, מיט א הונדערט נאָכשטו־פער, ווייזן אויס, אַז אויסער דעם, וואָס מיר קומען אַרויס פון וואַלד, מוזן מיר נאָך אייביג שוין לעבן לויט דעם שולחן־ערוך, וואָס איז אין דעם וואַלד נוהג... און דער שולחן־ערוך האָט נאָר איין פּאַראַגראַף: כל דאלים גבר! ואידך — פּירושא (די רעשט איז נאָר א פּירוש): פויסט, נעגל, באַק־ציין, רציחה, מסירות, פאַלשקייט — וואָס איר ווילט אַליין...

די איינגענע שווערט הענגט איבער אונזער קאָפּ אויך! די פויסט איז ביי אונז אויך יושר און ערלעכקייט צוזאַמען! דאָס גאַנצע לעבן, אפילו דאָס מענטשלעכע, איז אַן אייביגע מלחמה... יוסל מיט שמואל׳ן, אידן מיט קריסטן, פראַנצויזן מיט דייטשן, ווייסע מיט שוואַרצע, מיט געלע — אַלע מוזן זיך שטענדיג רייסן ביי די האָר, צופּן ביי די נעז, און ווער עס איז שטאַרקער, דער בייסט פעסטער אינ׳ם קניזש...

די פויסט איז אַלט ווי די וועלט, ווי דער וואַלד מיט זיינע חיות רעות! נאָר די סיסטעם האָט א נייעם נאָמען! די ח״י גדולים קומען נאָך דאַרווינען: „דער קאַמף אום דאָס דאַזיין״,

הייסט עס! דאָס איז דער העכט, וואָס שווימט ארום אין ספּענ־סער'ס וואַסער, דאָס איז די ראַפּוכע, וואָס גראַבלט זיך אַזוי אומ־געלומפּערט אין ליפּערט'ס שווערן שליים...

אַן אייביגע מלחמה צווישן מענטשן, פעלקער און ראַסן! און דו מיש דיך נישט, יעדער דאַרף פאַר זיך זאָרגן!

עס איז שוין אַזוי, עס מוז און עס דאַרף אַזוי זיין!

און עס איז אַ גאַנץ איינפאַכע סיסטעם:

די גריכן האָבן אַמאָל געטויט קראַנקע און פעלערהאַפטע קינ־דער, עס זאָל אַרויס אַ דור פון סאַמע גבורים; און דער ניינצנ־טער יאָרהונדערט וויל מיט דער פייערדיגער קאָנקורענץ אויסברע־נען אַלע שלים־מזל'דיגע מענטשן, עס זאָל אַרויס אַ דור מיט סאַמע דורכגעטריבענע שווינדלער...

דאָס לעבן איז אַן אייביגער קריג — ווער עס פאַלט, איז אודאי שכור געווען, אָדער עס האָט זיך אים אין מיטן דערינען פאַר־גלוסט צו נעניצן... דאָס לעבן איז אַ „מאַקאַטאָווער דראָנג", אויס־געשמירט מיט זייף; ווער עס כאַפּט זיך אַרויף, באַקומט אַ צי־לינדער מיט אַ זייגערל...

און מיט דער צייט וועלן אַלע קענען קריכן!

דער עגאאיזם, דאָס אייביגע פאַרזאָרגן נאָר זיך אַליין, דאָס אָנפילן נאָר דעם אייגענעם מאָגן — אָט דאָס זיינען, לויט דער פילאָסאָפיע, די געשיכטלעכע הויכן, אויף וועלכע עס יערט די מענטשהייט, און אָן וועלכער זי וואָלט געבליבן ליגן ווי אַן אויס־געטויקנט שטיקל טייג אין עק מולטער — אַצינד הויבט עס זיך און וועט באַלד אַריבער איבער דער ראַנד! „די אייגנליבע" אָט דאָס איז, לויט ספּענסער און ליפּערט, די שפּינערין, וואָס זיצט ביים אייביגן רעדל פון דער צייט, און שפּינט אונז די ציוויל־זאַציע!

אפשר שרעקט אייך וואָס דער שטאָף איז ברודיג פון אָרימן שוויים און רויט פון אומשולדיג בלוט? וואָס מאַכט עס אויס?

פון דעם שטאָף קומען דאָך אַרויס אַזוינע שלאָף־רעק, פּרעק און זיידענע קליידער פּאַר אַ צענדליג אויסדערוויילטע... אייביגע מלחמה, אייביגע קאָנקורענץ צווישן מענטשן, פעלקער און ראַסן; און מענטשן, פעלקער און ראַסן, וועלן אַזוי לאַנג אַראָפּפאַלן ווי פוילע עפּעלעך פון בוים, ביז עס וועלן בלייבן סאַמע פייאיגע מאַנטשעסטער פאַבריקאַנטן!

איך פרעגט צי דאָס איז מאָראַליש?

— מאָראַליש? — ענטפערט אייך די פילאָסאָפיע, — איז דען דאָ אַ מאָראַליטעט? און אונזערע פילאָסאָפן זיינען קלאָר אין דער סאָציאָלאָגיע ווי ביי זיך אין דער היים און וועלן אייך פאַרשיטן מיט אַ מיליאָן פאַקטן, ווי אַ וואַלד מיט שישקעס, און מען וועט אייך באַווייזן, אַז יעדעס פאָלק האָט אין יעדער צייט און אויף יעדן אָרט אַנדערע דעות, אַנדערע מידות, אַז וואָס ביי איינעם איז רויט, איז ביים צווייטן גרין, וואָס איינער האַלט פאַר אַ מצוה, האַלט דער צווייטער פאַר אַן עבירה... ווי קען זיין אַ מאָראַליטעט? ווי קען זי דינען אַלס מאַטאָר אין אונזער מאַשין, זיין אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס פירט די וואַגאָנען פון דורות?

ביי אונז מעסט מען אויף איילן און קוואַרטן און מען וועגט אויף לויטן; אין רוסלאַנד ווערט געמאָסטן אויף אַרשינען און ציעטוועדטים און געוואָגן אויף זאָלאָטניקעס, אין אייראָפּע איז אָנגענומען געוואָרן דער פראַנצויזישער מעטער מיט'ן קילאָ... ווילדע מעסטן אויף דער האַנט און טייל ווייסן גאָר נישט צו וועגן... און פונדעסטוועגן וועט קיינעם נישט איינפאַלן צו קלע־רען: טאָמער איז גאָר קיין מאָס און קיין וואָג נישט פאַראַנען?

מיר האָבן ציפערן ביז 9 מיט אַן 0; אַמאָל האָט מען גע־ציילט ביז 20, די רוימער האָבן געהאַט עקסטרא ציפערן פאַר 20, 30 א. אז. וו.

טייל ווילדע קענען מער נישט ציילן ווי ביז 5, זעקס הייסט שוין אַ סך, אָדער מען זאָגט: 5 און 1... און פונדעסטוועגן איז קיינער נישט מסופק, אַז צוויי און צוויי איז דאָך נאָר 4, נישט 3 און נישט 7...

מיר נוצן געלט פון קופּער, זילבער און גאָלד; אין טייל לענ־

דער באַנוצט מען אויך ניקל, די גריכן האָבן געהאַט מטבעות פון אייזן, ווילדע שטאַמען האַנדלען און טוישן אויף גרינע שטיק־לעך גלאָז, מושעלן, ביסלעך רייז, און פונדעסטוועגן זיינען מיר זיך אַלע מקריב פאַר געלט, און ווייסן, אַז געלט עקזיסטירט...

נאָר אַז עס זיינען פאַראַנען פאַרשיידענע מנהגים און דעות ביי פעלקער, ווערט שוין דער עולם מסופק, צי עס איז פאַראַנען אַ מאָראַליטעט, קען שוין זיין, אַז „איוב לא היה ולא נברא", אַז ניט — שטעקט די מאָראַליטעט טאַקע אין דער פרייער קאָנקור־רענץ — אין דער זיפּ וואָס לאָזט אַרויס די קליינע און דראָבנע און באַהאַלט די גראָבע, גרויסע פעטע.... אין דער זיפּ, וואָס וועט אונז מיט דער צייט אויסשאָקלען הונדערט מיליאָן אַרבעטער און עטלעכע מאַנטשעסטער פאַבריקאַנטן...

וואָס האָט די מאָראַליטעט פאַר'ן אָרימען אומגליקלעכן, וואָס פאַלט אונטער דער לאַסט? נישט מער ווי אַ היתר: קריך אויך! כאַפּ אויך! גלייך מיט'ן בעל־הגדה, ווייסט זי נאָר: „נעם די מצה!" דער קניזש ליגט אין מיט'ן גאַס, כאַפּ דיך צו!

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גוטע פילאָסאָפיע, נאָר פאַר רייכע לייט אָדער פאַר שטאַרקע פעלקער, אַז די פילאָ־סאָפיע קען נאָר ליגן אין אָנגעשוואָלענעם ברוסט־טאַש און זיין אונטערגעשפּאַרט מיט אַ וואַלד פון באַיאָנעטן, אַז אָרימע לייט און שוואַכע פעלקער, וואָס קענען לייכט אונטערגיין אין דער אייביגער מלחמה, וועלן זיך האַלטן אָן די אַלטע מענטשלעכע אידעאַלן, אָן דעם אַלטן יושר, אָן דער אַלטער מאָראַליטעט...

עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז עס איז אַ טעות... ווי געזאָגט, קומען שוין היינט ספּענסער און ליפּערט אין בית־המדרש אַריין, מען שטודירט זיי אין אַלע ישיבות...

דער געוועזענער פּרוש, וואָס האָט געלעבט פון תעניתים, ווייסט שוין היינט, אַז דאָס בעסטע אבר פון אַ מענטש איז דער

מאַגן, אַז אַלע אַנדערע אברים זיינען משרתים, אַז נאָר ער, דער מאַגן, מאַכט די געשיכטע, אַז נאָר איינגליבע שפּינט די קולטור!

אויף ספּענסער'ס קני וועט אויפגעצויגן ווערן א נייער דור פון סאַמע כאַפּערס...

ווי אַזוי דאַרף מען דערציען קינדער?

קינדער, — זאָגט ספּענסער, — דאַרף מען דערציען אויף אַזאַ'ן אופן, אַז זיי זאָלן קענען גליקלעך זיין... זיי זאָלן קענען אויס־נוצן דאָס גאַנצע נחת, וואָס די נאַטור וועט זיי געבן, זיי זאָלן זיין ווי א שוואָם, איינצוזאַפּן דאָס גאַנצע פאַרגעניגן, וואָס זיי וועלן געפינען אויף זייער וועג...

ווארום — אַז יעדערער וועט האָבן זיך אין זינען, וועט אַלע־מען גוט זיין, — מן הסתם!

ספּענסער און ליפּערט ווערן אונזערע נייע געטער!

נאָר דאָס איז אויך נישט קיין נייעס!

די יונגע עגיפּטיאַנערין, וואָס מען האָט יאָר־יערלעך אַריינגע־וואָרפן אין נילוס אַלס קרבן פאַר'ן הייליגן טייך, האָט אַליין אויך געגלויבט אין זיין הייליגקייט...

די אַמעריקאַנישע קנעכט האָבן זיך געשלאָגן אין שורה מיט זייערע באַלעבאַטים געגן די, וואָס האָבן זיי געוואָלט באַפרייען.

אונזערע אַלטע פּויערים זאָגן נאָך, אַז עס איז בעסער צו אַר־בעטן „פּאַנשציזנע" איידער צו צאָלן פּאַדאַטעק —

און מיר, מיר אָרים, צעוואָרפן, שוואַכסטע פאָלק אויף דער וועלט, הויבן אויך אָן צו גלויבן, אַז דער אידעאַל פון מענטשן איז דער אייביגער קריג צווישן מענטשן און פעלקער, ראַסן און קלאַסן...

די דאַרווין־ספּענסער־ליפּערטישע סיסטעם, אָדער בכלל, דער פּאַפּירענער ליבעראַליזם, איז דורך גאַנץ אייראָפּע ווי א זאַראַזע.

פרייהייט הייסט א רעכט, צו מאַכן זיך מיט די עלנבויגן אַן אָרט ביים טיש; ווײַלן — הייסט קויפן שטימען פאַר געלט און בראָנ־פען, פאַרלאַמענטן זיינען בירזשעס, וואו פאַרטייען שווינדלען מיט פּאָליטישע פּאַפּירן, וואו די דעפּוטירטע פאַרקויפן איינער דעם צווייטן די געקויפטע שטימען מיט אַן אומגעהויערן ראַבאַט... די „פרייע פרעסע", דער שטאָלץ פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, איז אַ רינשטאָק פון בלאָגע און שאַנטאַזש...

דער טאָג

דער מאַניפעסט איז וואָס אנבאַלאַנגט צו דער אידישער לאַגע נישט קלאָר. אין וויטע'ס דערקלערונג — וואַקלדיג... די רעגירונג וועט שטרעבן גלייך צו באַרעכטיגן אַלע איינוואוינער אין דער אימפעריע. קיין צייט דערויף איז נישט באַשטימט, און וויטע, ווי מיר ווייסן פון די בלעטער, האָט פולע הענט אַרבעט און אויסער דעם נאָך אָפענע טירן פאַר דער פרעסע, אָפענע אויערן פאַר אַלערליי פאָרשטייער; כמעט ער שלאָפט נישט!... צי קלינגט עס נישט ווי: משיח וועט קומען, ער מוז קומען, נאָר ווען?

און אנטשיידן וועט די דומע, זי וועט פיליכט, ווי אַמאָל די פוילישע געזעצגעבונג, זאָגן: אדרבא, אידן קומט גלייכבאַרעכטיגונג, נאָר זיי מוזן זי פאַרדינען, אומזיסט טרינקט מען וואַסער און אויך נאָר אין קליינע שטעטלעך; און — אויב די פאות זיינען שוין אָפגעשניטן; און געשאָרענע בערד טראָגן רוסן אויך, לאַנגע רעק אויך, דאַרף מען נאָר פאַרלאַנגען, זיי זאָלן דאַווענען אויף רוסיש?

האָט מען טאַקע געקלאַפט א טעלעגראַף צו וויטע'ן מיט אַ אָנפראַגע צי איז די אידישע גלייכבאַרעכטיגונג פאַרזיכערט, האָט ער — א פאַרנומענער מענטש — נאָך נישט געענטפערט... פאַר דאָס האָבן אויף זיין אָרט געענטפערט אַנדערע: די כוליגאַנעס, די שוואַרצע מאות, די באָסיאַקעס, רופט זיי ווי איר ווילט נאָר; די באַהעלפער און אונטערשטיצער פון דער הערשנדער פאַרטיי, וואָס מוז און וויל פאָרט נישט אַראָפ, און שפרעכט אָפ אירע שלעק מיט'ן אַלטן שפרוך: פון מיין קאָפ אויפ'ן אידישן קאָפ...

די אַלטע שפּיצלעך, פון וועלכע פאָרטשריט־פּאַרטייען לאַכן און מיר, מיר אידן, וויינען. יענע קייקלען זיך פאַר געלעכטער און מיר פאַר שאַנד, שפּאָט און ווייַ, און פאַרגיסנדיג אונזער בלוט, אונזער האַרציג בלוט אין דער בלאָטע אַריין...

און די אַלטע אידן, וואָס מיר האָבן אין אונזערע חלומות לאַנג באַגראָבן, לעבן נאָך און גייען אַרום אין די גאַסן; היינט מעג מען; מען כאַפּט אינעווייניג א ציטער און מען גייט כלומרשט מיט א פּנים פון פראַנק־און־פריי אויף א הפקר־וועלט...

— פּאָגראָממען! — שריי איך אַזא אידן אין אויער אַריין; איך וויל וויסן צי ער לעבט באמת, צי ער גייט אַרום אויפ׳ן עולם־הדמיון.

— אין רוסלאַנד: ענטפערט ער מיט שטאָלץ.

פרעמד בלוט, הייסט עס, פאַרגיסט זיך.

איך פאַרלאָז דעם אָפּגעשטאָרבענעם און גיי ווייטער איבער דער מאַרשאַלקאָווסקי גאַס... מאַסן גייען. ביי יעדן אין מוח בוירעט די פראַגע: מען וועט שיסן, צי ניין? און גיין גייט מען, עס גייען באַגייסטערטע פּאַרטיי־מענטשן, וואָס זיינען ווירקלעך גרייט אַריינלאָזן אין זיך דעם ערשטן בעסטן באַיאָנעט, אויפצור־רייסן זיך די ברוסט פאַר דער ערשטער בעסטער קויל... עס גייען אויך מענטשן, וואָס ווערן מיטגעריסן מיט דער מאַסע, מענטשן, וואָס האָבן גאָר נישט זייער אייגענעם און ווערן צוגעצויגן, אַזוי איינצלנע שטאַרקע מענער, ווי פון דער קראַפט אין דער מאַסע, גלייך אייזן־שטויב פון א מאַגנעט, און ווילן זיך אויך צופליען ווי דערזעלבער שטויב ביים ערשטן געטורער, פון באַריטענע פערד, פון ערשטן הילך פון א שאָס אין דער לופט, אפילו פון א הויכן פּאָליציאַנטן־געשריי, נאָר פאַרגעסנדיג, אַז היינט רעגירט עמיץ אַנדערש אין דער גאַס, אַז דער ערשט־נישט־לאַנג אַליין הערשנ־דער פּאָליציאַנט איז באַפאַלן! און נאָך אַן אַנדער סאָרט מענטשן גייען... איינציגווייז גייען זיי, שטיל ווי גנבים, אויסקוקנדיג

ווי דאָס ערגסטע אומרואיגע געוויסן און מיט בליצן פון שלאַנגען־ציפט אין די אויגן — אגענטן פון דער אַלטער אָרדנונג גייען...

עס הערט זיך געזאנג, עס באווייזט זיך א רויטע פאָן, עס ווערט א געשריי: היטלען אראָפּ! און דער מענטש פון דער מאסע, פאר ליבשאפט, פאר פרייד און גאנץ אָפט פאר בלויזער געוואוינהייט צו פאָלגן, כאפט זיך צום היטל, נאָר אויב עס איז א קריסט, הערט ער הינטער זיך:

— הויב נישט! עס איז א אידישע פאָן... א אידיש געזאנג!

און איינער פון די אונטערזאָגער גייט צו צו זיין חבר און פרעגט:

— אפשר אָנפאַלן?

— ניין, מיר זיינען צו־ווייניג! הער איך א תשובה.

עס קומט־צו צו מיר איינער א האַלב־לעבעדיגער, האַלב־טויטער איד און פרעגט:

— צי קאָן זיין אין ווארשע א פאָגראָם?

און איך קריג אויף אים, אויפ׳ן האַלב־טויטן האַלב־לעבעדיגן קוים אָטעמענדיג וואַרשעווער איד, רחמנות און זאָג אים: ניין.

— זיכער? — גלאָצט ער אויף מיר די אויגן אויס.

— זיכער. דער הונגעריגער פּראָלעטאריאט איז אן אנטוויקלטער; די צאָל פון לומפּענפּראָלעטאריאט — קלענער. דער געווערבמאַן טרינקט פיל ווייניגער, צו די געהיימע אגענטן האָט מען קיין צוטרוי נישט, און הער! מען שרייט: יעדנאָשטש! ניעך זשיע יעדנאָשטש! אויסערדעם — צוויי גרויסע אנטיסעמיטן האָבן אויף א וויץ פארזיכערט, אז עס וועט נישט זיין, זייער אנטיסעמיטיש ערן־וואָרט געגעבן...

און עס קומט אין אים אריין א חיות, א ניי לעבן, דאָס פּנים שיינט, די אויגן לייכטן, ווער איך פּלוצלונג בייז אויף אים און זאָג:

— און אפשר יאָ... קיין נביא בין איך נישט!

און ער איז צוריק האַלב־טויט האַלב־לעבעדיק געוואָרן. ער שטאַרט! עס פאַלט...

אפשר פאַרבעטן אים צום זעלבסט־שוץ?

רויטע פענער — מאַסן באַגייסטערטע פּנים'ער, פלאַמענדיגע אויגן — העלדן... אייערע און אונזערע צוזאַמען! יעדנאָשטש!

און אין מיר אָרימען, נאָך לעבעדיגן איך דרייט אין אַלטן קראַנקן האַרץ די פראַגע:

— צי וועלן זיי מיר אויך העלפן?

עס גייען פאַרטייען נאָך פאַרטייען, פענער נאָך פענער—מיינע, ביז אין דער לעצטער מינוט היים־געליבטע פענער: פרייהייט! אַכט־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג! עס לעבע דער פּראָלעטאַריאַט... און דאָך איצט, אין דער מינוט, ווען פּאָגראָמען שוועבן אין דער לופט זיינען זיי מיר נישט אַזוי היימיש, נישט אַזוי היים געליבט... דאָס איז מיר איצט פיל צו־ווייניג!

צוויי גייען פאַרביי און איינער פון זיי לערנט דעם צווייטן:

— דער קלאַסן־קאַמף מוז זיך אַריינמישן אין נאַציאָנאַלן קאַמף, נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי ווייט עס אינטערעסירט דעם קלאַסן־קאַמף — — —

ווי ווייט עס קאָן אינטערעסירן האָב איך נישט געהערט. עס האָט א דונער געטאָן: יעדנאָשטש! הייזער ציטערן...

איך אָבער ציטער אויך...

מיין טאָן איז נישט געפעלן געוואָרן. „סטייטש אין היינטיגן מאָמענט, ווען די וואַנט פאַלט, די טירן פון תפיסות סקריפּען און ווילן זיך עפענען, און וועלן זיך היינט־מאָרגן עפענען, ווען די צייטונגען גייען אַרויס (אין די רעזידענצן) אָן „דאָזוואָלענאָ צענזוראָי", ווען צען מאָל אין טאָג פאַרזאַמלען זיך מיטינגען, און

מען רעדט וועגן אַלץ פראַנק און פריי אין די אויגן פונ'ם אַלטן טשינאָווניק... היינט רעדסטו פון קאַפּעליושן?"

רבותים, זייט מיר מוחל... זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב מיינע אויגן, און אויף זיי מיינע אייגענע ברילן און קאָן נישט, און וויל נישט זען אויף אייערע אויגן, קל וחומר — אויף אייערע ברילן! און אַז איך זע אין דער לופט אומשוועבן קאַפּעליושן— מוז איך געבן א משל מיט א קאַפּעליוש... און אין דער לופט זע איך שווימען ארום קאַפּעליושן אָן קעפּ, אָן מענטשן... א טראַגי־קאָמעדיע זע איך, א פּורים־שפּיל!

אין קאָפּ דרייט זיך מיר, ווי פליגל פון א ווינט־מיל, רעסקריפּטען, מאַניפעסטן, מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, סאַמע גוטע זאַכן, און פול בין איך „גאַלגען־הומאָר"... איך זע אַז עולם גייט אין באָד, זיך כלומרשט אָפּוואַשן, און האָט אפילו א בעזימל צום שמייסן זיך אין די הענט, נאָר אָן פרישע וועש! ארויסגייענדיג פון דער היץ, פון פלוצלונגדיגן התלהבות, וועט ער צוריק אין אַלטן העמד, אין דער אַלטער ברודיגער וועש... א נייער טאָג, זאָגט איר, —איר גלויבט, און איך גלויב נישט! צי האָט איר דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פון מיר אמונה?

און נישט איר אַליין, לעזער, פאַרלאַנגט אמונה...

די אַלטע וועלט, וועלכע איר האָט שוין, ווי אייך חלומ'ט זיך, אין קבר אַריינגעלייגט, מיט ערד באַשאָטן און איר ווי עס דאַכט זיך אייך גייט צוריק פון דער לויה און רייסט גראָז און וואַרפט צוריק אויפ'ן קבר — די אַלטע וועלט האָט פאַרלאַנגט אמונה...

אויף א הויכער פּאָלקע פון האָלץ־ווערים צעפרעסענעם שראַנק איז געשטאַנען אַן אַלט דריי־פערטל אויפגעגעסן ספר, און האָט פאַרלאַנגט אמונה, אַז איר לעבט נאָך אין זיין צייט, און דאַרפט אייך נאָך פירן לויט זיינע עצות...

דער רב און דער צדיק האָבן פאַרלאַנגט אמונה, אַז פאַר זיי איז אָפן דער הימל, וואָס איז פאַרשלאָסן פאַר אייך... דער דאָק־

טאָר, ביים בעט פון קראַנקן, האָט פאַרלאַנגט אמונה אין זיינע סודות, אין זיין באַהאַלטענער קבלה־מעדיצין, וואָס ער טאָר נישט אויסזאָגן, נישט דעם קראַנקן, נישט זיינע נאָענטסטע קרובים. דער סוחר בכלל, דער רייכער און דער קאַפּיטאַליסט בפרט, האָבן פאַרלאַנגט אמונה, אַז יעדער גראָשן איז ערלעך פאַרדינט; דער ביוראָקראַט האָט אודאי פאַרלאַנגט אמונה! איר מוזט אים גלויבן, אַז ער ווייסט אַלץ, טוט אַלץ צו אייער בעסטן, בפרט ווען איר באַצאָלט דערפאַר, און קוים האָט איר אָנגעהויבן מסופק צו ווערן, איז ער, גאַנץ ערלעך, בייז געוואָרן און אַז א טאַטע ווערט בייז, שמייסט ער; פון דעם האָט נאָך שלמה המלך געוואוסט...

און אויב די ניי־געעפנטע וועלט פאַרלאַנגט אויך אמונה, זאָג איך אייך, אַז די נייע וועלט איז קיין נייע נישט, אַז דאָס איז א מלמד, וואָס האָט זיך פורים לשם מצוה, איבערגעפּעקלט אויף גוי'איש, פון רעכטס אויף לינקס, און געמיינט, אַז מען וועט אים נישט דערקענען...

ווארום נישט נאָר איר, לעזער, פאַרלאַנגט אמונה...

די באַלעבאַטים, וואָס פאַרפּלייצן די מיטינגען און הערן אויס די זיסע רייד פון פּאָסטעמפּאָווער דעמאָקראַטיע, וואָס בליט אַלץ אויף גערעכטיגקייט; די פייערדיגע אויסגעשרייען פון דער נאַראָ־דאָווער־דעמאָקראַטיע, וואָס טראָגט די ווייסע פאָן; די שטעכע־דיגע, בייסנדיג־ברענענדיגע רייד פון פּראָלעטאַריאַט־רעדנער און נאָך און נאָך אַלערליי פאַרשיידענע רעדעס און פּאַטשט נאָך יעדער רעדע „בראַוואָ"! וויל אויך, מען זאָל איר גלויבן; גלויבן, אַז זי האָט: ערשטנס פּאָליטישע איבערצייגונגען, צווייטנס בלויז געפיל פון גערעכטיגקייט כאָטש זי באַנוצט זיך מיט'ן אַרבעטער־בלוט פאַר אירע צוועקן און דריטנס, אַז זי האָט באמת אהבת נפש ליב דעם סטרייקנדיגן פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטייט פאַר איר און פּאַטשט זי און שמייסט זי מיט אייזערנע ריטער און שפּייט איר נאָך דערצו אין פּעטן פּרצוף אריין...

און די רעדנער, די פּאַרטייען־פאָרשטייער?

אַט שטעלט זיך אויף א אידל מיט וואָנצן און שיט פייער און

פלאַם, ער זאָגט, אַז ער איז אַ געבוירענער פּאָליאַק, אַז אין דער שטוב, וואו זיין וויג איז געשטאַנען, האָט מען גערעדט פּויליש, אַז דאָס ערשטע לידל, וואָס ער האָט געהערט איז געווען אַ פּויליש לידל — אַז זיין גאַנץ פאַרלאַנגען, דאָס ציל פון זיין גאַנץ לעבן, זיין איינציגע האָפנונג איז צו פאַרדינען דעם טיטל: „אַביוואַטעל פּאָלסקי"...

און דערביי פאַרלאַנגט ער אַ קלייניגקייט; ער פאַרלאַנגט, אַז איך און די אַלע, וואָס זיינען געזעסן ביים טיש פאַר דער פּרעסע, און דאָס גאַנצע פּובליקום אין סאַלאָן פון פילהאַרמאָניע זאָל האָבן אין אים אמונה, און גלויבן אים, אַז ער רעדט אין נאָמען פון „בונד", אַז דער „בונד" האָט'ס געשיקט אַזוי צו זאָגן, אַז זיין פּראָגראַם איז דעם „בונד'ס" פּראָגראַם...

און אַ פאַרטרעטער פון ס. ד., וואָס וויל אפילו קיין באַזונדערע קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג פאַר פּוילן נישט, פאַרלאַנגט, מען זאָל אים גלויבן, אַז ער איז אַזאַ גוטער היים־ברענענדיגער פּאָליאַק ווי דער, וואָס וויל דאָס גאַנצע פּאָליטיש־אויפגעברויזטע, כוואַליעס־שלאָגנדיגע וואַסער צוציען צו זיין מיל עס זאָל דרייען דאָס איינציגע רעדל פון „באָזשע צאָש פּאָלסקי".

און אַ פאַרטרעטער פון פּ. פּ. ס., וואָס וויל אַ קאָנסטיטואירנדיגע פאַרזאַמלונג עקסטראַ פאַר וואַרשע און דערמאָנט נישט אַ וואָרט וועגן ליטע, מאַלאָראָסיע, ליפלאַנד א. ד. ג. פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז ער וויל, ערשטנס, בשום אופן זיך נישט אָפּטיילן פון רוסלאַנד, אַז ער וויל, צווייטנס, גערעכט פאַר אַלע פעלקער אויף דער וועלט און דריטנס, אַז עס איז מעגלעך אַ קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג אין פּעטערבורג, די צווייטע אין וואַרשע און אַז ביידע וועלן אויספירן גראַד דאָסזעלבע, וואָרום דאָס לעבן וועט שוין ווייזן, ווי אַזוי!

און א אידל מיט א נאָז אָלאַ פּינציעוו, אפילו מיט א באָרד, פאַרטרעט די פּוילישע נאַציאָנאַל־פּאָסטעמפּאָווע דעמאָקראַטיע, און זאָגט, אַז די וועלט מוז שטיין אויף פרייהייט און גערעכטיג־קייט גלייך פאַר אַלע, און דעריבער מוז אין גאַנץ פּוילן, וואָס האָט א דריטל אידישע באַפעלקערונג, הערשן נאָר די פּוילישע שפּראַך, קאָנען עקזיסטירן נאָר פּוילישע שולן, און מאַכט זיך אפילו נישט וויסנדיג, אַז דאָס אידישע דריטל, מיט'ן אויסנאַם פון א גאַנץ קליין ביסל אָפּטריניגע, וואָס האָבן איינגעזאַפּט דאָס „פּויליש לידל נאָך אין דער וויג", וויל אידישע שולן, דאָס אנער־קענען פון דער אידישער שפּראַך, וויינינגסטנס אין אייגענע אָפּגע־זונדערטע אָנגעלעגנהייטן, — דאָס משה־רבינו פערדל פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז ער האָט א לאָגישן קאָפּ, אַז גערעכט איז פּויליש פאַר פּאָליאַקן און אומגערעכט—אידיש פאַר אידן...

און אונזער איינער, וואָס בויט זיין ירושלים אויף'ן אידישן נאַציאָנאַליזם, וויל: איך זאָל אים גלויבן, אַז דאָס צעברעקלען פון גרויסן רוסישן לאַנד אויף קליינע לענדער, וואָס מוזן זיך מיט דער צייט אָפּרייסן גאָר אינגאַנצן, וועט נישט צעברעקלען די אידישע מאַסן אין לאַנד, און אַז עס וועט קיינמאָל נישט קומען די צייט, ווען דער ליטווישער איד מיט'ן פּוילישן, וואָס לעבן אזוי אויך נישט אָמבעסטן, וועלן זיך נישט זיין אזוי פרעמד, ווי דער דייטשער איד מיט'ן פראַנצויזישן, און נישט קוקן אויף זיך, ווי קאַץ און מויז!

און אפילו דער טיש פאַר דער פּרעסע, וואָס פאַרלאַנגט גאָר גוואַלדיג דאָס פרייע וואָרט און ווערט שיר נישט משוגע פאַר כעס, אַז מען רעדט געגן לידל „באַזשע צאַזש פּאָלסקי" און טאַפּעט מיט די פּיס, און שרייט ווי אין א דול־הויז: אראָפּ! אראָפּ! פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל! אפילו דער טיש פאַר דער פּרעסע פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז דאָס פאַרלאַנגען די פרייהייט פון וואָרט איז ביי אים אַן ערנסטע און ער מיינט עס פאַר אַלע...

און די, וואָס גייען מיט מיר צוזאַמען אַרויס פון וויען, פאַר־לאַנגען אויך פון מיר אמונה, איך זאָל גלויבן, אַז די רעזאָלוציע פון וויען, מען זאָל פאַרלאַנגען גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אידן,

דארף מיך אינגאַנצן באַרואיגן, כאָטש פאַר דער רעדאַקציע פון „גאָניעץ” שטייט א גרויסער פוילישער פאָלקס־מיטינג און שרייט, צווישן אַנדערע געשרייען: פּרעטש ז זשידאַמי... און כאָטש די שוואַרצע מאה רעגירט פראַנק און פריי איבעראַל, אידישע פּאָגראָמען צעפּלייצן זיך אומעטום און — צוויי פוילישע גמינעס האָבן שוין פאַרלאַנגט מען זאָל אַרויסטרייבן די אידן...

און אַלע באַלעבאַטים, זייערע און אונזערע, פאַרלאַנגען פון מיר אמונה, אַז עס איז א יושר דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ברענען, און זיי זאָלן אויפ'ן לעבעדיגן פייער בראָטן גע'גזל'טע קאַרטאָפל; אַז עס איז א יושר דער אָרימער אַרבעטער זאָל זיין אין דער פינצטערער נאַכט א לעבעדיגער שטורקאַץ, ביי וועלכן זיי וועלן ציילן זייער גערויבעוועטע געלט און אונטערשרייבן זיינע פאַרשווינ־דעלטע וועקסלען...

און די וואַרשעווער פּאָליציי וויל, איך זאָל איר גלויבן, אַז דער מאַניפעסט איז מאַניפעסט פאַר איר אויך, בשעת, ווען זי שטעכט און שיסט צו נישט־באַוואָפנטע מענער, אַלטע לייט, ווייבער און קינדער אין די גאַסן... אַז איר גאַנצער מיין איז, עס זאָל זיין שטיל און רואיג אין גאַס און דעריבער מוז זי שטעכן און שיסן; בשעת ווען זי לאָזט דורך פראַנק און פריי די גרעסטע מאַניפעסטאַציעס פון דער שוואַרצער נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע...

און פּעטערבורג פאַרלאַנגט, אַז דער מאַניפעסט, וואָס מען האָט באַקומען דורך געשרייען, פּראָטעסטן און סטרייקס, קאָן דערפילט ווערן ערשט דעמאָלט, ווען די געשרייען, פּראָטעסטן און סטרייקס וועלן אויפהערן! דאָס גאַסן־גערודער שטערט דער רעגירונג ביי דער אַרבעט!

זאָל האָבן אמונה ווער עס האָט... איך האָב נישט, און ווייל איך האָב נישט, שרייב איך פעליעטאָנען פון קאַפּעליושן... פון קאַפּעליושן אָן קעפּ, אָן מענטשן.

אוים! מער פיר איך מיט דער אַלטער רעגירונג קיין מחלוקת נישט.

כל זמן די אַלטע רעגירונג, וואָס וויל בשום אופן נישט אַלט

ווערן, האָט מלחמה געהאַלטן מיט מאַניפעסטן, איז געווען אַ געשעפט צו ענטפערן מיט לייט־אַרטיקלען, פעליעטאָנען — מיט אַלערליי ליטעראַרישע מאַניפעסטן, און — שרייבן קענען מיר בעסער! האָט איין זייט געגעבן זיך קרעדיט, האָט די צווייטע קורץ און שאַרף געענטפערט: לאו! האָט איין צד געזידלט: פאַרחלומ'טע קעפּ, דעמאַגאָגישע אונטערהעצער וכדומה, האָט דאָס צווייטע געענטפערט: שטאַר־קעפּ, אינטריגאַנטן, שווינדלער, פּראָוואָקאַטאָרן! אויפ'ן פּאַפּיר האָבן מיר שטענדיג די אוי־בערהאַנט געהאַט; דערצו האָבן מיר געשיקטערע הענט, שאַרפערע צונגען און אַ פרייערן סטיל. נישט אומזיסט זיינען מיר טינט־און־פעדער לייט! אַצינד האָט זיך אָבער די אַלטע רעגירונג מישב געווען און האָט צוריק אַרויסגענומען און אָנגעשפּאַרט דאָס אַלטע כלי־זין; קריגס־צושטאַנד, קאַלבעס, שטיקעס, אַרעסטן, פאַרשיקערייען, קריגס־געריכטן — אויף דעם איז שוין מיט טינט און פעדער נישט צו ענטפערן! זאָל זי קומען אויף אַנדערע הענט, און מיר, מיר עצה־פעדער און טינט־און־פעדער־לייט וועלן זיך דערווייל באַשעפטיגן מיט כשר'ע, שטילע היימישע געשעפטן — ביז דער צאָרן וועט אַריבער! ביז דער הימל וועט זיך אויסלייטערן און די שטילע אַרבעט פון אונטער דער ערד וועט צוריק אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין.

און היימישע געשעפטן האָבן אויך דאָס רעכט אויף אויפ־מערקזאַמקייט.

און היימישע געשעפטן פעלן נישט.

די קאָמיסיע, וואָס איז געזעצט געווען ביים וואַרשעווער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר, אום אויסצואַרבעטן דאָס נייע געזעץ פון אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג (זאַרזשאָנד מיעיסקי — גאָראָדסקאָיע סאַמאָ־אופּראַוולעניע) אין פּוילן, און וואָס האָט איבערגעריסן איר אַר־בעט ביים ערשטן אויסרופן פון קריגס־צושטאַנד, — די קאָמיסיע האָט אַצינד צוריק אויפגענומען איר אַרבעט און האָט שוין אויפ'ס ניי עטלעכע זיצונגען געהאַט.

אויף דער לעצטער זיצונג איז געשטעלט געוואָרן די פראגע: אין וועלכער באַציאונג דאַרף שטיין דאָס אידיש־פּוילישע קהל צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג? און ביידע אידן, וואָס זיצן אין קאָמיסיע, צוויי פייערדיגע זיילן פון דער פויליש־אידישער אסימילאַציע, האָבן אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די אידישע געמיינדע דאַרף אין קיין באַציאונג נישט אונטערפאַלן דער שטאָט־פאַרוואַלטונג; אַז די אידישע געמיינדע דאַרף זיך פירן באַזונדער, עמאַנציפּירט פון אַלגעמיינע שטאָט־זאַכן. אַזוי אויך דאַרפן באַפרייט ווערן אַלערליי צדקה־חברות און — וואָס דער עיקר איז — די מיינונג איז פון דער קאָמיסיע אָנגענומען געוואָרן. עס פּראָפּאָנירט זיך נאָך: דער וואַרשעווער דאָזאָר זאָל שטיין אין דער שפּיץ פון אַלע עמאַנציפּירטע פּראָווינציעלע דאָזאָרן, אָפענער געזאָגט: עס ווערט פאַרגעלייגט א פרייע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אידישע געמיינדעס אין פּוילן מיט וואַרשע אין דער שפּיץ.

זעט איר נאָך א מאָל, אַז א „אידיש קישקע קען מען ווירקלעך נישט שאַצן", אסימילאַטאָרן אין א רעגירונגס־קאָמיסיע פאַרלאַנגען א פרייע אידישע פּאָלקסטימלעכע אָרגאַניזאַציע און ווען אפילו אָן א „געזעצגעבנדן סעים"!

נאָך צי דערלויבט דערויף דאָס הערשנדע געזעץ וועגן אידישע געמיינדעס?

דאָס הערשנדיגע געזעץ איבער אידישע געמיינדעס דערלויבט אַלץ און גאָרנישט; געשווינדער — גאָרנישט, ווייל דערוויילע איז נאָך געגן געזעץ אַלץ, וואָס דאָס געזעץ האָט נישט אויסדריקלעך דערלויבט, און דאָס געזעץ, פון וועלכן מיר רעדן, איז זייער אַלט, זייער קנאַפּ און — ווי אַלע אונזערע געזעצן — געלאַטעט און דורך נישט־געשיקטע הענט.

איבער דער גאַנצער צייט, ווען דאָס לעבן האָט זיך אַזוי געוואַלטיג געענדערט, האָט זיך די רעגירונג מיט די אידישע גע־

מיינדעם כמעט נישט באַשעפטיגט. און אַזוי ווי מען קען לאַנג די קינדער־שיך נישט טראָגן, האָבן די אנטוויקלטערע געמיינדעס (וואַרשע, לאָדז...) לאַנגזאַם, יעדעס מאָל מיט א ספּעציעל דער־לויבעניש פון מאַגיסטראַט, זייערע אַטריבוציעס (רעכטע) פאַר־שפּרייט, פאַרטיפט. און וואָס מען האָט באַקומען, שוין פעסט געהאַלטן אויף שפּעטער און ווייטער אנטוויקלט. מיט דער צייט האָט די געמיינדע זיך אויפגעהערט צו פאַרלאָזן אויפ׳ן געזעץ און דער איינציגער מאָטיוו אין אַלע פאַפּירן צו דער רעגירונג איז געוואָרן; היות, ווי דער מנהג איז... אויף רוסיש הייסט עס „פאָ פּרימערו פּריעזשניך ליעט".

אַצינד אַז דאָס אַלטע און פאַרשימלטע שווימט אָפּ און עס אָרגאַניזירט זיך, אויף דער גאַנצער דערווייליגער רעאַקציע נישט קוקנדיג, א ניי לעבן, וואָס מוז האָבן נייע פּאַסנדיגע געזעצלעכע פאָרמען, בלייבן די אידישע געמיינדעס אדם־נאַקעט, און עס איז נויטיג א ניי געמיינדע־געזעץ, וואָס זאָל פּאַסן צו די נייערע לע־בענס־פאָרמען. און ווירקלעך: דער וואַרשעווער דאָזאָר האָט אַרויסגעזעצט א קאָמיסיע פון עטלעכע פאָרשטייער, אויסצואַר־בעטן א נייעם געזעץ־פּראָיעקט פאַר די אידישע געמיינדעס אין פּוילן.

דערפאַר וואָס דער וואַרשעווער דאָזאָר שלאָפט נישט, קומט אים א שיינער דאַנק, פון דער צווייטער זייט אָבער, איז א פּראָ־יעקט פאַר אידישע געמיינדעס, וואָס וועט אויסגעאַרבעט ווערן פון היינטיגן וואַרשעווער דאָזאָר, פאַר׳ן אידישן נאַציאָנאַל־לעבן, א ביסל צו געפערלעך.

די היינטיגע פאָרשטייער, אַלס פּאָליטיש־ערלעכע לייט, טאָרן נישט פאַרגעסן:

1) אַז דער אוסטאַוו דאַרף זיין נישט פאַר וואַרשע אַליין, נאָר אויך פאַר דער פּראָווינץ. נאָך מער: אַז די פּראָווינץ איז מער פאַראינטערעסירט דערינען, ווייל זי דאַרף אונטערפאַלן וואַרשע.

2) אַז זיי, די היינטיגע פאָרשטייער, זיינען אויסגעוויילט געוואָרן, לויט א זייער אַלטן, היינט שוין, אפילו אין רוסלאַנד.

נישט פאסנדיגן וואל־רעכט, וואָס האָט געגעבן די דעה נאָר, פאַר־העלטניסמעסיג פאַרמעגלעכע לייט.

3) אַז געוויילט זיינען זיי געוואָרן נאָר צום פאַרוואַלטן מיט דעם וואָס עקזיסטירט שוין: חשבונות צו פירן, הכנסה והוצאה צו מאַכן, נעמען געלט און געבן געלט און לויט א באַקאַנטן און באַשטעטיגטן בודזשעט, אָבער נישט אויפצואוואַרפן אויף קהל א נייע לעבנס־פאָרם, פאַרבינדן דאָס אידישע לעבן מיט א נייעם אוסטאַוו. דאָס געהערט צו זייער מאַנדאַט נישט, אויף דעם האָ־בען זיי קיין פולמאַכט פון קיינעם נישט! און אויך —

4) אַז די קאָדענץ פון די היינטיגע פאַרשטייער איז 1905 געענדיגט און ווען נישט דער קריגס־צושטאַנד מיט די אומרועז, דורך וועלכע די געמיינדע־וואַלן זיינען אָפּגעלייגט געוואָרן, וואָלטן מיר פיליכט שוין געוואוסט, אַז די געמיינדע האָט נישט דעם גאַנצן צומרויען צו די רייכע, ערלעכע, טעטיגע, אָבער ווייניג, אָדער גאָרנישט אידיש־געבילדעטע איצטיגע פאָרשטייער...

און אַז עס איז דעריבער א יושר:

צו באַטראַכטן דעם אוסטאַוו צו צורופן די פּראָווינץ און אין וואַרשע אַליין—די ווירקלעך־אידישע אינטעליגענץ. —

טראַ־אַ־אַך!

די דיקע מויערן ציטערן.

גאָט׳ס דונער איז נישט אַזוי שטאַרק. ערד־ציטערניש, וואָלקן־ברוך!

— מאַדאַם!

זי הערט מיך נישט. זי ציטערט, די פינגער אין די אויערן, די אויגן שטאַר, דאָס געזיכט אָן א טראָפּן בלוט, א דיקער טראָפּן שוויים אויפ׳ן שטערן, זי פאַלט טיף אריין אין פאָטעל.

— וואַסער! — רוף איך, נאָר מיין שטימע ווערט פאַרדעקט מיט דריי געדיכטע סאַלוטן.

דאָס שיסן האָט זיך שוין נישט געהערט.

דער קערפּער איז ווי אָפּגעשטאַנען; אַ לײכטער שווידער לעשט זיך אויס ביי די פאַרבלאַסטע ליפּן.

און נאָך אַ גאַנצער שטונדע, אַז זי איז קוים צו זיך געקומען, האָט זי, מיט אַ טרערן־אָנגעזאַפּטער שטימע, געפרעגט:

— וואָס איז עס?

— קריג, מאַדאַם!

— אָבער דער האַס! פון וואַנען נעמט זיך דער האַס?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— איר ווילט ליבשאַפט, מאַדאַם?

— ליבשאַפט, באַרעמהערציגקייט... האַרמאָניע...

— גוטע זאַכן, מאַדאַם!

האַרמאָניע, מלאכים־געזאַנג, הימל־שפּיל...

— ווי איז אָבער, מאַדאַם, אַז אַ פרעכע האַנט האָט די האַרמאָניע איבערגעריסן? אַז אין מיטן הייליגן ברידערשאַפט איז אימיצער געשעדיגט געוואָרן, בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן — דאַן, מאַדאַם...

— וואָס דאַן? — פרעגט זי מיט נאָך־נישט באַרואיגטע אויגן, נאָר שוין מיט עטוואָס געטרויסטלטע ליפּן.

— דאַן, מאַדאַם, איז די ליבע, די באַרעמהערציגקייט, דאָס אַלץ־פאַרצייענדיגע ברידערשאַפט אַ פאַרברעכן!

— אַ פאַרברעכן?

— געוויס, לאָזט זי, די ליבע, הערשן, די ווייכע, פאַרטרערטע, אייביג קושנדיגע ליבע, וועט קיין ווייץ און קיין קאָרן נישט וואַקסען; זי וועט נישט לאָזן אויסרייסן די דערנער, און זיי וועלן פאַרדעקן דאָס פעלד. עס וועלן קיין פרוכט־ביימער נישט אַרויס. עס וועלן קיין בלומען אין קיין גאָרטן נישט שפּראָצן, ווילדע פלאַנצן און לערע ביימער וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ. „ריר זייען!“ [illegible] די [illegible].

און צעוואַקסן וועלן זיך אויך נאָר די מענטשן־דערנער. די ווילדע מענטשן־פּלאַנצן... און פּאַר גוטע, און פרומע, און ער־לעבע וועלן שטיין תּליות אין די גאַסן, וואָס וועלן געוואַשן ווערן מיט'ן ערלעכסטן בלוט... „ריר נישט!" זאָגט די ליבע.

און ביי די תּליות וועט זי שטיין און מיט די גוטע, און פרומע, און איידעלע וידוי זאָגן און פאַרשפּרעכן, וואָס איר ווילט אויף יענער וועלט... די וועלט אָבער וועט זיך אייביג באָדן אין בלוט, אין בלוט פון די בעסטע, פון די שענסטע, פון די העכסטע...

— אַך, גאָט! — רופט זי אוי סדערשראָקן, און פאַרשטעלט די קוים־אויפגלאַנצנדיגע אויגן מיט די מאַרמאָר־ווייסע הענט.

— גאָט, מאַדאַם, האָט זיינס געטאָן. ער האָט אויסער ליבע נאָך עפּעס באַשאַפן.

— וואָס?

— דאָס, וואָס איר רופט האַס און איז ווירקלעך נישט מער, אַלס גערעכטיגקייט!

דאָס פרעכע אינסטרומענט, וואָס האָט שלעכט אַריינגעבלאָזן אין דער מענטשלעכער סימפאָניע, מוז פאַרשטומט ווערן... די האַרמאָניע, וואָס איז צעשטערט געוואָרן מיט געוואַלט, מוז צוריק־געשטעלט ווערן מיט געוואַלט!

זי נעמט די הענט פון די אויגן אַוועק.

— און דאַן? — פרעגט זי — אַז זי וועט צוריקגעשטעלט ווערן?

— דאַן, אויב עס וועט אַמאָל געשען, זאָל הערשן די ליבע!

די וועלט, ווי געזאָגט, איז די אַלטע...

עס האָבן זיך נאָר געענדערט די אויסרופן, די קלינגענ־דיגע ווערטער, די אַרט, לויט וועלכער יעדער פּאַרטיי־מענטש, יעדער פּאַרטיי־קאָמי־וואָיאַזשער רופט אין זיין געוועלבל אַריין,

איז פאַרענדערט געוואָרן — דאָס פּאַרטיי־מאַטעריאַל — דער מ ע נ ט ש האָט זיך נ י ש ט געענדערט...

און ווייל דער מענטש האָט זיך נישט געענדערט, וויל ער, מען זאָל אים ג ל ו י ב ן! ווער עס האָט אַ לערע קאַסע, מוז לעבן אויף קרעדיט! מוז אונטערשרייבן וועקסלען, און גאַנץ אָפט — פאַלשע וועקסלען, וועלכע ער האָט גאָר נישט בדעה צו צאָלן!

איך רייד שוין נישט פון דער ביוראָקראַטיע (שפּייט אוים דריי מאָל!), וואָס ב א ר ו א י ג ט דאָס פאָלק מיט פּאַנ־ראָמען... פון שטאַטסמענער, וואָס צעטיילן צווישן פרייהייטס־הונגעריגן פאָלק מעניו־צעטל, וואו עס ווערן אויסגערעכנט אַלערליי מאכלים טובים, און רעכענען גאָר נישט צו דערלאַנגען, און דעקן אפילו נישט דעם טיש, און הייצן אפילו נישט אונטער די קיך...

איך רייד גאָר פאַרקערט פון צד שכנגדו... זאָלן די שטאַרבנדיגע באַגראָבן זייערע טויטע. איך רייד פון לעבעדיגע, פון די, וואָס גייען אַטקעגן דעם נייעם לעבן און רופן עס אַרויס פון אַלטן ביוראָקראַטישן תוהו ובוהו, פון די, וואָס רופן אַלע פינף מינוט „לחיים!" און נישט איבער'ן בעכער פון ביוראָקראַטישן בלוטיגן וויין, נאָר לחיים קאָנסטיטואַנטע, לחיים דעם אַכט־שטונדיגן אַרבעטס־טאָג און — לחיים וואַרשעווער קאָנסטיטואַנטע!

פון פּ. פּ. ס. רייד איך.

פּ. פּ. ס. פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז דעמאָלט, ווען עס וועט אויסגעפירט ווערן איר פּאָליטישער פּראָגראַם וועט זיין פריי, אַלעם פריי, יעדעם פאָלק, אפילו יעדע איינצלנע אינ־דיווידואַליטעט; — „מיר — זאָגט מאַדאַם ס—קי, די געוועזענע ג—ע, מיט איר קלינגענדיגער, אַריינשלייכנדיגער שטימע, — מיר, פּ. פּ. ס., אַז מיר וועלן זיגן, וועלן נישט זיין אַזוי קליינליך, אַזוי איינגהאַרציג עמיצן אין זיינע געוואוינהייטן צו שטערן, מיט געוואַלט זיין געשמאַק צו ענדערן, זיין פריי־וואָרט צו

שמעלן" — און דער מיטינג־זאַל, דער פּ. פּ. ס. עולם פּאַטשט: בראַוואָ! עס הייסט: אודאי! און אויף דעם זעלביגן מיטינג ענדערט דאָס פּרעזידיום פון פּ. פּ. ס. מוטוויליג די רייע פון די אויסגעטיילטע שטימען... רוקט אָפּ די נישט פּ. פּ. ס. שטימען וואָס ווייטער און ווייטער, און בשעת עס לאָזט די פּ. פּ. ס. לייט ריידן, ווי לאַנג זיי ווילן, כאָטש די אויערן אין זאַל ווערן געשוואָלן, באַגרעניצט זי די צייט פאַר נישט פּ. פּ. ס. רעדנער...

פּ. פּ. ס. פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז דער נאַציאָנאַל־קאַמף איז גאָרנישט, כמעט גאָרנישט. דער עיקר איז דער קלאַסנקאַמף, וואָרום די ערשטע „פּ" פון פּ. פּ. ס., די נאָל, וואָס שטאַרט פון זאַק אַרויס, איז, אויב נישט נאָר לנוי, כלל וכלל נישט לתשמיש, עס גייט נאָר וועגן דעם, וואָס די „סמך" מוז באַצייכענען די גרעניצן פון טעריטאָריום, פון דעם פּלאַץ, וואו דער פאָלק, וואָס איז נישט מער אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַריער־אַרמיי שטייט! און דער פּאַראָל איז: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך! וואָרום דאָס בלוט־פאַר־באַנד, דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, איז ביי אים פיל שוואַכער אַלס דער קלאַסן־פאַרבאַנד — די סאָלידאַריטעט פון אַלע פּראָלעטאַריער, — און דאָך וויל זיך פּ. פּ. ס. אויף קיין פאַל נישט אויסגלייכן מיט ס. ד. און „בונד", וואָס פאַרלאַנגען עס זאָל זיין איין קאָנסטיטואַנטע אין פּעטערבורג פאַר אַלע פּראָווינצן, וואו אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען וועלן זיך צוזאַמענהאַלטן און אויסרייסן פון ביוראָקראַטישן האַלז די גאַנצע, פאָלקאָמענע פריי־הייט פאַר אַלע פעלקער, די ווייטסטע אויטאָנאָמיע פאַר פעלקער טעריטאָריאַלישע און אַ קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר עקס־טעריטאָריאַלע פעלקער! און פּ. פּ. ס. פאַרלאַנגען, נישט קוקנד אויף דעם, וואָס זיי שעדיגן די פאַראייניגונג פון פּראָלעטאַריאַט, אויף אָרט־און־שטעל אַן עקסטראַ קאָנסטיטואַנטע פאַר פּוילן, גאַנץ גוט וויסנדיג, אַז אויב די פּראָווינצן, וואָס רייסן די בלוטיגע פעדים, מיט וועלכע די געוואַלט האָט זיי צוגענייט צום אימפּע־ריום, וועלן זיך אָפּטרענען צו פרי, ווערט אין די אינערע גובערניעס

דער פּראָלעטאַריאַט, צוזאַמען מיט די ראַדיקאַלן און ליבעראַלן, ווערן אַזוי אָפּגעשוואַכט, עס וועט זיך אפילו נישט לוינען אַרויסצושטעלן קעגן זיי עטלעכע כוליגאַנעס...

איך פערזענלעך האָב אויך גאָרנישט דאַגעגן, וואָס דאָס בלוט פּולסירט אָפּט שטאַרקער און דאָס נאַציאָנאַלע געפיל רופט העכער, אַלס עס ווילט זיך אַמאָל דעם טעאָרעטישן גענאָסן פון פּ. פּ. ס.! נאָך וואָס אָבער פאַרלאַנגען פון מיר גלויבן אין דעם, אין וועלכן ער גלויבט אַליין נישט?

פּ. פּ. ס. פאַרלאַנגט נאָך קרעדיט אויף עפּעס אַנדערש: עס וויל מיר איינריידן, אַז עס האַלט מלחמה נישט נאָר מיט דער פינצטערער נאַראָדאָווער דעמאָקראַטיע, נאָר אפילו מיט'ן קלויסטער שלאָגט עס זיך! וואָרום נישט נאָר די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע וויל טאַנצן איר איינן טענצל אויף די שאַנצן פון דער אַלטער פעסטונג, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט איינ־גענומען מיט הונגער, שוויס און בלוט, נאָר אויך די גייסט־לעבקייט וויל אַריינשטעקן איר פּאָן אויף דער שאַנץ. — „אַוועק מיט'ן קלויסטער!” רופט פּ. פּ. ס. און ווייטער: „לעבן זאָל דער רעדנער!” די פילהאַרמאָניע ציטערט! וואָרום באמת, „די ליבשאַפט, דאָס ברודערשאַפט, וואָס דער גלח פּרעדיגט, איז נאָר אַ הוילער, פּוסטער קלאַנג! — זאָגט ווייטער דער רעדנער, — דאָס איז די פאַלשע שלאַנג, וואָס וויל פאַרזינדיגן דעם פּראָלע־טאַריאַט, ער זאָל נישט קאָנען קומען אין זיין גן־עדן אַריין”... און נאָכאַמאָל: בראַוואָ! הענט ווערן געשוואָלן, פּ. פּ. ס. ברילט ווי אַ לייב! און פּלוצלונג, שאַ! עס ווערט שטיל אין זאַל, ווי אויף אַ בית־עלמין, די פאַרשוויצטע פּנים'ער ווערן פאַרקלערט, די אויערן שפּיצן זיך און ציען זיך ווי קעגן שופר של משיח, די אויגן ווערן פול האָפנונג, פרייד, תענוג און שטראַלן מיט אַ וואונדערלעכן גלאַנץ פון אונטערגעבנקייט און ערע... וואָס איז? ווער רעדט, וואָס מען הערט'ן אַזוי? ווער רעדט, וואָס זיינע רייד צעגיסן זיך אַזוי אין די הערצער, אין די העלדן־הערצער פון פּ. פּ. ס.? עס רעדט אַ גלח, אַ מניח! און פון וואָס רעדט ער? פון דער זעלבער קלויסטער־ליבע, וואָס איז

ערשט נישט לאַנג אויסגעלאַכט געוואָרן, געטויט און באַגראָבן געוואָרן?

און פּ. פּ. ס. פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז זי מיינט מיך אויך, אַז מיך, מיך אָרימען איד וועט עס אויך פאַרזאָרגן; אפילו אין די ביכלעך פון פּ. פּ. ס. ווערט געשריבן, ווערט געדרוקט. אדרבא, אידן זיינען אויך מענטשן! אין דער שפּיץ פון פּ. פּ. ס. שטייען, ברוך השם, אַ סך, אַ סך אידן און אידענעס... אויף אַכט אָפיציעלע פּאַרטיי־רעדנער — זעקס געבוירענע אידן און אידענעס!

רבונו של עולם, — טראַכט זיך נישט איין אידישער פּראָ־לעטאַריער אין זאַל, — נאָך וואָס זאָל עקזיסטירן דער בונד? נאָך וואָס טיילן זיך?

און פונדעסטוועגן, פונדעסטוועגן איז דאָס וועקסל, וואָס פּ. פּ. ס. שרייבט פאַר אונז אונטער, נישט קיין רעכט וועקסל... דאָס איז אַ באַנקנאָט, וואָס די קאַסע פון פּ. פּ. ס. קאָן נישט און האָט גאָר בדעה נישט צו צאָלן...

ערשטנס — ווערט דער באַנקנאָט געוויזן נאָר אונטער פיר אויגן... אין דער רעזאָלוציע ווערן מיר נישט דערמאָנט! די פיינסטע און שטאַרקסטע רעדנער, וואָס ריידן פון פעלקער־באַפרייאונג, האָבן, אויסרעכענענדיג אַלע פעלקער, וואָס פּ. פּ. ס. וועט און מוז באַפרייען — מיך נישט גערעכנט, מיין פּאָלק נישט דערמאָנט... און, ווי געזאָגט, נישט נאָר פון פּראָלעטאַ־רישע אינטערעסן איז גערעדט געוואָרן! סיעראָשעווסקי האָט גערעדט, און מיט באַגייסטערונג גערעדט, וועגן דער גרויסער און פיינער ראָלע פון נאַציאָנאַליטעטן און ווייטער מיך און מיין נאַציאָן נישט דערמאָנט. איך גלויב זיין הארץ! עס איז גוט, עס איז ווייך, עס איז ערליך און דערהאָבן, נאָר ליפּן האָט ער וואונדערלעכע: זיי קאָנען דאָס וואָרט אידישע נאַציאָנאַליטעט, אויב עס הויבט זיך אויף פון הארץ, נישט דורכלאָזן, עס וועט ערגעץ פאַרלוירן אין דער הייל פון מויל, אין אַ לאָך פון אַ שלעכטן צאָן, אָדער דערשטיקט אין האַלז...

איך גלויב נישט פּ. ס. און גלויב נישט טאַקע דעריבער, ווייל עס האָט צווישן די פאָרשטייער אַזוי פיל אידן פון געוויסן סאָרט, און צווישן די אָפיציעלע רעדנער אַזוי פיל פון די זעלבע אידן! ווייל איך קען די אידן, איך קען די אַלטע קנעכט, די אַלטע פאָלקס-פאַרקויפער, נאַציאָנאַל-הענדלער — די אַלטע אַסימילאַטאָרן!

די גרעסטע ווייבערישע זייל, אויף וועלכער דאָס היילינגטום פון פּ. פּ. ס. הויבט זיך, אַ געבוירן אידיש קינד, האָט גערעדט נישט נאָר אין פילהאַרמאָניע, נאָר אויך ערגעץ אַנדערש... און דאָרט האָט זי דערקלערט, אַז זי איז אַ „פּאָלקאַ", ווייל אַ פּאָליאַק איז נישט קיין בלוט-באַגריף, נאָר אַ באַוואוסטזיין-באַגריף; „די, וואָס פילט זיך אַלס פּאָלקאַ, איז עס!" — מיר קענען דעם „געלערטן" הער פּ... נאָר געגנוג מיט נעמען!

דערמאָנען מוזן מיר נאָך איין אידיש געבוירענעם רעדנער ין פּ. פּ. ס., וואָס האָט נאָר דאָס רענדל געטוישט! דער האָט גזאָגט: „חברים, צי איז צייט צו ריידן וועגן פעלקערשאַפטן דעמאָלט, ווען מען רעדט ווערן פּראָלעטאַריאַט?" דעם קענען מיר אויך!... ערגעץ אַנדערש האָט ער אונז געזאָגט: „איך בין מודה, איך האָב צוויי נשמות, איינע אַ פּוילישע און די צווייטע (הערט: די צווייטע!) אַ אידישע"... און ער האָט רעכט דעריבער, וואָס ער וויל נישט ריידן פון דער נאַציאָנאַל-פּראַגע, ער וויל זיך נישט ווייזן פאַר'ן עולם אַלס אומרו, וואָס רודערט זיך אַהין און אַהער, פון איין נשמה צו דער צווייטער! אַלס לעדערנער דישעל, וואָס איין נשמה שלעפּט אַהער און די צווייטע אַהין!

— און הער ד.? איינגנטליך נישט הער נאָר גענאָסע ד.!

עס איז אַן אַרבעטער, אַ אידיש געבוירענער אַרבעטער! אַלס אַרבעטער פרייט ער זיך, און קאָן די פרייד אין זיך נישט באַהאַלטן און מוז די שמאַטע אויפ'ן זאַל אַרויסוואַרפן, — ער פרייט זיך, אַז ער, דער איינפאַכער אָרימער אַרבעטער, האָט די זכיה צו זיין אין פילהאַרמאָניע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן

נאָר פאַר רייכע לייט... דער רעדט שוין אפילו אידיש אויך, דער מוז שוין באַרירן מיך אויך...

„און עס איז — זאָגט ער — אַ אידיש, פּאָליטיש פריי פאָלק געוועזן! נאָר במשך דער צייט זיינען פאַרשיידענע פאַרענדערונגען געוואָרן...”

על כן? צי זיינען מיר אַ פאָלק צי ניין?

קיין תשובה קאָן ער נישט געבן! וואָרום — וואָרום פּ. פּ. ס., ביי וועלכער די „פּ” וואַקסט מיט יעדער סעקונדע אויפ'ן חשבון פון „ס” — האָט קיין צייט נישט צו אַזעלכע נאַרישע פראַגן!...

רבותי, איך גלויב נישט! איך וועל נישט גלויבן פּ. פּ. ס. כל זמן זי וועט האָבן אין זיך אַזוי פיל אידן פון געוויסן סאָרט. אידן יונגע, נאָר אויסגעפּוילטערע, אַלס אונזערע לאַנג געשטאָר־בענע און באַגראָבענע שענקער און פּריצישע פאַקטוירים. א״ איך ראָט אויך דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט: גלויב נישנ דיין אָרט איז אין אַ אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע!

היט דיך — זאָג איך אים — פאַר פּ. פּ. ס. כל זמן ער האָט אויף זיין לייב די אַלטע אידישע אַסימילאַטאָרישע מכה!

וואָס איז די וועלט?

אַ פּאָדערהייזל צו יענער? דאָ גייט מען פאַרביי, דאָרט בלייבט מען.

דאָ אַרבעטן? דאָ ליב האָבן? דאָ אויף מאָרגן און איבערמאָרגן רעכענען?

זאָלן מיליאָנערן זיך מאַרמאָרנע מאָנומענטן בויען; פאַר אונז, אָרימע, איז גענוג אַ דין און שמאָל ברעטל צוקאָפּנס...

און מען לעבט „אַבי ווייטער”, „אַבי איבערצוקומען”...

ערב יום־טוב זיפצט מען אָפּ: שוין נאָך יום־טוב!

צום מאַרגנס, מען עפנט קוים די אויגן אויף, קלערט מען שוין: ווי אַזוי וועט מען איבערלעבן דעם טאָג, און פאַר׳ן שלאָף הויבט מען אויף די הענט: געלויבט איז זיין ליבער נאָמען — איבערגעלעבט אַ טאָג!

פאַרקירצן זיך די צייט אין פאָדערהויז טאָר מען נישט. דעם פאָדים איבעררהאַקן טאָר נישט קיין אידישע האַנט — ווי לאַנג גאָט וועבט, וועבט ער — בעל כרחך אתה חי — לעבט מען איבער דאַנק. דערהאַלט מען דאָס לעבן מיט „אבי וואָס״, פאַר־ביסן מיט „וואָס עס איז״.

און ברייננגט די מאַרק־אידענע אַ הון אין שטוב אַריין, נעמט די בעל־הבית׳טע די הון אין האַנט אַריין, טאַפּט זי און וועגט, און פרעגט: וואָס וועל איך אָפּקומען מיט איר?

און זעט איר עפּעס שיינט, פליט אייך דורך פאַר די אויגן אַ גלאַנץ, איז עס אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע — לשם מצוה, פאַר יענער וועלט, אַ בגד לשבת ויום־טוב...

אבי וויטער...

קינדער־יאָרן זיינען אַ פאָרשפּיל צו דער חופּה... און קומט דער חופּה־טאָג, טוט מען אָן דעם חתן תכריכים. חתן־כלה פאַסטן און זאָגן ודוי — זיי גרייטן זיך שוין צום טויט...

און די ערשטע גרויע האָר?

אַ „פאָוויעסטקע צום בית־דין של מעלה!״ דין וחשבון גיב אָפּ!

און — „לעב גוט, וועט דיר לייכט זיין דער טויט״ און „געדענק אינ׳ם טויט, זאָלסט קענען גוט לעבן״ — דאָס איז די מאָראַל.

מענטשן וואנדערן, מענטשן שטאַרבן. קהלות בויען זיך, קהלות ווערן חרוב. די שפּראַצן, יענע וועלקן...

אבי ווייטער!

געשעפטן אויף ניין־און־ניינציג יאָר?

א וועלט פאַרזאָרגן?

געמויערטע צדקות?

ערגעץ איינוואָרצלען זיך? צוויי גלות־בלימעלעך שפּראָצן אין אידישן האַרץ: „אבי ווייטער!” און „אבי איבערקומען!”

לעבעדיגע שטייען נישט פעסט; מתים וואַרטן אויף גלגול מחילות... ווער עס וויל זיכערער גיין — קריכט אויף אַלע פיר!

טאַנדעט.

אַלץ איז טאַנדעט: דאָס לעבן, דער האַנדל, די אַרבעט...

אָן ליבשאַפט, אָן זיכערקייט — אָן מאָרגן און שפּעטער — ציטערדיגע שאָטן, ציטערדיגע און כאַפּנדיגע...

פון דער לופט אין דער לופט אַריין...

אַלץ איז נע ונד; דער איד, זיין אַרבעט, זיין לעבן, זיין פּאָליטיק... אין אָרט, ווי אין דער צייט... צווישן „קויפן” און „פאַרקויפן” האָט דער סוחר קיין צייט נישט אָפּצואָטעמען... אָפּהאַלטן, אויסהאַלטן איז ער נישט אימשטאַנד...

אויסגעלערנט א שטאָך מיט דער נאָדל, חתונה געהאַט, א ווערק־שטעל געעפנט — אם לא עכשיו, אימתי? אָפּן שטייט די גרוב און וואַרט!

אַלץ איז אויף דער מינוט און פאַר דער מינוט: מיד ליד, פון האַנט צו האַנט... אבי ווייטער!

צדקות ומעשים טובים, פאַרטיי־לעבן, פּאָליטיק — האַלבע מיטל, פערטל מיטל, צוויטן, פעדים...

די „כנסת ישראל” זיצט און לאַטעט און צערעוועט... אבי איבערצוקומען...

און דאָס זעלבע: ליטעראַטור... קונסט...

דער שטריך, די סקיצע, א מאָמענטל, א פּאָרטרעטל, א בליץ־אויפנאַם — וואו איז דאָס ווערק?

דער פויער אַקערט אָפּ און וואַרט... זייט אָפּ און האָפט... דער זאָמען גייט אויף, ער קוקט, דאָס האַרץ קוועלט, — ער וואַרט; גאָלדן ווערט די זאַנג, דעמאָלט ערשט קומט ער מיט דער קאָסע!

מיר שניידן נישט גאָלדנס נאָר „גרינס"... אָפּט רייסן מיר מיט די נעגל פון דער פייכטער ערד אַרויס די קוים־אויפגעשוואָלענע זאָמען און באַקן!

טאַנדעט: „וואָס עס איז" מיט „אַבי וואָס"... גראָזן! די שפּראָצן, יענע וועלקן—ווען וועלן בוימער וואַקסן?

די אַלטע „יחידי סגולה", די עטלעכע אָפּגעשטאָרבענע, פאַרשטיינערטע צעדער אויפ'ן לבנון, קוקן אַראָפּ צו אונזערע גרעזעלעך און זיפצן: דאָס זיינען אונזערע אייניקלעך!...

. . . און מיינט נישט, אַז איך זע נאָר אייערע רוקנס און מיך פאַרבלענדט דער שטויב פון אונטער אייערע פיס.

איר האָט מיך נישט אויסגעמידן; אום מיט ליבשאַפט אַ בליק צו וואַרפן אויף אייערע בלאַסע פּנים'ער און פלאַמענדיגע אויגן, מוז איך מיך גאַנץ אָפּט אומקערן. . .

צווישן אונז איז דער שטרייט פון „מאָרגן" און „איבער־מאָרגן"...

איך בין דער זון פון אויסדערוויילטן אייביגן וואַנדער־פאָלק...

און מיט'ן „אויסדערוויילטן" איז מיין ערנסט; מיין בלוטיגער, מיין טראַגיש־שטאָלצער ערנסט.

אונז האָט מען אויסדערוויילט צו שאַנד און שפּאָט, צו

וואונד און ווי, צו שלעג און פיין; מיר זיינען די שוואכסטע און די מינדסטע...

איר פילט עס נישט? איר זייט ספעציאליסטן פון קלאסן־ווײ...

עס ליגט א מענטש אין גאס און קאן אויסגיין אן הילף צווישן ספעציאליסטן. ער איז אפגעשוואכט און פאכט מיט דער נשמה —

— נישט מיין זאך, א צאן־דאקטאר בין איך!

— נישט איך דארף עפעס טאן, איך היל נאר נעז...

אן אנדערער איז א מבין ספעציעל אויף אויערן, נאך איינער פארנעמט זיך מיט הויט־קראנקהייט, איינער זאגט:

— מיין פאך איז דער מאגן!

און דער מענטש פאכט דערוויל מיט דער נשמה און קאן שטארבן.

. . . .

מיין פאלק האט מען אויסדערוויילט צו שאנד און שפאט, צו וואונד און ווי, צו שלעג און פיין! אבער עבן דערמיט טרייבט מען אים צו דער ווייטסטער מעטע פון דער מענטש־לעכער געדעכטינקייט, צום ווייטסטן פאסטן אויפ'ן וועג פון דער מענטשלעכער פרייהייט, צום לעצטן זיג איבער די פיזישע מאכט, איבער'ן פיזישן צוואנג, און — די „מערהייט", אין וועל־כער נאמען איר רעדט און וועלכע איר ווילט באגליקן, איז אויך נאר איינס פון אירע געשטאלטן.

מיט קין'ס שטעמפל האט מען מיין פאלק'ס שטערן גע־צייכנט און דערמיט צום אייביגן וואנדערן פארשאלטן און — געבענשט.

אים האט מען מיט געוואלט ארייגעשטעקט די רויטסטע פאן אין די הענט און גערופן:

— גיי! אלץ ווייטער און ווייטער גיי, מיט אלע באפרייער. מיט אלע צוקונפטס־קעמפער, מיט אלע סדום־איבערקערער... נאר בלייבן שטיין מיט זיי, קענסטו נישט... די ערד וועט ברענען אונטער דיר!

— אויף שריט און טריט צאָל די בלוטיגסטע קאָסטן פון יעדן באַפרייאונגס־פּראָצעס, נאָר אין די באַפרייאונגס־דעקרעטן ווער ווייניג, זעלטן אָדער גאָרנישט דערמאָנט...

דו גיי און בלוטיג ווייטער!

— דו ביזט דער שוואַכסטער און דער מינדסטער און וועסט אויסגעלייזט ווערן ערשט צו אַלערלעצט...

— אַזוי לאַנג, ווי עס וועט בלייבן אַ שטיין פון אַלטע מויערן, וועט ער ליגן אויף ד י י ן אַקסל און דריקן!

— אַזוי לאַנג, ווי עס וועט בלוט פאַרגאָסן ווערן, אַ ווילן — אונטערדריקט, אַ פליגל — אונטערגעשניטן, — וועלן עס זיין ד י י נ ע פליגל, ד י י ן ווילן, ד י י ן בלוט...

דו וועסט באַפרייט ווערן ערשט צו אַלערלעצט, ווען דער מענטש וועט באַפרייט ווערן פון דער ערד! ווען פון מענטשן־ווערים וועלן מענטשן־אָדלער ווערן.

שטאָלצירט נישט מיט אייער רויטער פאָן, זי איז נאָר דער שוואַכער אָפּגלאַנץ פון דער בלוטיגער פאָן אין דער האַנט פון אויסדערוויילטן פאָלק!...

פון פאָלק, וואָס איז פאַרשאָלטן און געבענטשט געוואָרן, אויסגעלייזט צו ווערן צו אַ ל ע ר ל ע צ ט, צו זיין דער אייביג בלוטענדיגער, אַמווייטסטן גייענדיגער אָנטראָג, וואָס ווערט גאָט און דעם לעבן געשטעלט...

מיט מיין פאָלק גיי איך, פון גלאַנץ פון זיין פאָן פלאַמ מיין נשמה און א י ך רוף: אידן פון אַלע לענדער און פעלק פאַראייניגט אייך... לאַנג און געפערליך איז דער ווע האַלט אייך צוזאַמען!

דאָס לעבן אַרום אונז וואַקסט, ווי אַ גוט איינגעזויערט טייג, נאָר ביי אונז איז שטיל — כמעט שטיל, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן...

פּ. פּ. ס. פאַרזאַמלט אין פילהאַרמאָניע טויזנטער און טויזנ־טער — עפנטליך און קרעפטיג הערט זיך איר וואָרט, איר שמע־טערנד וואָרט; באַהאַלטן און בסוד־סודות זיינען די מיטינגען פון אונזער „בונד"...

נ"ד (נאַראָדאָווי דעמאָקראַטן) שווייגט נישט — מיטינגען און דעמאָנסטראַציאָנען — פאַרוואָס שלאָפן אונזערע ציוניסטן?

„אָן אונטערשייד פון גלויבן" האָט זיך געעפנט אַ געזעל־שאַפט צו לערנען, לעזן און שרייבן, „אויס אַנאַלפאַבעטן!" ווערט געגרופן, און פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר גייען אַרום אינ־טעליגענטן און אינטעליגענטקעס און פרעגן זיך נאָך: נישטאָ עמיץ אין הויז, וואָס קאָן נישט שרייבן, נישט לעזן און האָט חשק זיך צו לערנען? און מען לערנט אומזיסט, מען גיט ביכער אומזיסט און שרייב־געצייג אומזיסט, און מען בעט זיך רחמים: לערנט אייך! אַ פאָלק, וואָס וויל אויפלעבן, מוז קענען לעזן און שרייבן!

וואו איז א ו נ ז ע ר חברה „אלף־בית"? — וואָס טוען אונזערע אינטעליגענטן?

אַ לערער־פאַראיין, אַ שול־פאַראיין — אויף דער גאַנצער ליניע גייט אַ מלחמה פאַר פּויליש, פאַר דער פאָלקס־שפּראַך! מען דאַרף באַפרייען דאָס שוואַכע קינד פון דער דאָפּלטער יאָך צו לערנען אין אַ פרעמדער שפּראַך! — פּויערן אין די דערפער נעמען זיך צוזאַמען, טרייבן אַרויס די פרעמדע שרייבער, די פרעמדע לערער — פּויליש מוז זיין די שולע.

ווער שטרייט פאַר א י ד י ש?

די חברה „בעלי בתים" האָט זיך געווענדט צום מאַגיסטראַט און געבעטן, דאָס מאַגיסטראַט זאָל געבן זיינע לאָקאַלן אויף פאַרטראַגן פאַר'ן פאָלק. דער גענעראַל ביביקאָוו האָט צוגע־זאָגט, — צו די פאַרשטייער פון דער אידישער געמיינדע האָט זיך קיינער דאַרום נישט געווענדט...

פאַר'ן פּראָסטן פאָלק ווערט געעפנט אַ פריי אוניווערזיטעט, מיט'ן צוועק:

אויפצוהויבן די בילדונג פון דער מאַסע;

פּאַרטיפּערן די קולטור צווישן אַרבעטער און געוועדבסלייט;

צו געבן זיי די מעגלעכקייט זיך אָרנטליך און געהעריג צו פּאַרוויילן!

צו דעם צוועק ווערן איינגעפירט:

סיסטעמאַטישע, אַלגעמיין בילדנדיגע פּאַרטראַגן.

עפנטלעכע, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע פּאָרלעזונגען פאַר גרויסע מאַסן.

ספּעציעלע פּאָרטראַגן און פּאָרלעזונגען אין פאַבריק־שולן —

אויסער דעם וועט מען פּאַרמעגלעכן דעם „פּראָסטן עולם" דאָס באַזוכן פון מוזייען, אויסשטעלונגען, פאַבריקן און אַלגעמיינע עפנטלעכע אַנשטאַלטן... אָרגאַניזירט וועלן אויך ווערן רעדלעך (קרייזן) פאַר טעאַטער, כאָר און אָרקעסטער...

וואו איז אונזער פאָלק־הויז, אונזער טאָמביי־האַלע?

דאָרט וועקט זיך דאָס נייע פרייע לעבן, די גייסטלעכקייט קען אויך שוין נישט שלאָפן ווי אמאָל. עס איז די טעג אַ מיטינג פון גייסטלעכע געווען, און ווייסט איר, וועגן וואָס זיי האָבן געקלערט און וואָס זיי האָבן באַשלאָסן? נישט וועגן הימל־זאַכן! נישט וועגן הכשרים אויף וואָס עס איז!

זיי האָבן געקלערט, ווי אַזוי מיטצואווירקן מיט'ן פאָלק...

דער גייסטלעכער, האָבן זיי באַשטימט, איז נישט באַפרייט פון פּליכטן קעניג, לאַנד און פאָלק...

זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן זייער אָפיציעלן אָרגאַן אין וואַרשע, וואָס באַשעפטיגט זיך נאָר מיט דינים פון תענית און מנהגים פון קלויסטער און ווייסט גאָר נישט, וואָס צו זאָגן, וועגן דעם נייעם לעבן, וואָס וועקט זיך אַרום און אַרום!

זיי האָבן באַשלאָסן צו שטרייטן צוזאַמען מיט'ן פאָלק פאַר דער אויטאָנאָמיע פון פּוילן... פאַר אַ ריין פּוילישע אַדמי־ניסטראַציע, פאַר דער פּוילישער שפּראַך, פאַר אַ וואַרשעווער קאָנסטיטואַנטע! און געוווילט זאָל זי ווערן אַלגעמיין, גלייך, אוממיטלבאַר און געהיים...

און דעם אַרבעטער — זאָגט די גייסטלעכקייט — טאָר מען

פון האנט נישט ארויסלאָזן; מען דאַרף דעם סאָציאַליזם אַריינ־נעמען אין קלויסטער, וואָרום — הערט, הערט! — וואָרום אַלץ דאַרף זיין פאַר'ן פאָלק און דורך דעם פאָלק!

און דעריבער — זאָגט די גייסטלעכקייט — מוז מען הויבן די מאָראַלישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון פאָלק, זיין נאַציאָנאַל־געפיל — פאַרטיפערן, דערוועקן אין אים דאָס געפיל און דאָס געברויך פון זעלבסט־הילף — — —

און אונזער „ראַדאָמער רב" לאָזט אפילו צו שלשים נאָך די פּאָגראָמען נישט פאַסטן — — —

פאַרוואָס גייען פאַרלוירן די אידישע פאָלקס־לידער? פאַר־וואָס מוזן אידישע טאַלאַנטן שפּילן „בר־כוכבא" און „אשה רעה"? וואו זיינען אונזערע אידישע אויסגאַבן?

און צוזאַמענקומען קען מען זיך נישט; די „דייטשע שול" איז פאַרהאַמערט, די „גמינע" פאַרשלאָסן, און דער עולם שלאָפט...

עס פּלאַצט.

דער שטורם רייסט דעם דאַך. אייזערנע טאַראַנען לעכערן די ווענט, דער לאַנג פוילער פונדאַמענט צערודערט זיך — —

„מפּי עוללים ויונקים" — קינדער מאַרשירן מיט רויטע פענער אין די גאַסן; הויבט די מיצן אַלטע, קלוגע, פאַר־זיכטיגע לייט! עס האָט זיך שוין געפונען אַ ווייכער קאָזאַק, אַז אמת'ער „קאָזאַק הנגזל", וואָס האָט נישט געוואָלט שיסן! „זאַ־טשעם? — פּוסקאַי סאָביראַיוטסיאַ!"

דער פּלאַט שטייט אין פייער — מיליטערישע מוזיק ציט דורך די גאַסן מיט מאַרסעליאַנקעס! סאָלדאַטן לעזן מאַרקס אין די קאַזאַרמעס — מיט פּאָליטישע פאָדערונגען טרעט אַרויס די פּאָליציי; באַ! אפילו קנעכט ביי קנעכט, וואָס דינען אַנדערע קנעכט — די „טשינאָווניקעס" פון דער וואַרשעווער גמינע, צוזאַ־מען אפילו מיט די קברנים פון הייליגן אָרט, אָרגאַניזירן זיך, דעלעגאַטן שוין געקליבן! — אַלץ פּלאַמט, רעזידענצן ברענען,

אין העלן פייער שטייען פּראָווינצן! אין די פינצטערסטע ווינ־קעלעך פון מענטשלעכן לעבן באַווייזט זיך ליכט! ביים ליכט איז דער עולם בודק חמץ. וואַרפט אַרויס דעם אַלטן שימל, דאָס אַלטע, דאָס פוילע, דאָס שרעקעדיג־ציטערדיגע, דאָס שוואַרצע, מיט די פאַרלייגטע הענט, פאַרוויינטע אויגן, דאָס אייביג האָפנ־דיגע און נישט טוענדיגע — —

אַ נייער לעבן שפּינט זיך, וועבט זיך אויף דער חורבה פון אַלטן — —

און מיר וואו זיינען מיר?

— אַם ראַדיקאַלסטן — זאָגט מען — זיינען אידן! אָן אַ קלער צו טאָן רייסן זיי דאָס אַלטע, אָדער העלפן עס איינצו־רייסן, אָן רחמנות שטורמען זיי אַלע אַלטע לעבנס־פאָרמען, אַלע עקאָנאָמישע און מאָראַלישע אינסטיטוטן: ווייל אַלץ האָט זיי נאָר געדריקט, געשטיקט און געוואָרגן. זיי קענען דאָס פאַרגאַנ־גענע נישט ליב האָבן, ווייל דאָס איז דורכגעזאַפּט מיט זייער קריוודע; דאָס גייענדיגע — נישט באַדויערן, ווייל עס איז מיט זייער בלוט באַשפּריצט!

אַזוי זאָגט מען, און דאָך — וואו זיינען מיר?

מיר, אידישע שרייבער, וואָס דאַרפן גיין פאָראויס? וואו איז אונזער אָרגאַניזאַציע? פאַרוואָס זיינען מיר צעשפּרייט און צעזייט ווי די שעפּסן?

וואו איז די „אגודת סופרים״? דער „שריפטשטעלער־פאַרבאַנד״?

צי האָבן מיר קיין אינטערעסן, מאָראַלישע אָדער עקאָנאָ־מישע, אַרום וועלכע מיר דאַרפן זיך זאַמלען?

גלויבן מיר נאָך אין אַלטן, דריקנדיגן, פינצטערן, וואָס טיילט, אום צו הערשן, — אָדער מיר גלויבן נישט אין זיך אַליין, אין אונזער קראַפט, אין אונזערע צוועקן, און אונזער גאַנצע מאָראַל איז: „כאַפּ פאַר דער שורה און עס, כאַפּ פאַר דער שורה און טרינק״ „מאָרגן״ איז קיין טאָג נישט?

א פינצטערע שרעק איז אָנגעפאַלן אויפ'ן ליטעראַרישן געסל: די גנעלע פּרעסע גייט! דער ערשטער שריט צום שאַנטאַזש איז געמאַכט געוואָרן! מיט אַן אײַזערנעם טאַראַן האָט מען אויסגעהאַקט אַ שפּאַרעוודיג לאָך אין דער פעסטונג־וואַנט, אונטער וועלכער מען האָט זיך אַזוי רואיג, אַזוי זיכער געפילט...

„פּראָטעסטירן!"

די אַלטע, די גרויסע, די שטראַלנדיגע מוזן אַרויס מיט אַ פּראָטעסט...

און איך בין אַן אַלטער, אַ גרויסער, אַ שטראַלנדיגער און דערצו נאָך אַ שוואַכער מענטש!

בנוגע צום אידישן טעאַטער איז אַש גערעכט, אַזאַ יאָר אויף כל ישראל! און פונדעסטוועגן, אַז דער ליב אין גאָלדפאַדענ'ס בר־כוכבא שטעלט זיך אין מיטן דרינען אויף די הינטערשטע פיס און געניצט, און דער פרייטאַג־און שבת־צו־נאַכטס'דיגער עולם פּאַטשט בראַוואָ, אָדער ווען די „אינגלעך" אין „פּאַמיליע צבי", וואָס פאַרלירן די העקלעך און די דרענגלעך פון די דאַרע הענטלעך אַרויס רופן: מיר זינגן! מיר זינגן! און דער אויבנדערמאָנטער טעאַטער־עולם שרייט: „הורא!" — פּאַטש איך מיט, אַז די הענט ווערן מיר געשוואָלן, און שריי „הורא", ביז איך בלייב אָן אַ האַלז, כאָטש איך ווייס אויף קלאָר, אַז די „אינגלעך" ציטערן אפילו פאַר'ן אייגענעם פּאַפּירענעם כלי־זין,— אַזוינע פּנים'ער האָבן זיי, די סטאַטיסטן אויף כמיעלנא 9 און כאָטש עס איז ביי מיר קיין צווייפל נישט, אַז דעם ליב פון בר כוכבא ווילט זיך, נעבעך, גאָר עסן, נישט גענעצן...

וואָס דאַרפט איר מער: אין גאַס, אַז דער עולם הויבט אָן לויפן, מאַך איך פיס, צי איך זע אַ ביקס צי ניין; איך האָב מיך אפילו קיין צייט נישט אומצוקוקן! און קוק איך אַמאָל, פאַר'ן אַראָפּגיין אין גאַס אַראָפּ, און זע מענטשן אין קאַלאָשן און ווינטער פּאַראַסאָלן הויב איך שוין צום הימל קיין אויג נישט אויף, און נעם אַ פּאַראַסאָל מיט קאַלאָשן!

און דעריבער, אַז עס איז אַ געשריי געוואָרן „פּראָטעסטירן"—

האָב איך געזאָגט: „פּראָטעסטירן!", כאָטש די חתימה צום פּראָ־טעסט האָב איך געמאַכט מיט א פּאַרציטערטער האַנט, און דאָס האַרץ האָט דערביי געקלאַפּט, ווי ביי א גזלן...

ווארום „ביני ובינך" — ליבע לעזער! צווישן פיר אויגן און אויער אויף אויער בין איך דוקא צופרידן מיט די ביטערע קריימעכצער, וואָס הויבן אָן שפּראָצן אין אונזער גן־עדן'דל... סימן טוב ומזל טוב! — די געלע פּרעסע האָט זיך באַוויזן? — א מחיה! א קאַצן־שפּרונג צום שאַנטאַזש? — נאָך בעסער! דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר אַנטוויקלען זיך, אַז אונזער ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך, אַז — להכעיס די ציוניסטן און די ס"ס'אָווצעס — וואַקסט אין גלות אונזער קולטור ווי אויף הייוון!

און איך וויל עס אויך מסביר זיין מיט א משל; איר ווייסט דאָך, כ'בין אַ שטיקל גלגול פון דובנער מגיד! שטעלט אייך פאָר, ליבע לעזער (אַלע לעזער זיינען מיר ליב) א משפּחה אין א מדבר — איינע אַליין א פאַמיליע אין א סטעפּ! מוז, נעבעך, דער קאָפּ פון דער פאַמיליע זיין אַלץ צוזאַמען! אי טאַטע פון קינדער, אי זייער לערער, אי זייער שטראָפער און שמייסער... און ווערט, לא עליכם, א קינד קראַנק, מוז ער נאָך זיין זיין רופא; בחרפּתנו, אפילו א קליסטירל מאַכן... און מאַכט זיך עפּעס, גאָט באַהיט, א קינד אויפ'ן קעפּל, מוז ער אים אייגנהענדיג די הערלעך אויסרייסן... און שטאַרבט, נישט פאַר אייך געדאַכט, א קינד? נאָך זיין קברן ווערן! און אַז די קו פאַלט אַוועק? מוז ער ווערן וועטערינאַר! און אַז דער הונט אויפ'ן הויף ווערט משוגע? —הונטשלעגער! און אַז עס זאַמלט זיך אָן מיסט אויפ'ן הויף? מוז ער נעמען שירץ און בעזים און אויסקערן! — און דער איינציגער מוז זיין פונדעסטוועגן אי טאַטע, אי קדוש־און הבדלה־מאַכער, און פאַרלאַנגט פאַר זיך דרך ארץ!

אָבער אַז די משפּחה צעוואַקסט זיך? אַז מיט דער צייט ווערט פון פלעק א דערפל, פון דערפל — א שטעטל, — אַ שטאָט — שטיקל מדינה, — — ווערט שוין די אַרבעט צעטיילט! איז איינער טאַטע, דער צווייטער לערער; א בעלפער, צום שמייסן

און פעקלעך מאַכן, פאַראַן באַזונדער; עס באַווייזן עקסטראַ קליי־זעפּאָמפּע־מאַכער, האָר־ציפּער, דאָקטוירים; ספּעציעלע מתעסקים, קברנים און — הונט־שלעגער!

דאָס זעלבע איז און האָט געמוזט זיין, און געשען אין דער ליטעראַטור.

איך בין נישט קיין הייטיגער און געדענק נאָך גאַנץ גוט די צייט, ווען עס זיינען געווען אינגאַנצן 2-3 כהנים אין בית־המדרש! אַלץ האָט געמוזט קומען אויף זייערע הענט. דאָס זיינען געווען: אי שירים־אי פּראָזע־שרייבער; און זעלבע לייט־אַרטיקל מאַכער, פעליעטאָן־קלאַפּער, נייעס שיטער און אין מיטן דערינען ווערן אַ וועלט־חכם און פּאַרטייטשן וואָס אַ דונער, — וואָס אַ בליץ איז... מיט איין וואָרט: אָנטאָן גלעקלעך, אַריינלויפן אין קדשי קדשים מיט אַ פאָן ווייראָך, אַרויסלויפן און מאַכן „כיק" מיט אַן אָקס אויפ'ן מזבח און באַלד כאַפּן אַ בעזים און אויסקערן!

אָך און ווי איז געווען צו די יאָרן!

היינט, אַז מען האָט זיך געמערט און געפּרוכפּערט, בפרט לעצטנס, אין דער צייט פון דער סטאָליפּין־פרייער פּרעסע, איז שוין, דאַנק זיין ליבן נאָמען, די אַרבעט צעטיילט! יעדער האָט זיך זיין ווינקעלע, זיין ספּעציאַליטעט. איינער זינגט, דער צווייטער פאַרציילט, דער דריטער שרייבט חכמות, דער פערטער ווי־צעלט זיך, דער פינפטער און אפשר דער זעקסטער צי דער זיבע־טער — פירט טאַקע מיסט!... מען דאַרף דאָס אויך!

אמת, עס טרעפט און די מיסט־שלעפער שרייבן שירים אַמאָל אויך...

אָבער, ערשטנס, איז יעדע אויסנאַם נישט מער ווי אַ באַוויז אויף דער רעגל! צווייטנס האָט יעדע קאַץ זיין מאַרט און יעדעס האָרץ, אפילו פון אַ קוימען־קערער, זיין מאַי! ווען עס ווערט אַזוי ווייך, און עס זינגט זיך: טיו, טיו... טיו, טיו... און דריי־טענס — האָט קיין פחד נישט! דער מיסט־פירער וועט צום שכל קומען! ער וועט דערקענען זיין פאַך, דערגיין זיין מיסיע, צוליב וועלכער ער איז באַשאַפן געוואָרן! נישט אַזוי געשווינד

דערקענט זיך א מענטש אליין, און איידער מען קומט אויפ'ן רעכטן וועג ארוים — זינגט זיך אמאָל א ביסל פאַלש! מיט דער צייט קומט די הילף!

די ליטעראַטור קען שוין נישט זיין קיין כל־בו, ווי א קליינ־שטעטלדיג געסל! עס מוז זיין א גרויס־שטעטישע גאַס! דער רינשטאָק, וואָס פירט אָפּ דאָס אומריינע, גייט אין די זייטן, רעכטס און לינקס. ווער עס איז א דבר־אחר, מהיכא תיתי, ליג זיך אריין! אז ניט, גיי אריבער טרוקן, אין דער מיט! דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל!

אמת, א משל איז נאָך קיין באוויז נישט! אָבער מקרב אל הדעת איז עס!

און וואָס אנבאַלאַנגט דעם עצם־ענין, וואָס די געלע פרעסע, די ערשטע ניי־געבוירענע איז שוין באַפאַלן א ליטעראַט, איז קיין גרויס אומגליק נישט!... די ליטעראַטן, פונקט אזוי ווי פרויען, האָבן ביז אהער פאַרנומען א געקינסטלטן פּלאַץ, א פאַלשן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן! אָדער א גאָרנישט, א צרה, א משלחת, אָדער א מלאך; קיין מענטש קיינמאָל נישט! שלאָגן זיך מיט א אידענע, בפרט אין גאַס, אָפּ'חשבונ'ען זיך עפנטלעך מיט א ליטעראַט, קומט אוים עפּעס קראַטיש, אויסטערליש, ווילד! פאַרוואָס? שוין צייט אָפּצורייסן מיט די אַלטע מנהגים, ארויס־שלאָגן זיך די אַלטע איינרעדענישן פון קאָפּ. אן אשה איז אויך א בשר ודם, נישט מער, נישט ווייניגער, און א ליטעראַט איז א מענטש, ווייניגסטנס דאַרף ער זיין א מענטש... און דאָס וואָס א קראָ רייסט אוים ביי דער צווייטער אן אויג, וואָס איז דאָס גע־וואַלט? דוקא ביי פרעמדע?

און דער עיקר — ברענגט עס א גרויסן נוצן דעם פובליקום, אויב עס איז נאָר דאָ! אויב די קו, וואָס מיר, לעבצנדיגע צו מילך, מעלקן איז פאַראַן, אויב זי איז נאָר קיין פוסטער חלום נישט... קען זי ווערן אוים קו!

דאָס פובליקום — אָן משלים גערעדט — מוז זיך צוגעוואוי־נען צום געדאַנק, אז ליטעראַטן זיינען מענטשן, וואָס ארבעטן און

פאַרדינען מיט דער פעדער, ווי יענער מיט דער האַק און דער מיט דער נאָדל... און אַז עס טרעפט זיך און א ליטעראַט, — אויב א מענטש! — גנב'עט בענדלעך אין קראָם אָדער קישקע אין יאַטקע, קומט אים תפיסה גלייך מיט אַלע, אויב אַלע גנבים קומט תפיסה... און אַז ער גנב'עט נישט, און די געלע פּרעסע, וואָס קען זיך נישט דערוואַרטן, ביז עס וועט ווירקלעך עפּעס געשען, און טראַכט צופּאַר אויס, און עס קומט צו לשון־הרע, רכילות, בלבולים און אַלערליי שקרים, — איז נאָך בעסער!

דאָס פּובליקום, וואָס דאַרף ווערן אויס קו, דאַרף זיך צו אַלעם ערשטן אָפּגעוויינען פון א מיאוס'ן פּעלער, און דער איז דאָס, וואָס דאָס היינטיגע פּובליקום, אויב עס עקזיסטירט, אַזוי עס שעצט אָדער צו הויך אָדער צו נידעריג דעם ליטעראַט, אַזוי צו הויך אָדער צו נידעריג שאַצט זי יעדעס געדרוקטע וואָרט. אָדער עס איז „שמאַכטעס”, „מעשה־ביכלעך”, בטלנות, אָדער פאַרקערט: הייליגע נביאות, נישט אָפּצואוועגדן, נישט איבערצושפּאַרן! זיי ווייסן נישט, אַז א מענטש שרייבט, ווי א מענטש רעדט... ווי ווער און ווי ווען...

אין געוויינלעכן לעבן, אַז עמיץ עפנט דאָס מויל און זאָגט עפּעס, שרייט מען נישט תוך כדי דבור: שקרן! אויך שפּרינגט מען נישט דריי מאָל קדוש, פאַר דער צייט. מען טראַכט נאָך, קלערט איבער, מען ווערט געוואויר, מען זאַמלט ידיעות, — מענטשלעך! וואָס הייסט, זיך „פאַרלאָזן”? אָבער דאָס געדרוקטע, האָט נאָך גאָר עפּעס אַנדערש...

און דאָס איז שלעכט!

דאָס געשריבענע וואָרט האָט געקאָנט קרעדיט האָבן פאַרצייטענס, ווען א פעדער אין דער האַנט האָט געהאַלטן איינער אין א שטאָט און דווקא א גרויסער! ווען מיניסטאָרן האָבן צוגעלייגט שטעמפּל אָדער דעם אין טינט איינגעריסטן גראָבן פינגער אויפ'ן פּאַפּיר במקום א חתימה... ווען דער סיגנעט האָט נאָך געשפּילט די גרויסע ראָלע, ווי אין אחשורוש'עס צייטן! דאָס גרויס, ערלעך און כמעט הייליג האַלטן פון געדרוקטן וואָרט האָט געהאַט

זיין ווערט אין גוטענבערג׳ס־און קוים עטוואָס שפּעטערע צייטן, ווען אויף דער וועלט זיינען צוויי־דריי דרוקן געווען, און פון אונטער דער פּרעס פלעגן אַרויס סאַמע תנכ׳לעך, ש״ס גמרא׳ס אָדער חכמת יון: אַריסטו! היינט — ווען אַלע אינגלעך שרייבן, ווען אין אַלע גאַסן ווערט געדרוקט, דאַרף זיך דאָס פּובליקום אויסלערנען: שאַצן! יעדן געבן זיין אָרט, זעלטן שענקען צו־טרויען, זעלטן געבן קרעדיט, און צו דעם הויכן שטאַפּל וועט דאָס פּובליקום קומען נאָר א דאַנק דער געלער פּרעסע! דאָס קינד מוז פאַלן, עס זאָל זיך אויסלערנען גיין!

און דעריבער נאָך א מאָל: לעבן זאָל די געלע פּרעסע!

זאָל זי זיך גראָבלען אין מיסט — אין פּריוואַט־לעבן מיין איך, עס שאַדט נישט! דאַגעגן קען זיין נאָר די אַלטע באַלעבאַ־טישע מאָראַל פון קלאַפּ־שלעסער און פאַרהאַנגענע פענצטער. די מאָראַל אין זיידענע אָבער און פאַרדאָסטע (זייט מיר מוחל) אונ־טערעק... די עטיק, וואָס איז געווען נאָר א שוץ־מאַרקע פאַר חנוכה, צביעות, שיין־הייליגקייט און כל־דאָס־בייז... נאָר די אַלטע גבאי׳טע מיט די יונגע חטאים האָט געמאַכט אַן אונטער־שייד פון „רשות הרבים״, „בפהרסיא״ און „אונטער פיר אויגן״, „בחדרי חדרים״!

וואָס הייסט פּריוואַט לעבן? פּריוואַט לעבט א מענטש אין א מדבר, פּריוואַט לעבט א פּרוש אין וואַלד, אפשר נאָך א פאַר־צייטישער בטלן אונטער׳ן בית־המדרש־אויוון. א מענטש צווישן מענטשן איז קיינמאָל נישט פּריוואַט. דער וואָס טוט עפּעס, — בפרט דער וואָס שרייבט! — לעבט געזעלשאַפטלעך, עפנטלעך; דער מוז זיין אָדער נוצלעך אָדער שעדלעך, און קען, דאַרף און מוז געשאַצן ווערן... אמת, דאָס אָפּשאַצן, געהערט צום ריכטער, אָנקלאָגן צום פּראָקוראָר, מסר׳ן צום שפּיצל און דאָס אויפהענגען צום תליון... זיינען טאַקע דערויף פאַראַנען ספּעציאַליסטן אין דער ליטעראַטור אויך... איינער האָט גלאַט ליב וויוויסעקציע... טו אים עפּעס!

און ווי געזאָגט, אָבער עפנטלעך קריטיקירט דאַרפן ווערן אַלע און פריער פאַר אַלע דער שרייבער! ווער עס רעדט צום פּוב־

ליקום, געהערט צום פּובּליקום! דאָס פּובּליקום האָט רעכט צו פאַרלאַנגען, מען זאָל פון צייט צו צייט אַראָפּציען דעם טלית פון די וואָס שטייען ביים עמוד, ביים שולחן און ווייזן אים, ווער עס בעט פאַר אים, ווער עס בלאָזט אים שופר!

אַמאָל פלעגט מען זאָגן: קריטיקירן דאַרף מען דאָס ווערק, נישט דעם אויטאָר. היינט: דעם אויטאָר, צוליב דעם ווערק! ווייל דאָס פּרצוף־פּנים פון באַהאַלטנסטן אויטאָר קריכט אַרויס אין זיין ווערק פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות! ווי ער זאָל זיך נישט פאַרשטעקן, וועמען און וואָס ער זאָל נישט הייסן רעדן, וואָס ער זאָל נישט וועמען לייגן אין מויל אַריין, — ער רעדט עס, זיין האַרץ זאָגט עס! און א וואָרט — א מאַן! א מאַן — א וואָרט! און דער פּאַסקוויל, אויב ער איז אַן אמת'ער, איז נישט מער ווי א שליסל צו דער רעטעניש פון ווערק! מער און נוצלעכער איז אָבער דער פאַלשער פּאַסקוויל! דער, ווי געזאָגט, וועט ברענגען דעם לעזער דאַצו ער זאָל זיך אויסלערנען שאַצן, א מבין ווערן, דערקענען דעם אונטערשייד פון א לייב אין וואַלד און א לייב אויף גאָלדפאַדען'ס סצענע אין בר־כוכבא, פון אַן אָדלער אונטער'ן הימל, אַן אָדלער אויף דער מטבע, א געמאָלטן אויפ'ן „מזרח" און א פּאַפּירענעם אויפ'ן טיש!...

ר' נחמנ'קע זאָגט: די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב דעם ווילן און דער ווילן — צוליב דער ברירה! אויסקלייבן, ווילן דאַרף א מענטש!

און אַצינד גייט ערשט דאָס גערדיכטע!

אויב די שרייבער האָבן זיך דיפערענצירט, מוז זיך אויך דיפערענצירן דאָס „פּובּליקום", שוין צייט, עס זאָל אויפהערן צו עקזיסטירן דער „הויפן"־לעזער! די „מאַסע"! די מענגע ציי־טונג־און בראָשורן־שלינגער (ביכער זיינען אוים דער מאָדע אַרויס) וואָס האָבן קיין פיזיאָגנאָמיע — קיין פּרצוף־פּנים נישט, — עפּעס א שטיק גאַלאַרעטע! יעדער אַרט שרייבן, יעדער שרייבער אפילו מוז האָבן זיין פּובּליקום. „נ. פ." אויך!

און אויף זיין אייגן פּובּליקום געשטיצט, וועט דער שרייבער בלייבן מענטש!

ער דאַרף אפילו נישט זיין פון קריסטאַל, עס זאָל אים די געוואָרפענע בלאָטע אפילו פייכט נישט מאַכן... געַנוג, ער וועט האָבן א מענטשלעך פּנים, — מיט איין וואָרט: א פּנים: וועלן, ווייניגסטנס זיינע מענטשן, וויסן, אַז אויפ'ן פּנים וואַקסט קיין בלאָטע נישט, אַז דאָס איז דורכגעפאָרן א גביר פון דער „געלער פּרעסע" און האָט עס מיט בלאָטע באַשפּריצט! און דער עולם זיינער וועט לויפן, דער — מיט וואַסער, יענער — מיט א האַנטעך — און שטיל, גאָר אָן פּראָטעסטן...

דאַכט זיך, אַזוי איינפאַך!

און דאָך ווילט איר געלע און גרינע מתים זען? פאַרמאַכט די לאָדן בייטאָג, לעשט אוים ליכט און לאָמפּן ביינאַכט, און שלאָגט מיט א ריטל אין א טעלער מאַגנעזיע! — אָדער, וואָס אין וואַרשע איז לייכטער צו באַקומען — רופט צוזאַמען עטלעכע ליטעראַטן און לייענט זיי פאָר א שטיקל „געלע פּרעסע" — —

צי האָבן מיר קיין פּובליקום, צי קיין מענטשלעך פּנים נישט?

א בריוו אויס וואַרשע

קישינעוו האָט געווירקט אויף וואַרשע ווי א דונער אין שיינעם העלן טאָג פון שטילסטן, קלאָרסטן הימל.

וואַרשע איז פּאַרציטערט געוואָרן. אויף דער בערזע, אין טעאַטער, אין צירק, אויף קאָנצערטן און אין גערטלעך — פון שולן און גאַסן נישט צו רעדן — האָט מען מער נישט געהערט, ווי „אמת"? „אמת"! און אין די אויגן פון דעם, וואָס האָט גע־פרעגט, איז פּאַרלאָשן געוואָרן דער לעצטער פונק פון דער לעצ־טער האָפנונג, צו הערן: עס הויבט זיך נישט אָן!

דערנאָך האָבן אַלע באַקומען איין תאוה, איין קרענקלעכע תאוה צו וויסן אַלץ, אַלץ, מיט'ן פּינטעלע, מיט'ן שפּרענקעלע; אויסצוטרינקען דעם סם ביז'ן לעצטן טראָפּן, און דער „קוריער וואַרשאַווסקי", דער איינציגער ברונעם, פון וועלכן וואַרשע שעפּט אַלץ, וואָס זי ווייסט, האָט אָבער געשוויגן, געוואָלט צי געמוזט שווייגן און אפשר ביידע צוזאַמען...

דערוויילע האָט דאָס צערודערטע וואַרשע אירס געטאָן: אַרויס־געשיקט קיין קישינעוו 20 טויזנט רובל געלט און צוויי אידישע רעדאַקטאָרן... געלט האָט אפשר וואַרשע געקאָנט שיקן מער; רעדאַקטאָרן מער האָט זי נישט; דערוויילע נישט...

דאָס געלט איז אין קישינעוו, מן הסתם, צונויף געקומען, די רעדאַקטאָרן אפשר אויך. איינעם איז גאָר באַשערט געווען צו געפינען אַן אַלטן כתב און אָפּצודרוקן אויסער קאָרעספּאָנדענ־ציעס. דער צווייטער האָט אָנגעפילט א גרויס בוך מיט זכרונות, אַן אוצר אויף לאַנגע יאָרן... נאָר פון דעם האָט וואַרשע אויך א

נוצן געהאַט: אויף דעם צווייטן, וואָס איז אייגנטלעך דער ערש־טער, האָט מען טאַקע געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף משיח'ן...

עס איז שוין, נישט פאַר אייך געדאַכט, געקומען צו הרפּות ובושות.

דער ליטישער עולם, דער צילינדער־עולם, די מזרח־וואַנט פון דער „דייטשער שול", די נאָענטסטע קרובים פון אזוינע גרויסע און הויכע לייט, וואָס דערזעען שוין נישט קישינעוו, אפילו די כנסת ישראל נישט... אזוינע וואָס ריכטן זיך היינט־מאָרגן אפילו אויפצוהערן צו צאָלן עטאַט און באַנוגענען זיך מיט אַלע פּאַ־דאַטקעס — די אַלע האָבן פּלוצלונג דערפילט, אַז זיי האָבן באַ־קומען זייערס אַן אייגן עגמת־נפש, אַן אייגענע שרעק, אַן אייגענע לעבנס־פראַגע, איבער וועלכער דער „קוריער וואַרשאַווסקי" וועט נישט ענטפערן... פון וועלכער ער וועט נישט רעדן, און אויב יאָ, וועט דאָס האַרץ ווי טאָן הערנדיג...

נאָר וואו ווערט מען עס געוואויר?

א טייל האָבן זיך בסוד סודות געכאַפּט צו די „נאָוואָסטי"; אַנדערע, וואָס האָבן אמאָל אין א חדר געלערנט, האָבן מיט א פאַרבלוטיגט האַרץ און פאַרביסענע ליפּן באַלאַגערט דעם אידישן צייטונג־טרעגער אין גאַס... מען כאַפּט די „הצפירה", א היימיש בלאַט, אַנדערע, וואָס ווילן ביליגער מיט א קאָפּיקע, שטרעקן אוים די האַנט נאָכ'ן „הצופה", נאָך אַנדערע, וואָס האָבן וויינינגער געלערנט אָדער מער פאַרגעסן, פאַלן — לא־עליכם — מיט נאָך א שטאַפּל טיפער און ציען אַרוים דעם „פריינט"...

און מען לויפט, און מען לויפט מיט א צאַפּלדיג האַרץ אַהיים, און מען פאַרשליסט זיך בחדרי חדרים און מען לעזט. און ווער עס האָט קיין חדרי חדרים נישט, און ציטערט פאַר'ן ווייב, און שעמט זיך פאַר דער באָנע, צי פאַר דער דינסט, כאַפּט דאָס בלאַט מיט זיך אין גאָרטן אַריין, פאַרשלאָגט זיך אין אַן אָפּגעלעגן ווינ־קעלע און טרינקט דעם סם... אָדער שפּרינגט אַריין אין טראַמוויי און לאָזט זיך פירן קיין פּראַגע, אויפ'ן וועג טרעפן זיינע אויגן די היימישע ווייכסל און ער דערקענט זי נישט, עפּעס איז זי אים אַנדערש, וויינינגער היימיש.

ווי עס איז, מען לעבט. די האַנט, וואָס האַלט דאָס בלאַט, ציטערט; די אויגן, וואָס קוקן אַריין און האָבן מורא אַן אות צו פאַרלירן, פינטלען. און ווייסע ליפּן ציטערן: באָזשיע, באָזשיע!

אין מיטן כאַפּט מען אַרויס דעם זייגער, מען וואַרפט אַן אויג אויף דער דאַטע פון אָנהויב בלאַט, צי האָט מען קיין טעות נישט אין דער צייט! אַן אַנדערער בייסט זיך אַריין אין דער ליפּ — צי עס איז קיין בייזער חלום נישט...

נאָר זאַט דערפון איז מען נישט געוואָרן...

מען פילט, אַז עס מוז זיין מער! אַז עס איז פאַראַן אַ זיפּ, וואָס לאָזט נאָר דורך דאָס שיטערע, דאָס געדיכטע פאַרהאַלט זי ביי זיך... זאָל דער רעדאַקטאָר קומען, דער אמת'ער רעדאַקטאָר!...

און, איידער ער קומט, פאַרגיט מען אים אַלע זינד געגן דער אַסימילאַציע, געגן „איזראַעליט", געגן דער דייטשער שול וכדומה, זאָל ער קומען, זאָל ער נאָר דערציילן...

ווי געזאָגט: געהאַפּט ווי אויף משיח'ן...

און דער משיח האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן.

ער איז געקומען און האָט גערעדט.

אַ נייער ירמיהו, אַ נייער חורבן. אַ שפּאָגל־נייע איכה... אַ נייער שבט־מוסר, מיט אַ נייעם ברענענדיגן גיהנום!

פאַרטריקנטע הערצער הויבן אָן בלוטיגן... גאָט ווייסט, אין וועלכן אַש ווינקעלע עס האָט זיך געוואַלגערט אַ פונק אידישקייט, און עס האָט אויפגעפלאַקערט און צעפלאַקערט זיך דורך די אויגן אַרויס... האָר אויפ'ן קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויר, שטייף־געוואַקסענע, הויך־געהויבענע וואָנצן צעדרייען זיך און פאַלן אַראָפּ און פאַרשטעלן די פאַרציטערטע ליפּן... איבער בלאַנשירטע דאַמען־פּנים'ער ציען זיך גאַנצע שנירלעך שוואַרצלעכע פּערל פון די אַרומגערענדעטע אויגן אַרויס...

און דער אָטעם שטאָקט. הערצער שטאָקן און בלייבן שטיל! — —

די קינה האָט זיך געענדיגט און זי קלינגט נאָך אין דער לופט... און טרויעריג, ווי מיט שטילע פליגל קלאַפּט זי און שלאָגט זיך נאָך ארום ביי די ווענט, באַרירט דערשראָקן די פּאָרטרעטן פון פוילישע מלכים, שווייצארישע בערג, רהיין־געגנטן און אַנדערע קונסטווערק — —

און פּלוצלונג האָט די וואַרשעווער פאַרזאַמלטע כנסת־ישראל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און פון אַלע געעפנטע מיילער איז אַרויס איין געבריל:

— אַוועק מיט'ן „קוריער וואַרשאַווסקי"!

און דער „קוריער וואַרשאַווסקי" האָט זיך דערשראָקן...

און דאָס איז געווען שוין דער דריטער באָיקאָט.

דער ערשטער איז געווען אויף א געוויסן סאָרט טיי, דער צווייטער אויף א געוויסער פאַבריק פון פּאַפּיראָסן, דער דריטער ערשט אויפ'ן „קוריער וואַרשאַווסקי"...

און אַלע דריי באָיקאָטן האָבן אַזוי לאַנג געדויערט און אַזוי פיל געווירקט, וויפיל אַלע פוילישע באָיקאָטן געגן דייטשע סחורות.

דער „קוריער וואַרשאַווסקי" האָט זיך אַליין געהאָלפן...

פּלוצלונג, אין א שיינעם העלן זומער־טאָג, האָט ער אָפּגע־דרוקט דעם קראַנשטאַטער כהן־גדול'ס ווערטער... א ביסל האָט ער זיך פאַרשפּעטיגט דאָך „בעסער שפּעט איידער קיינמאָל נישט"... דערנאָך, אַז עס איז פאַרגעקומען אין דער וואַרשעווער סודעבנאַיאַ פּאַלאַטאַ דער פּראָצעס פון טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם, און א טייל אדוואָקאַטן האָבן פאַרטיידיגט די פּאַר'משפּט'ע דערמיט, אַז אין פוילן איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישט פאַראַן, נאָר, אַז מען האָט געהערט, ווי מען האָט געשלאָגן א פויערישע דאַמע, האָט דער ריצאַרסקי האָנאָר פאַרלאַנגט, מען זאָל אויסהאַקן עטלעכע אי־דישע שויבן פון די פענצטער און ציין פון די מיילער, בשעת ווען דער צווייטער טייל אַדוואָקאַטן האָט געזאָגט: לא כי! געווען אַנטיסעמיטיזם און עס וועט זיין, און עס מוז זיין ווייל די אידן

שווינדלען, ראַבעווען, נאָגן אויס דאָס פאָלק, ביז עס ווערט פאַר־ביטערט און שלאָגט — האָט דער „קוריער וואַרשאַווסקי" אָפּגע־דרוקט נאָר די ערשטע רעדעס. געגאָסן נאָר דאָס זיס־וויינינג שלאָף־געטראַנק און פון דער רעשט א קלוגן שווייג געמאַכט.

ווי איר זעט, האָט זיך דער „קוריער וואַרשאַווסקי" אַליין אָנגענומען ביי די אויערן און אַרויסגעצויגן פון דער בלאָטע... בנוגע צו טיי און פּאַפּיראָסן האָט שוין געמוזט אַרויסטרעטן דאָס וואַרשעווער ראַבינאַט!

אַלץ רוקט זיך, די רבנים אויך!

אַמאָל איז א רב געווען כמעט סאַמע רוחניות... איך זאָג „כמעט", ווייל די רביצין האָט פון רח"ש צי פון די הייוון דאָך א מאָל אָפּגעקאָכט א וועטשערע און דעם רב'ס גוף האָט אויך געמוזט א ביסל וואַקסן... און גאָר אין גאַנצן אין הימל אַריין האָט גלאַט א רב נישט געקענט, ווייל באַלד איז געקומען א באַ־העלפער און אַראָפּגעצויגן דעם רב ביי דער פּאָלע, צי דער פּופּיק איז כשר... אָבער אין גאַס אַריין איז א רב נישט געקומען. ערש־טענס, איז אין גאַס א בלאָטע און פּוילישע רבנים האָבן געהאַט א מאָנאָפּאָל, אחוץ אויף די כשר'ע הייוון, נאָך אויף באָרוועס־גיין אויך... און גלאַט, ווי קומט מען עס גאָר אַריין, נישט קע־נענדיג קיין צורת מטבע?....

מיט דער צייט איז אַלץ אַנדערש געוואָרן... היינטיגע רבנים זיינען וועלט־מענטשן... לויפן אַרום אין די „סאָנדים" אָפּנעמען שבועות און האָקן אין רוסישן אַריין ווי אין א קרויט... קאָרעס־פּאָנדירן מיט אויסלענדישע רבנים, צי מען קען נישט אַמאָל אסר'ן טייל סערדינקעס וועגן א חשש פון חזיר־שמאַלץ, און מתיר זיין אַנדערע וואָס ווילן האָבן א הכשר מיט א השגחה פּרטית... וועגן פּוטער פון גראָז מוז מען שואל בעצה זיין ביי א כעמיקער... און אַז עס ווערט א סכסוך וועגן פּסח־דיגן טיי און — א מחלוקת פון א סכסוך, קומט מען מיט די שאלות ותשובות אפילו אין די צייטונגען אַריין אויך... שווימט מען אַרום אין בלעטער. און נישט מיט רש"י כתב, וואו און אַזוי ווי די רבנים פלעגן שרייבן

וועגן עגונות און עבור־יאָרן, נאָר טאַקע אויף דער פֿערטער זייט צווישן די מודעות און מיט גרויסע, געוואַלט־שרייענדיגע טרובע־אותיות, גלייך מיט „מאָנאַ־וואַנאַ״־פּאַפּיראָסן, שמעקנדיגע שטור־קאַצן, קאָלירטע ראַקעטן, אָדער מודעות וועגן באַנעס און דינסטן וכדומה...

היינט מוזן זיי זיך אַריינמישן, און אויך אַרויסגעלאָזט א מודעה וועגן מחילה און גוטסקייט, און ליבשאַפֿט, און זיי, דאָס בין איך אייך ערב, וועלן קיין חרטה נישט האָבן...

.2

פֿייל פֿון בויגן איז אַריבער אַל־דאָס־גוטס...

עס איז אַריבער דער זומער מיט זומער־וואַוינונגען, מיט טיפֿע, שטילע און קלאָרע אָוונטן, מיט גרינע וועלדער, גאָלדענע פֿעל־דער... באַטש פֿרעמדע!

פֿאַרקלונגען זיינען אויך די ווייכע האַרציגע סיני־נגונים, די שטאָל־און־אייזערנע פּיוטים, דאָס הייליגע שופֿר־בלאָזן, צוזאַמען מיט׳ן האָניג און מיט די זיסע מערן אין סוכה...

און הושענא־רבה איז אויך פֿאַרביי... מען וועט ווייטער שמייסן, נאָר שוין נים מיר, און נישט מיט הושענא׳ס, און נישט אויפ׳ן הילצערנעם שטענדער... אויב מען וועט שמייסן, וועטווירקלעך בלוט רינען!

און דאָס הושענא־רבה־קוויטל האָט מען אין קעשענע, נאָר לעזן קען מען עס נישט. אויף הימל־פּאַפּיר מלאכים־כתב! מי ינוח ומי ינוע? ווער וועט זיין א געשלאָגענער, ווער אן אנטלאָפֿע־נער? ווער א פֿאַרברענטער, ווער נאָר אן אָפּגעברענטער? און ווער וועט זאַמלען נדבות: איך פֿאַר יענעם, יענער פֿאַר מיר?... און מיט א פֿאַרקלעמטע האַרץ וואַרפֿט מען א זייטיגן בליק אויף ווייב און טאָכטער...

און ווייט, ווייט איז צו אַלעם גוטן!

ווייט איז דער הימל, ווייט — פּאַלעסטינע, ווייט איז אפֿילו

אוגאַנדאַ, וואָס שרעקט שוין פון ווייטן מיט׳ן וועקסל־פּיבער: אַ מענטש גייט אין גאַס און פאַלט פּלוצים אַנידער און שלאָפט איין... ערגער, דאַכט זיך, ווי היישעריק... ווייט איז אפילו צו חנוכה, צום האַלבן יום־טוב מיט דער טייערער גרויסער אָקע און שפּאַט־ביליגער, קליינער אילומינאַציע און נאָך ביליגערע, כאַטש פּלאַם־פייערדיגע, רעדעס איבער פּאַלעסטינע, אוגאַנדאַ, אָדער איבער סדום, וואָס דאַרף זיך איבערקערן, ועמורה, וואָס זאָל איינגעזונקען ווערן....

און די טעג ווערן וואָס אַמאָל קירצער, טרויעריגער, פייכטער און וואָס אַמאָל אומניצלעכער.

און אַן אונטערגאַנג גייט אַרום אויף קינדער, אויף די אָרימע שעפּעלעך... ווייניגסטנס, קרענקט מען אָן אַן אונטערשייד פון גלויבן, אָן פּראָצענט...

קאַלט, טרויעריג, נאַס און אַן אונטערגאַנג אויף אומשולדיגע קינדער, נאָר אַ טייל פון דער פּוילישער פּרעסע, דער פרומער טייל מיין איך, איז גאַנץ לוסטיג און לעבעדיג!

אויף דער לאַנקע, וואו עס גראָזט דאָס אמת׳ע פי, דאָס אמת ריינע, פרומע און כשר׳ע, איז די פּאַשע פעט און נאָך באַשפּריצט פון נחת בלימלעך — אַ פאַרשמעקעניש צו דער נאָז, אַ פרייד צו די אויגן!

נאָך לאַנג, לאַנג וועט מען ברויכן די אַנטיסעמיטישע פּרעסע! עס ווייזט זיך אויס, „אַז די וועלט פאַרמאָגט 10 מיליאָן אידן און די העלפט דערפון וואלגערט זיך אַרום אין טשערטאַ״! 5 מיליאָן אידן וועלן געוויס זיך אַזוי גיך נישט אויסטויפן, נישט אַזוי גיך אַסימילירן... מען וועט זיי אַזוי לייכט נשט פאַרדייען... הכלל — געשעפט בלייבט געשעפט! ווי עס איז, פאַראומערן דאָס לעבן וועט מען זיי שוין!

„און די אינטענדאַנטסטוואָ, לעבן זאָל זי, האָט אָנגעהויבן קויפן פוראַזש דירעקט ביי די פּריצים; אידישע פּאָדריאַדטשיקעס און פּאַקטאָרן וועט מען שוין, גאָט זיי דאַנק, פּטור ווערן״! כדי אָבער די אידעלעך זאָלן נישט שווינדלען, און אונטערשטעלן פּריצים אַלס פאַרקויפער פאַר זייער תבואה, „פאַרלאַנגט די קלוגע

אינטענדאַנטסטווא פֿון יעדן, וואָס שטעלט צו א פּאַרטיע פּוראַזש, א באַווייז, אַז די תבואה איז אויף זיין אייגן פעלד געוואָקסן״! מען דאַרף נישט די תבואה זאָל זיין מיט אייגענע הענט געזייט און געשניטן; גענוג דאָס פעלד זאָל זיין אייגן. און אויף רע־ליגיאָן פּרעגט אייגנטלעך די אינטענדאַנטסטווא נישט, דאָס ברויך זי נישט... גוט־באַזיצער אידישע איז פאַראַן ווייניג (אַז מען דאַרף, שרייט מען, אַז צופיל), אַרענדאַטאָרס אפשר מער, זיי הויבן אָבער אויך שוין אָן צו פאַלן אין דער צאָל: דער גרעס־טער גוט־באַזיצער, דער גראַף זאַמאָיסקי, וואָס האָט ביז אַהער, לויט מען פלעגט שרייבן, ליב געהאַט, אויסער פערד און שאַנסאָ־נעטקעס, נאָך אידישע אַרענדאַטאָרס אין זיינע פאָלוואַרקן, און פאַר דאָס פיינט געהאַט גלחים און קלויסטער, איז היינט, גאָט זיי דאַנק, א בעל תשובה געוואָרן, די קלויסטער, וואָס ליגן אין די גרעניצן פון זיינע שטעט און פאָלוואַרקן, ווערן פאַרריכט און פיין־געשטעלט אויף זיין אייגענעם חשבון. גלחים ווערן צו יעדער צייט פיין אויפגענומען, מיט אַלערליי כבודים... דערפאַר אָבער, וואו עס ענדיגט זיך א אידישער קאָנטראַקט, היידא, גייט שוין אויף זיין אָרט אַריין א קריסט! נאָך 10 פאָלוואַרקן און 22 מילן זיינען אין אידישע הענט, נישט אויף לאַנג: אויסגעלייזט מוז ווערן די ערד! איר זעט? אומעטום די זעלבע אידעאַלן — גאולת הארץ!

און נישט די ערד אַליין דאַרף אויסגעלייזט ווערן, דער האַנדל אויך! דער אַמאָליגער, נאַרישער פריץ האָט זיך געשעמט מיט׳ן האַנדל (אויסער׳ן האַנדל מיט אונטערגעפעלשטע פערד), היינט קומט דאָס דאָרף אין שטאָט אַריין און צעשפרייט מיט די הענט, און שטופּט אַרויס דעם איבעריגן, דעם פרעמדן... אויף די נאַ־לעווקעס, פאַר׳ן אייזערנעם טויער, אויפ׳ן גרזיבאָוו אפילו, מערט זיך די צאָל פון ריין־קריסטלעכע געשעפטן און אפילו דאָס געלט־געשעפט האָט אויך אויפגעהערט צו זיין א מאָנאָפּאָל אין אידישע הענט. מיר פאַרמאָגן שוין עטלעכע קריסטלעכע באַנק־הייזער, אַצינד האָט זיך נאָך איינס געעפנט: ברזאָסקאָ עט קאָמפּ... א פיין חנוכת הבית געווען, עכט ערלעך און פרום...

און דאָך איז דאָס אַרויסצושטופּן, איבער דער גרענעץ אַרי־בערצואוואַרפן נישט אַזוי לייכט. די אידישע עמיגראַציע וואַקסט אַפילו פון טאָג צו טאָג, אָבער דאָך נישט אַזוי געשווינד, ווי דאָס דאָרפישע פרומע הארץ פאַרלאַנגט עס! און די דאָרפישע עלענ־בוינן בויגן זיך אַמאָל איין, נישט אויס... בעסער וואָלט געווען עס זאָל בטל ווערן די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", אידן זאָלן זיך צעשיטן אויף גאַנץ רוסלאַנד, צעזייט און צעשפּרייט זאָלן זיי ווערן... אומעטום זאָלן זיי זיין, נאָר אין ערגעץ נישט די מער־הייט, אין ערגעץ נישט קיין קראַפט... וואָס ווייניגער אידן אויף איין אָרט, איז געזינטער!...

עס איז דאָך נישט אַזוי לייכט — קרעכצט מען — פון אידן פּטור צו ווערן. פאַראַן אַ קאַפּעלע אין פילהאַרמאָניע, מוזן זיין, אויסער דייטשע און פראַנצויזישע, אויך אידישע קלעזמער! גע־מאַכט אַן אויסשטעלונג אויף צעלניק — אידעלע מוז אַריין מיט זיין סחורה! און אין פּאַביאַניצע, אין אַ שטאָט, וואו דער אַנ־טיסעמיטיזם וואַקסט ווי אויף הייוון און ציט זיך ווי אַ שטריק אויפ'ן אידישן האַלז, וואו מען האָט שוין אַ ריין־קריסטלעכע קרעדיט־געזעלשאַפט, און מען עפנט נאָך אַ צעלניק־קראָם: „יעד־נאָשטש", פאַרשטייט זיך, אַ ריין־קריסטלעכע קראָם, — גייט זיך פונדעסטוועגן אַ אידל און בויט זיך אַ דריי־שטאָקיג הויז, גלייך ער וואָלט גאָר אויף משיח'ן נישט געוואַרט, גלייך ער רע־כענט, אַז זיינע אייניקלעך נאָך וועלן דאָ פאַרפעסטן די לופט מיט ציבעלעס און קנאָבל!

און נישט אַזוי ווייט שולדיג איז די האַק, וואָס האַקט אויס די בוימער, ווי דער וואַלד אַליין, וואָס גיט די שטיל צו דער האַק! אין וואַרשע איז פאַראַן אַ אידישע געווערב־שול, לער־נען קריסטלעכע מייסטערס די אידישע קינדער אַרבעטן! און אין פּאַביאַניצע, ווער בויט דאָס אידישע הויז? פאַרשטייט זיך, די קריסטלעכע מוליאַרעס! און וואָס קומט אַרויס דערפון? מען

לאזט דעם איד וואקסן, און מען פארלירט דערביי די וועלט און יענע וועלט! ווייל אזוי דער קריסטלעכער מייסטער אין דער אי־דישער געווערב־שול אין ווארשע, ווי דער מוליאר, וואס בויט אין פאביאניצע דאס אידישע הויז, מוזן האלטן שבת! און ווייטער דאס אייגענע: די זעלבע אידעאלן — „גוי ששבת" איז ביי זיי אויך סכנת נפשות...

צווישן די קליינע, נארישע העצרייען געפינט זיך אבער אויך עפעס וויכטיגס: ווי, למשל, די פראגע פון שחיטה...

פאראן אין ווארשע, ווי אומעטום, א חברה „צער בעלי־חיים", וואס וויסט שוין נישט, וואס מיט זיך צו טאן... ארומלויפן אין גאס און כאפן דראשקארעס, וואס שמייסן צו שטארק די פערד, אדער שפאנען איין קראנקע פערד, אדער איבערלאסטן די פערד, ווילט זיך נישט... דאס טוט יעדער סטראזשניק! אין דארף, מיט'ן פויער אנצוהויבן, איז נאך געפערלעך, מען קען לייזן א גוט ווארט אונטערגעשפארט מיט א זעץ אין פלייצע... ווארפט זיך, נעבעך, די חברה ווי א שלאנג, מען מוז דאך האבן עפעס צו טאן, מען מוז שאפן מאטעריאל, צום פארשרייבן אין די יער־לעכע חשבונות וואס גייען אין די הויכע פענצטער און וואס דארף איבערגיין צו דער געשיכטע!... גייט זי, נעבעך, די חברה און נעמט, למשל, אויף זיך די הונט־שלעגעריי אין די גאסן, דאס אפרייניגן די גאסן און ארויספירן די נבלות פון גע'פגר'טע הינט און קעץ... איז נאך ווייניג, נעמט זי זיך אצינד נאך צו שחיטה. שחיטה, זאגט די חברה, איז אן עולה! קוילען מוז מען, נישט שחט'ן אין שחט — בעסער געזאגט: אין קייל־הויז פאלן נישט דערשלאגענע אקסן, נאך פאר יציאת נשמה ציט מען פון זיי אראפ די הויט.

נאר מיט די העקער־יונגען ווייל די חברה נישט אנהויבן; מיט אידן איז לייכטער. און האט מען דא א גריימע ליטעראטור. ווייניג האט מען געגן שחיטה געשריבן? מען דארף נאר איבער־זעצן און פארשטעלן ווי מען דארף...

וואס מען האט פאר שחיטה געשריבן, האט אפילו דער הויך־געלערנטער „פשעגלאנד טיגאדניאווי" נישט געלעזן! און דערוי־

בער פרייט ער זיך אזוי, וואָס די חברה צער בעלי חיים נעמט זיך צו אזא נוצלעכער זאַך, ווי מבטל זיין שחיטה.

„ערשטנס, איז אידוע לכל — שרייבט ער, — אז שחיטה איז נישט מענטשלעך". די מענטשלעכקייט פאַרלאַנגט: קײלן! א האַק אין קאָפּ אַריין, איז איינער צו ווייניג — נאָך א זעץ... ביז צום דריטן און פערטן מאָל... די הויט דערוויייל מעג מען שינדן...

צווייטנס, האַלט דער „פשעגלאָנד" זייער פון די אויסלענדישע פרייע לענדער און אז מען האָט אין דער שווייץ גע'אסר'ט שחיטה, קען ער איר קיין גוטער פריינט נישט זיין!

און אידן — זאָגט ער — וועט מען אויך דערמיט קיין רעה נישט טאָן, צו טרפות איז זיך זייער לייכט צוצוגעוואוינען, א והא ראיה: אין דער שווייץ האָט מען זיך שוין צוגעוואוינט! אויסער, נאַטירלעך, די זייער פרומע נאַראָנים, וואָס ברענגען זיך פלייש פון עסטרייך...

„דערפאַר — שרייבט ווייטער דער „פשעגלאָנד" — וואָלט רעגולירט געוואָרן דער האַנדל מיט'ן פי". וואָס פעלט דעם האַנדל מיט פי און ווי אזוי מען קען אים העלפן? שרייבט ער נישט. נאָר — אז ער זאָגט, זאָגט ער... טרויעריג איז אָבער, וואָס די היינטיגע רעגירונג וועט נישט אָנרירן קיין רעליגיעזן געברויך.

צי איז ווירקלעך די גאַנצע געזעלשאַפט דורך און דורך פאַרסמ'ט מיט'ן נאַרישסטן האַס צו אידן? ווער ווייסט? אפשר שווייגן נאָר די גוטע?

.3

קיין סך ניגונים האָט קיין שאַרמאַנקע נישט. און גייט איצט דאָס לידל „גוי ששבת", וועט עס גיין און גיין צום דול ווערן.

שציפּאַנאָוו איז א דאָרף. אז שציפּאַנאָוו איז א דאָרף, האָט עס א פּריץ, האָט דער פּריץ — א ווינט־מיל, דינגט די ווינט־מיל א איד, שטייט די ווינט־ווייל שבת, דרייט זי זיך זונטאָג!

און שציעפּאַנאָוו איז נישט אין ארץ ישראל, נישט אין אוּ־גאַנדאַ; אפילו נישט אין ענגלאַנד, וואו מען חלש׳ט א איד צו פאַרזאָרגן, אפילו ניט אין פראַנקרייך, וואו מען יאָגט די הייליגע שוואַרצע מענטשעלעך און עס האַלט כמעט ביי פאַרמאַכן די קלויסטער. שציעפּאַנאָוו איז א דאָרף אונטער לאָמזשע, לאָמזשע איז א שטאָט אין פּוילן, וואו עס הערשן די „ראָלאַ", און די „קראָניקאַ ראָדזינאַ" און דער „פּשעגלאָנד קאַטאָליצקי", און די „ניוואַ פּאָלסקאַ", וכדומה...

פאַרוואָס דרייען זיך די פליגל פון דער קאַטוילישער ווינט־מיל אויף דער קאַטוילישער ערד אום זונטאָג און שטייען שבת? ווייל די קאַטוילישע ווינט־מיל אויף דער קאַטוילישער ערד האַלט א איד. פאַרוואָס האַלט זי א איד? ווייל ער האָט געגעבן א רובל שכירות מער. פאַרוואָס האָט ער געגעבן א רובל מער? צי ווייל ער האָט דעם פּריץ ליבער? א קלאָג איז דער ליבשאַפט! ווען זיי זאָלן ליב האָבן דעם פּריץ, וואָלטן זיי נישט געדעדט פון פאַלעסטינע. אפשר ווייל א איד דאַרף וויניגער און וויל וויניגער פאַרדינען? חס ושלום. א איד דאַרף מער! רעכנט: געפילטע פיש אויף שבת, ווייסע חלה אויף יום־טוב, אויף פּורים — מיט זאַפרען, חדרים פאַר קינדער, מקואות פאַר ווייבער, היינט — קהילה־געלט פאַר שוחטים און רבנים אין דער נאָענטער שטאָט אריין, שקל־געלט פאַר׳ן דר. הערצעל קיין ווין, אונטערצושטיצן די האַקאַטע אין בערלין... אלא מאי? טאַקע להכעיס! נישט מער ווי להכעיס דעם קלויסטער! דאָס גרעסטע נחת האָט א איד, אַז ער זעט, ווי א קאַטוילישע ווינט־מיל דרייט זיך אום זונטאָג און שטייט אין זיין הייליגן שבת...

דאָס זעלבע איז מיט דער שמידעריי פון זעלבן פּריץ, אין זעלבן דאָרף. ווי קומט א איד צו א שמידעריי? זינט דער רבונו של עולם האָט פאַרשאָלטן אָדם הראשון און זיינע קינדער מיט דער אַרבעט, באַמיט זיך דער איד אַלץ אינאיינעם די גאַנצע קללה זאָל פאַלן אויף גוי׳אישע קעפּ און ער זאָל אָוועקקויפן דאָס גאַנצע ביסל נאַפט אין באַקו אָדער האַנדלען מיט אַלטע הויזן. עשו האָט געאַרבעט אויף דער בכורה, יעקב האָט זי אויסגענאַרט פאַר א ביסל אַרבעס. פון מצרים, וואו מען האָט געמוזט אַרבעטן, איז

מען אנטלאָפן אין מדבר אַריין, וואו מען קריגט, אָן א שפּור פון אַרבעט, מן און שלו פון הימל און וואסער פון שטיין. אין ארץ ישראל האָבן געאַרבעט די פלשתים מיט גבעונים און אידעלעך האָבן זיך געשפּאַצירט „עולי רגל”... דערנאָך איז זיי דאָס אויך נמאס געוואָרן, און איבערגעקויפט טיטוס'ן, ער זאָל זיי פאַר־טרייבן, ער זאָל חרוב מאכן דאָס בית־המקדש, וואָס האָט פאַר־לאַנגט קרבנות, מיט לאַנד, וואָס האָט פאַרלאַנגט ארבעט, און פאַרשפּרייטן די אידעלעך צווישן די אומות העולם, זיי זאָלן האָבן לייכטע פרנסות — נאַפט אין באַקו, אַלטע הויזן, פאַלשע לאָזען וכדומה... נאָר אז דאָס „בית־המדרש” וויל להכעיס טאָן דעם קלויסטער, גייט א איד און שטעלט זיך אפילו פאַר א קאָוואַל! פאַרשוואַרצט ער זיך די אַרבל און קאָוועט דעם פריץ'ס פערד פאַרשטייט זיך, אום זונטאָג, וואָרום א גאַנצע וואָך האָבן דאָס פערד ווי דער פאָרנאַל קיין צייט ניט... און זונטאג, די גלאָק קלינגט און דער אידישער האַמער קלינגט אינ'ם גלאָק אַריין! אָבער שבת — חס ושלום! שבת שטייט די קוזניע אין שציעפּאַ־נאָוו, פּונקט ווי אין באָגושיצע, אין וורזשעשטש, און גאָט ווייסט וואו נאָך עס אַרבעטן אידישע קאָוואַליעס — פאַרהאַמערט, כאָטש האַק און בראָק, כאָטש ברען און בראָט, שבת אַרבעט ער נישט!

און פאַרקערט, וואו מען קען שאַדן א קריסט מיט חלול־שבת, איז מען מחלל שבת. דער רב כלומרשט בייזערט זיך, קהל שרייט דאָס איז אָבער נאָר לפּנים; מען מיינט עס נישט ערנסט. פאַרקערט, מען ווייסט, אז אַנדערש וועט דער אידישער מסחר, געגן דעם קריסטלעכן, קיין קיום נישט האָבן!

אז מען האָט פאַלשע וואָג און מאָס, שלעכטע סחורה און הויכע פרייזן, מוז מען ספּעקולירן אויף דער צייט, אויף די טעג, ווען די קריסטלעכע געוועלבער און קראָמען זיינען געשלאָסן. און ערשט ניט לאַנג, — ווייסט די „ניווא פּאָלסקא” — האָט זיך אָפּ־געשפּילט אויף דער מאַרשאַלקאָווסקא גאַס אזא מין קאָמעדיע:

צו א כלומרשט גאַנץ אָרענטלעך אידל, וואָס האַלט אָפן דאָס געוועלב אום שבת, זיינען אַריינגעקומען דריי כלומרשט גאַנץ אָרענטלעכע אידן פון גאַס און האָבן זיך אים געבויגן „ר' איד,

נאָך וואָס פאַרזינדיגט איר אייער נשמה און האַנדלט אין הייליגן שבת? צי איז אייער נשמה א ווישקראַביק פון א פּרעמדער מול־טער און איז נישט געשטאַנען ביים באַרג סיני און נישט געהערט, אַז זעקס טעג האָט גאָט געאַרבעט און באַשאַפן די וועלט, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט?"

דערויף האָט זיך דער כלומר׳שט שיינער איד, וואָס האַלט אָפן דאָס געוועלב אום שבת, צוריק גענייגט און מיט א שיינעם „גוט יאָר" צוריק געבויגן, און געענטפערט און אַזוי געזאָגט: „רבותים, נעמט די פּיס אויף די פּלייצעס און גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר"... און אַזוי זאָגנדיג האָט ער גאָר פריינטלעך געשמייכלט.

און די דריי כלומרשט אָרענטלעכע אידן זיינען אַרויסגעגאַנ־גען פון קראָם און האָבן אויך געשמייכלט, און איינער צום צווייטן האָט געוואונקען מיט נחת: יוצא געוועזן געגן גאָט און געגן קהל — ער וויל נישט, און אַז ער וויל נישט, קענען מיר אויך ניט וועלן...

און פיל, פיל אידישע געוועלבער לייזן אום שבת און דעריבער מוזן די קריסטלעכע סוחרים האַלטן אָפן די קראָם אום זונטאָג!... נעבעך!

און פונדעסטוועגן הויבט זיך דער קריסטלעכער מסחר. אָט דער זייפן־זידער פון וואָלסקא גאַס נומער 13. די „ראָלא" ווייסט, וואָס אידן־קאָנקורענטן האָבן אויסגעאַרבעט אונטערצובריינגען דעם קאַטוילישן זייף. עס איז זיי אָבער נישט געראָטן... דער זייפן־זידער וואַקסט און וואַקסט און שטעלט שוין צו זייף אין די שפּיטעלער אַריין...

דערפאַר אָבער וואַקסן ביי אונז אַנדערע פּרנסות... אַמאָל פּלעגט מען זיך דרייען אַרום דער באַנק און — לעבן דערפון, האָט מען עס פאַרוועדט. מען פּלעגט האָבן שענקען, אויף יעדן ווינקעלע א שענק — מאַכט זיך א מאָנאָפּאָל! מען פּלעגט האַנדלען מיט פּראָצענט, היינט, אויסער בסוד סודות — חס ושלום, מען זעצט איין! אידישע זייפן־זידעריי וועט אויך פאַלן, וואָלסקא נומער 13 וועט זי אודאי איינשלינגען... זיין ליבער

נאָמען שיקט אָבער די רפואה פאַר דער מכה: אויפ'ן אָרט פון דעם אַלעם וואַקסט די ליטעראַטור!

א גאַסט איז ביי מיר געווען, א ווייטער קרוב, לא־עליכם, אן אָרימאַן.

— איך בין אייך געקומען בעטן אויף א חתונה...

ער מאַכט חתונה די זיבעטע טאָכטער. נדן האָט ער שוין באַלעגט, חתונה־קליידער — געמאַכט, די „פּאַפּירן" זיינען פאַר־טיג, די סאַליע און קלעזמער געדונגען, נאָר אויף א סעודה פעלט אים. כאָטש עטלעכע פונט פיש...

— נעמט איר כאָטש, — פרעג איך, — אן איידעם א פּרנסה־געבער?

— נאָך ווי הייסט,—זאָגט ער,—א פּרנסה־געבער!

ער אַליין איז נאָך פון דער אַלטער וועלט, ער וואָלט געהאַט אמונה און בטחון, ער ווייסט אַז גאָט פאַרלאָזט נישט.

— אָט, — זאָגט ער, — ווי איר קוקט מיך אָן, לעב איך שוין א יאָר 40 אָן א קאָפּיקע! און קיין פאַך אין דער האַנט האָב איך אויך נישט, איר ווייסט דאָך! און, זעט איר דאָך — איך לעב!

ווי אַזוי ער לעבט — דאָס איז שוין אַן אַנדער שאלה...

די טאָכטער אָבער איז שוין א היינט־וועלטיגע, זי וויל דוקא א פאַרטיגן פאַרשוין, א פּרנסה־געבער... און ער האָט איר גע־פונען... עס האָט אפילו לאַנג געדויערט, זי האָט זיך א ביסל געעלטערט, די טאָכטער; נאָר געפונען, וואָס איר הארץ האָט געגלוסט, האָט ער.

— וואָס איז ער, אייער קינפטיגער איידעם? — פרעג איך.

— א שרייבער! — ענטפערט ער שטאָלץ.

— אין א וואַלד?

— חס ושלום! פאַרוואָס אין וואַלד? א קראַנקער איז ער, חס ושלום, וואָס?

— אין שטאָט, אין א געשעפט?

— אין שטאָט, אָבער ניט אין א געשעפט, א גראָבע זאַך וואָלט מיין טאָכטער נישט געוואָלט. זי איז אפילו נאָר א נייטאָרין, נאָר אן איידעלן געשמאַק האָט זי, היינטיגע צייטן—א שרייבער אין א צייטונג איז ער!

— ווי הייסט ער?

ער זאָגט מיר א ווילד־פרעמדן נאָמען.

— א פרישער טאַלאַנט?

— אָבער גאָר א נייער. צאַפּלדיג פריש פון דער נאָדל... ער לערנט זיך נאָך צו א ביסל גראַמאַטיק מיט אויסלייגן... נאָר מען שלאָגט זיך שוין איבער אים. סאָקאָלאָוו רייסט אים ביי דער פּאָלע צו דער ענציקלאָפּעדיע. „אחיאָסף" שרייט, זי קאָן אָן אים ניט ענדיגן דעם „לוח", „האור" וויל אים פאַר א סעקרעטאַר; זאָל זיך נאָר לייזן, — שרייבט מען אים, — וועט זי אים צאָלן א רובל 40 א חודש, לכל הפחות! היינט גיט רייזען אַרויס א זאַמל־בוך, וויל ער כאַטש א נאָוועלע. ווי הייסט, זאָגט ער, דו ביזט א יונגער, מוזסטו אַרבעטן מיט יונגע. אַניט, וויל ער כאַטש א שיר'ל, א פיצל באַדיי, אַבי צום באַשמעלצן!... היינט דער „העולם" — 2,500 רובל האָבן זיי שוין, קוים וועלן זיי האָבן 30 טויזנט, מאַכן זיי אים פאַר א רעדאַקטאָר! נאָר פּשוט!

— און דערווייל?—האַק איך איבער די גליקן.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט: דערווייל לערנט ער צו גראַמאַטיק מיט אויסלייגן...

— באַ, גיט ער צו מיט א זיפץ, ער זאָל שוין קענען גראַמאַטיקע מיט אויסלייגן אויך, וואָלט ער זיך געלאָזט אָפּגילטן... וואָלט איך צו אים נישט געקומען; ער וואָלט איינגענומען די וועלט!

— און ווי אַלט איז ער? — פרעג איך.

— א יאָר 19.

— מען וועט אים נאך צונעמען צום מיליטער?
— חס ושלום,—זאגט ער,—א קאליקע!

4.

דעם טאג, ווי שיין ער זאל זיך נישט אנהויבן, דארף מען נישט גלויבן. ער הויבט זיך אמאל אויף מיט א פנים פון א רחמנות'דיגן מליץ־יושר, און גייט אונטער—אלדאס־בייז זאל אזוי אונטערגיין.

דער גרויסער דיכטער אסיאן האט עם אמאל געזאגט בדרך משל:

א יעגער — האט ער באשריבן, — האט זיך אמאל אין א שיינעם פרימארגן געלייגט אפרוען אויפ'ן שמעקנדיגן גראז, אין פרישן, גרינעם, זינגענדיגן וואלד, אונטער א בוים — א קדמון, וואס האט אים איינגעשלעפערט מיט'ן זיסן גערויש פון זיינע פרישע בלעטער, און איינגעפליסט די בעסטע חלומות מיט'ן גע־זאנג פון צווישן זיינע צווייגן, — ווי נאר א מוטער קען איינ־וויגן און איינשלעפערן איר איין־און־איינציג קינד מיט איר זיס־האניגדיג וויגן־ליד...

נישט לאנג האט עס געדויערט!

דעם יעגער האט אויפגעוועקט א דונער! און, אז ער האט די אויגן געעפנט, איז ער שוין כמעט געשוואומען אין א טייך פון רעגן־וואסער פון די ארומיגע בערג...

און איז אייך אסיאן וויייניג, נעמט א מעשה פון האטעל:

די, וואס דארפן אלץ זען פאראוים, האבן נישט די טבע הויך ארויפצוקוקן, און האבן נישט געזען דעם פאגראם, כאטש ער האט שוין געשוועבט איבער'ן שטעטל אין דער לופטן, ווי א גייער, וואס קרייזלט ארום, אויסקוקנדיג זיין רויב פון דער הויך! נאר די אידישע הערצער האבן שוין געצאפלט. זיי האבן געפילט, אז עס קומט א צייט, ווען א „גשם אלהים" וועט זיין, נישט קוקנדיג אויף זיין שיינקייט, א געפערלעכע זאך, און אויפוועקן קנאה־שנאה!

און וואס דארף איך א סך ראיות? אן אלטער פיליסטער

האָט אַמאָל געזאָגט: גלויב נישט דעם שענסטן טאָג! און פון דעמאָלט אָן גייט קיין עכטער באַלעבאָס אָן א רעגן־שירם נישט פון שטוב אַרויס...

איך בין אייך נאָר געקומען זאָגן, אַז איך אַליין האָב אויך איבערגעלעבט אַזאַ טאָג, א טאָג וואָס האָט זיך געעפנט ווי א שמאַלץ־גרוב פון נחת, און פאַרשלאָסן טאַקע — ווי אַן אמת קבר.

און דאָס נחת האָב איך באַלד אין דער פרי נאָך אין בעט אפילו געהאַט, דען איך בין געוואוינט דורכצוּוואַרפן די פּאָסט: בריוו און ציימונגען אין בעט, און טאַקע די לעצטע האָבן מיר געבראַכט די ישועות ונחמות.

ערשטנס, האָב איך פון קיינעם קיין מאָן־בריוו באַקומען, כאָטש שולדיג בין איך איבער'ן קאָפּ, ווי עס פּאַסט פאַר א קליי־נעם סוחר... אָדער מיינע נושים זיינען צו רייך געוואָרן, און עס פּאַסט זיי נישט צו מאָנען; אָדער — צו אָרים און האָבן אויף קיין פּאָסט־געלט נישט געהאַט, אָדער זיי האָבן מיך שוין לאַנג אַרויפ־געשטעלט אויף דער קאָנטאָ פון היזק און אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — — —

צווייטנס—אַן אָנגענעמע דעפּעשע אין „קוריער וואַרשאַווסקי", ווי אויך אין אַנדערע, זיינע קאָנקורענטן. און נישט די דעפּעשע איז אַזוי אַנגענעם, ווי דאָס, וואָס עס פעלט אין דער דעפּעשע.

ביי די לעצטע וויבאָרעס אין פּויזן, האָט א איד בשום אופן נישט דערלאָזט, עס זאָל אויסגעקליבן ווערן א פּוילי־שער פּרעזידענט; ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל דוקא א דייטש... און אַצינד שטעלט אייך פאָר, אַז, אַחוץ עטלעכע אָפּן־אַנטיסעמיטישע בלעטער, האָט קיין איינציגער נישט פאַרגעסן אויסצושטרייכן דאָס אידישקייט פון די אויסקלייבער!...

עס פאַלט מיר אויף קיין סעקונדע נישט איין, אַז די בלעטער האָבן אַזוי געטראַכט: „אויב מען פאַרלאַנגט, על פּי דין פון אַסימילאַטאָרישן שולחן ערוך, פון אידן, זיי זאָלן נישט האָבן קיין אייגענעם פּאַטריאָטיזם נאָר דוקא א פרעמדן, מוז, נעבן דעם

אידיש־פוילישן, אויך א אידיש־דייטשער פאטריאָטיזם עקזיסטירן, ווי אויך אן ענגלישער, פראַנצויזישער, אַמעריקאַנישער א. ד. גל., היינט שון א אידיש־פּאָנאַמישער פאטריאָטיזם אויך! אין עסטרייך מוז גאָר זיין א פאַרמישעניש פון אַלערליי אידישע פאטריאָטיזמען. נאָך וואָס־זשע זאָלן מיר אַרויסשטעלן דעם איד?" ווי געזאָגט, איז מיר דאָס גאָר נישט איינגעפאַלן! דאָס וואָלט שוין געווען צו ערלעך און צו קלוג פאַר טעגלעכע גאַסן־בלעטער פון געוויסן סאָרט. זייער ערלעכקייט טרעט אַרויס נאָר געגן שטאַרקערע, וואָס לאָזן זיך נישט בייסן נאָר בעטן, און זייער חכמה איז א בלימל, וואָס וואַקסט קיינמאָל נישט העכער פון זוים פון באַרג וואו די בהמות פּאַשען... אלא מאי? מען רעכנט זיך מיט'ן אידישן אַבאָנענט! דאָס איז אויך שוין א גוטע זאַך, א סימן, אַז מיר שטאַרקן זיך און, לעזנדיג א בלבול, זאָגט מען שוין נישט: „דאָס מיינט מען יענעם, דעם מיאוס'ן איד, און נישט מיך, ווייל, איך בין א שיינער!" מען ווייסט שוין, אַז אַלע זיינען שיין פאַר זיך און מיאוס פאַר פרעמדע! אפילו אין דער דייטשער שול, דערציילט מען, ווערט ביים „לייענען" שטיל אָפּגערעדט, וועלכע בלעטער מען זאָל שטיצן, און וועלכע עוקר מן השורש זיין... נישט וואָר—א נחת?

דריטנס, איז מיר אין דער האַנט אריינגעפאַלן אן אַנאָנימער צירקולאַר, וואָס ראָט: מיר, אידן, זאָלן מאַכן יד אחת, און אָפּזאָגן דעם „קוריער וואַרשאַווסקי"! כאָטש איך וויים פּאָזיטיוו, אַז דער „קוריער וואַרשאַווסקי" איז נישט ערגער און נישט בעסער פון זיינע חברים; כאָטש איך וויים גאַנץ זיכער, אַז דער צירקולאַר קומט נישט אַרויס פון אונזער צד, נאָר פון „קוריער וואַרשאַווסקי'ס" קאָנקורענטן, וואָס ווילן דאָס אידיש וואַסערל זאָל גיין אויף זייער מילכל, פריי איך מיר דאָך! פרעמדע האַלטן אונז פאַר א קראַפט! מחוץ למחנה גלויבט מען אין אונזער סאָלידאַריטעט! און, ווייסן וויים איך, אַז נישט איין גוטע זאַך האָט מען ביי אונז אַרויסגעריסן פון דרויסן! דער ערשטער ציוניסט, למשל, איז געווען א פּראָקוראָר, וואָס האָט דערציילט פון אָפענע גרעניצן!

איך נעם מיך צוריק צו די בלעטער און ווער געוואויר, אַז די אָפענע אַנטיסעמיטן האָבן, נישט פאַר אייך געדאַכט, א גרויסן מכשול געהאַט. אן אַנדערער וואָלט שוין דעם האַלז געבראָכן, זיי, וואָס שטיצן זיך אויפ'ן פאָלק מיט'ן קלויסטער, ווען עס אויך נישט אַזוי לייכט איבערקרענקען. און די מעשה איז א שיינע: זאַלץ אין די אויגן איז זיי פון אייביג אויף די „גאַזעטאַ האַנדלאָוואַ", וואָס שטעקט ווי עס איז אין אידישע הענט, און כאָטש זי טרעט אַרויס געגנוג שאַרף געגן ציוניזם און (אידישן, נאַטירלעך) נאַציאָנאַליזם, רעדט זי פאָרט אַמאָל א גוט וואָרט פאַר די „בירגער פון מאָזאַאישער קאָנפעסיאָן" און האָט נאָך גאַנץ אָפט א מיאוס'ן ריח פון אידישער חוצפה. אידישע חוצפה האָט זי, למשל, באַוויזן ערשט נישט לאַנג, ווען עס איז געגאַנגען וועגן א פאַטריאָטישן ביין צום אָפּלעקן, דער וואַרשעווער מאַגיסט־ראַט האָט באַקומען אַן אויסלענדישע הלואה פון 33 מיליאָן אויף שטאָט־זאַכן, האָט די פרעסע פאַרלאַנגט, זי זאָל זיין פאָרגעשטעלט אויף די אסיפות וועגן די חשבונות פון דער הוצאה והכנסה. ערשטנס, איז עס כבוד, צווייטנס א מין שטיקל פרייהייט, דריטנס, ווי געזאָגט, — א ביין צום אָפּלעקן: נאָך אַזוינע אסיפות דער־לאַנגט מען צו פאַרבייסן! און פערטנס — וואו חשבונות, קענען אַריינפאַלן טעותים, טעותים דאַרף מען פאַרגלעטן און פון פאַר־גלעטן און העלפן פאַרגלעטן לעבט נישט איין פובליציסט... וואָס טוט די „גאַזעטאַ האַנדלאָוואַ"? אין סאַמע־ראָדנער היץ פון זיך מקריב זיין לטובת הכלל, טרעט זי אַרויס מיט א קאַלטער עצה טובה פאַר'ן מאַגיסטראַט, ער זאָל זיך לאָזן כאַפּן אין דער גראָ־בער נעץ פון פאַטריאָטישער חנופה, און נישט רופן די עם־הארצים צו אסיפות וועגן זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן קיין באַגריף נישט! פאַרשטייט זיך, אַז אַלע „פעדער־בייסער", „בראָטן דרייער", פאַט־ריאָטיזם־הענדלער און אַנטיסעמיטן, אַזוי אָפענע, ווי באַהאַלטע־נע, וואָס פאַרקויפן די סחורה, ווי אויסלענדישע ציגאַרן בסוד סודות פון א באַהעלטעניש אַרויס, און גלאַטע „הויט־שינדער", וואָס לעבן האַלב דערפון, ווייל די אַנדערע העלפט נעמט צו דער סטיליסט, אַז די אַלע זיינען אַרויס פון די כלים! הונדערט נמרוד'ס האָבן זיך געלאָזט געגן איינציגן אידישן פוקס, און די

„גאזעטא האנדלאָווא" האָט זיך,—א וואונדערלעכע זאך! — נישט דערשראָקן. פּאַרקערט, זי האָט נאָך די העזה געהאַט ארויסצוטרעטן מיט א בייז ארטיקל געגן די הנהגה אין שפּיטע־לער...

דער שרייבער פון ארטיקל איז, מיט דער הנהגה אין די קראַנ־קען־הייזער, זייער נישט צופרידן. מען באַהאַנדלט דעם קראַנקן לויט דער אַלטער מאָדע, לויט דער אַלטער פילאָסאָפיע פון איוב'ס חברים נאָך, וואָס האָט געגלויבט, אַז יעדע קרענק איז אַן אָנשיקע־ניש, א שטראָף פון גאָט, וויינינגסטנס אַן אָפּקומעניש פאַר שווערע זינד.

וואָס בלייבט, ביי אַזאַ אבערגלויבן דעם קראַנקן צו טאָן? תּשובה טאָן, אין האַרץ אריין זיך קלאַפּן, מוסר הערן פון גוטע און פרומע לייט'ס מויל, און אין איינוועגס וידוי זאָגן, קלאַפּן זיך על־חטא און אויסשטרעקן די האַלז געגן מלאך המות'ס חלף...

היינט — מיינט דער שרייבער — זיינען אַנדערע צייטן. מיט'ן קראַנקן האָבן מיר מיטלייד, מיר ווילן אים היילן, שטאַרקן, אָפּ־שוואַכן וויינינגסטנס דעם וויטאָג, הויבן דעם הומאָר, צעיאָגן די מרה־שחורה, פרייער און לעבעדיגער מאַכן. אין שפּיטאָל איז אָבער אַלץ פאַרקערט. אַלץ וואַרפט אויפ'ן קראַנקן פּחד און מרה־שחורה. ערשטנס, איז דאָס שפּיטאָל א מין תּפיסה, מיט „סווידאַניעס" איינמאָל אין וואָך פאַר די נאָענסטע קרובים. צוויי־טענס, איז אַלץ וואָס רינגלט אַרום דעם קראַנקן, פאַר'מרה־שחורה'ט, גרוי אָדער שוואַרץ, פון דאָקטאָר ביז צום פעלדשער, פון די ווענט, ביז דער הייליגער שוועסטער אפילו ביז'ן שוואַרצן קרייץ אין זאַל...

דאָס האָט שוין איבערגעוואויגן אַלעס! סטייטש, א איד האָט די העזה אונז מוסר צו זאָגן, אַפּיקורסות צו לערנען און נאָך א דעה זאָגן וועגן דעם קאָליר פון קרייץ?

וואָס לאָזט זיך אָבער אויס? די אָפענע אַנטיסעמיטן האָבן א מכשול געהאַט. עס איז גאָר קיין אידיש ארטיקל נישט געווען, עס זיינען געווען, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, איניציאַלן—ראשי

תיבות—פון אַן אמת קריסטלעך־פוילישן שרייבער פון אבות־אבותיו, אָן אַ טראָפּן אידיש בלוט אין די אָדערן...

און פון דעם מכשול שעפּ איך אויך נחת. מען האָט געוואָלט אונזער איינציג אידיש־אַסימילאַטאָרישע צייטונג ווייטער אָפּ־קרעלן ווי אַ דבר אחר, נאַ דיר — עס איז גאָר אַ קריסט!...

נחת האָב איך געהאַט אפילו פון „פּשעגלאָנד טיגאָדניאָווי", באַטש ער האָט פון אַ קורצער צייט אָנגעהויבן ציטערן, מען זאָל אים נישט האַלטן פאַר אַ פילאָסעמיטיש בלאַט, און דאָך געפין איך דאָרט אַ ידיעה, אין וועלכער איך שמעלץ מיך, ווי אין סמע־טאַנקאָוועז פּוטער. „די בעסטע פּוילישע דעקלאַמאַטאָרן—שרייבט דער „פּשעגלאָנד" — האָבן מיר שוין פאַר עטלעכע יאָר געזאָגט, (און דער „איזראַעליט" האָט אודאי מיט גרויס נחת איבערגע־שריבן) איז העלענא אַרקאָווין, און אויב עמיץ קען מיט איר קאָנקורירן, איז עס נאָר מאַריע גלאַס". און ווייסן ווייס איך, אַז ביידע, אי העלענא אַרקאָווין, אי מאַריע גלאַס זיינען אידישע טעכטער. אמת, קיין איינציגע פון זיי וועט אפשר נישט קענען און נישט וועלן דעקלאַמירן עפּעס פון ביאַליק'ן אָדער ראָזענ־פעלד'ן, אָבער — אַ כבוד איז דאָס! אַן אַסימילאַטאָר דאַרף פון דער הויט אַרויסשפּרינגען!

היינט עטלעכע קליינינקייטן: ערגעץ אין דער פּראָווינץ זיינען צוויי פריצות געווען אויף אַ אידישער חתונה, ביי אַ גביר'ס אַ זון צי אַ טאָכטער, און זיינען, דער „ראַלאַ" צו צעזעצעניש, גע־שטאַנען ביי דער חופּה מיט הבדלות אין דער האַנט! איך גלויב, אַז ווי דאָס פאָר־פאָלק וועט נישט לעבן, די פלעמלעך פון די חופּה־הבדלות, אין קריסטלעכע הענט וועלן זיי באַשיינען און באַ־לייכטן דעם וועג פון מענטשלעכן לעבן — פון „ויסעו" ביז „ויחנו"...

היינט האָבן דריי פּריצים זיך צוזאַמענגעלייגט און מנדב געווען 150 רובל אויף דער קרושנעוויצער שול. די דייטשע שול אין וואַרשע האָט נאָר די זכיה צו נדבות און מתנות פון פּריש גע'־

טובל׳טע, דאָרט — פון אמת׳ע און געוויס ערלעכע קריסטן, און ווייטער דאָס זעלבע: די „ראָלא" פלאַצט!

נאָך מער: אין קאָמיטעט פון מלאָווער פילהאַרמאָניע איז אויסגעקליבן געוואָרן א איד אויך, און די „ראָלא" ציטערט, ער זאָל נישט באַהערשן די גאַנצע פילהאַרמאָניע און נישט הייסן זינגען און שפּילן מה־יפית.

און די וואַרשעווער פילהאַרמאָניע? צווישן די וועלט־אַרטיסטן, וואָס זי ברייננגט היי־יאָר אַראָב, צו באַלעבן דעם מוזיקאַלישן סעזאָן, וועט זיין א גרעסערער פּראָצענט אידן ווי צווישן די מעסער־לייט פון דזיקא גאַס!

וואָס נאָך זאָל איך אייך דערציילן?

דער „בעל כרחו יענה אָמן" איז אויך מקוים געוואָרן. דער אַנטיסעמיטישער „וויעק", וויל פאַר ניי־יאָר זיך אינטערעסאַנט און לעבעדיג מאַכן און גיט א גאַנצע רייע אַרטיקלען וועגן דער אידישער פראַגע.

און ווענען געטרויט דער אַנטיסעמיטישער „וויעק" זיין לעצט מיטל פאַר׳ן ניי־יאָר? אונזער איינעם אין די הענט אַריין! „אָהר" האָט עס איבערגענומען און גיסט, און גיסט כמעט יעדן טאָג „לויט באַפעל" — א איד טוט אַזוי זיינס, אַזוי וואָס מען הייסט אים, בשלמות, מיט׳ן גאַנצן האַרץ!

און נאָך: פאַראַן א האָפנונג, אַז פון ניי־יאָר וועט די צאָל פון וואַרשעווער גאַסן־פערד פאַרמינדערט ווערן. ערשטנס, פאַרגרעסערט זיך די צאָל פון אויטאָמאָבילן און, צווייטנס, זאָל מען אויסשפּאַנען די פערד פון די טראַמוויים און באַוועגן זיי מיט עלעקטריציטעט אָדער אפשר גערדיכטער לופט, וואָס וואַרשע פאַרמאָגט אויפ׳ן העכסטן גראַד...

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג, נאָר ווי אַזוי ער האָט זיך געענדיגט, וויל איך אייך אויך דערציילן. אַרויסגעגאַנגען פון שטוב בין איך א געהויבענער, צוריק געקומען—אויף אַלע שונאים געזאָגט!

נישט ווייט פון דער היים, באַלד אויף דער „וואָרימער״ גאַס, בין איך שיר נישט אַרויס פון די כלים.

א סצענע אין מיטן גאַס:

א רעדל פאַר דער פאַבריק פון אייזערנע בעטן.

אין מיטן רעדל שטייט א פרוי מיט א שוואַרץ פאַרשמירט, — אן אַרבעטער מיט א דערשראָקן, — און א גאָראָדאָוואָי מיט א „שאלת־חכם״ אויפ'ן ברייטן פנים. דאָס רעדל אַרום זיינען קריס־טען. אידן גייען פאַרביי איילנדיג; וואו עס מאַכט זיך א גערעדל, איז א אידיש פּנים געפערלעך. איך האָב, גאָט זיי דאַנק, א טאַ־טאַריש פּנים, שטעל איך מיך אָפּ און הער וועגן וואָס עס גייט!

און גיין גייט עס וועגן א שמיר מיט שוואַרצע הענט פון אייזן איבער א ווייס דאַמען־געזיכט.

די דאַמע שרייט: וו אוציאַסטאָק!

דער אַרבעטער מיט דער פאַלע אין גאָראָדאָוואָי'ס האַנט בעט זיך אָפּ. ער איז נישט שולדיג. ער האָט געמיינט, עס איז א אידיש קינד.

די דאַמע שרייט נאָך העכער: „וו אוציאַסטאָק!״; אַצינד האָט ער זי נאָך מער באַליידיגט. צי איז זי דען ענלעך צו א אידישער טאָכטער? פאַרוואָס זאָגט ער, אז ער האָט געמיינט?

דער גאָראָדאָוואָי איז נוטה צו גלויבן, אז עס איז „א טעות גוי מותר״ —

דער עולם קוקט אַראָפּ אויף דער דאַמע, פּרואווענדיג צי האָט זי באמת נישט קיין ענלעכקייט צו א אידישער טאָכ־טער — — — —

פּלוצלונג גיט דער גאָראָדאָוואָי א געשריי: וואָס פאַר א רעדל מאַכט זיך עס? אַלע רוקן זיך קוים, קוים און פאַמעלעך אָפּ און איך האָב מיך פּלוצלונג דערשראָקן און אַנטלאָפן און וויים עד היום נישט, מיט וואָס די מעשה האָט זיך געענדיגט. רחמנא לצלן, אַמאָל קומט די נשמה אין די פּיס אַריין!

אַנטלאָפן בין איך אויף דער טוואַרדע גאַס און האָב מיך אָפּ־

געשטעלט מיט דער נשמה אין די ציטערדיגע פיס, ביי דער סטאנ־ציע פון געלן טראמוויי. באמערק איך א שכן, דאכט זיך, נישט משלנו, און זידלט זיך „פשא קרעוו״, און גערעכט איז ער. אויפ׳ן געלן איז זיך זעלטן צו דערוואַרטן. פאלט מיר איין א געשעפט: צוזאמען צו נעמען א דראָזשקע. מיין שכן באשטייט, נאָר מער ווי 7 קאָפּ. וויל ער נישט צו שטייער געבן, אויך צאָלן וויל ער! פאַרוואָס? וויל ער פאָרט נישט אויף די נאַלעווקעס, וואו איך, פאַרשטייט זיך, דאַרף, נאָר ווייטער. מיין כפרה, נאָ דיר 13 קאָפּ. א דראָזשקע פאָרט אונטער, ער שפרינגט אריין, איך גיי איבער אויף יענער זייט און זיץ.

— איך בין, — זאָגט מיר מיין שכן, — קיין אַנטיסעמיט נישט, דערוויל נישט, מען דאַרף אייך נאָך אויף לאַנגע יאָרן מיט אייער שפּריט, נאָר אויף אייערע נאַלעווקעס, זייט מיר מוחל, קריג איך דעם קאַטער!

איך באַנוץ מיך דערמיט, וואָס דער דראָזשקאַר פאַרריכט עפּעס ביים געשפּאַן, און שפּרינג צוריק אראָפּ צום טראַמוויי, מיט 13 קאָפּ. ווערט מען נישט געבווירן...

קוים איך האָב מיך דערוואַרט און פאָר... פּלוצלונג—סטאָפּ! וואָס איז? דער טראַמוויי קען נישט גיין, — א לויה, איך הויב מיך אויף — א שוואַרצע, אָנגעפּראָפּטע גאַס, פון פאָרנט אַן אָרון.....

מיינס א שכן זאָגט: א אידישע שוואַרצע לויה!

אַ צווייטער באַמערקט: געוויס אַן עושר, אַ בעל־צדקה!

— דאָס איז די מעשה, — שרייט עמיץ מיט כעס, וואָס מען האַלט מלחמה מיט זייערע אָרימעלייט. דער עושר בלייבט און העלפּט! מען דאַרף זיך צו די עשירים נעמען...

— אָבער ווי הייסט נעמען?

— געוויס!

דער אידישער דריי־פערטל טראַמוואַי שווייגט און דער פורמאַן באַמערקט פון זיין זייט:

— וואו באקומט מען דא א חלק ירושה?

— אז מען נעמט נישט, האט מען נישט!

אויך ניט שלעכט, וואס?

אבער דעם לעצטן און פעסטן ביסן האב איך ערשט פאר־נאכט איינגעשלונגען.

עס איז געווען אויף מיין צוריק־רייזע, אויך אויף א טראמ־וואי, פון דארף וואלא, וואו איך האב מיינע טעגלעכע געשעפטן יא פארזארגט און נישט פארזארגט, מיילער האבן צוגעזאגט און אויגן — געלייקנט...

פארן פאר איך שוין אין צווייטער קלאס, צווישן אידן, נאר פאר מיר זיצט א קריסטלעכע געזעלשאפט: א קאנאניק מיט א פרוי. פון קאנאניק זע איך נאר א פעטן רויטן קארק, וואס וואלט אויף קיין שום חולה (אויסער אויף א אידישן) קיין שלעכטן איינדרוק נישט געהאט; די דאמע האט געמוזט זיין פון אויסלאנד אדער פון דער פראווינץ, ווייל דער קאנאניק האט איר אויף שריט און טריט געגעבן באשייט: דאס איז דאס, דאס איז יענץ...

— און דאס — וועקט ער מיך פון מיין פרנסה־געדאנקען אויף — איז דער וואלער קלויסטער.

— פריש געבויט? — הויבט זיך די דאמע א ביסל אונטער.

— און וואס פאר א צרות — קרעכצט דער קאנאניק, און דער קארק לייגט זיך אים אין פאלדן, — איך האב ביים געלט זאמלען געהאט... עס איז אים גאנץ שווער צוגעגאנגען. בא, אין טייל הייזער האט מען אים די טיר פאר דער נאז פארמאכט. וואס טויג — זאגן זיי — קלויסטערס? דאס זיינען אלטע זאכן! מען דארף שפיטעלער, נאכט־אזיל־הייזער, איבערהויפט שולן...

— א זאראזע, — קרעכצט די דאמע, — אין פראנקרייך ווערט דער קלויסטער געיאגט און געפלאגט.

— אויך פראַנקרייך איז נישט שולדיג. פראַנקרייך איז דעם קלויסטער׳ם ערשטע און ליבסטע טאָכטער... שולדיג זיינען די אידעלעך, וואָס פאַרשפּרייטן זייער אפיקורסות אזוי דאָ, אַזוי דאָרט! און מיינסט, מיין טאָכטער, זיי ווייסן נישט דעם אמת? אַ פאַרקרעקט פאָלק, אלץ להכעיס! נאָר נישט אייביג וועט זיין זייער יום־טוב...

— וואו אזוי?

— אין פראַנקרייך וועט זיין אַ רעוואָלוציע! אידעלעך — ביק! ער מאַכט אַ צייכן ביים האַלז.

— און דאָ?...

די תשובה האָב איך נ י ש ט דערהערט, נאָר פילן פיל איך זי.

אויף אַ מיטינג

נ י י ן אזייגער פארנאכט האָב איך דערהאַלטן אן איינ־לאַדונג אויף א „דערלויבטן" מיטינג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזייגער ז י ב ן, דאָס הייסט מיט צוויי שטונדן פריער. איך באַטראַכט דעם פּאָסט־סטעמפּל: ער איז נאָך פון אייערנעכטן. איך פרעג ביים בריוועטרעגער באַשייד, שמייכלט ער: „פאַר־דעכטיגע" בריוו הייסט מען אָפּגעבן וואָס שפּעטער, ווייניגסטנס מיט אַ טאָג שפּעטער.

— יאָ גיין, נישט גיין?

איך קוק אַרויס דורכ'ן פענצטער: די גאַס איז שטיל. איך בויג אַרויס דעם קאָפּ דורכ'ן לופטשיק: מען הערט נישט מער, ווי דאָס זעלטענע קלינגען פון שליטן־גלעקלעך — מען שיסט נישט אין די גאַסן. אין דער היים זיצן ווערט שוין איבערדרי־סיג, מען פילט זיך אָפּגעריסן פון לעבן, פאַרשיקט, פון אַלעם פאַרגעסן, פון גאָט און וועלט צוזאַמען.

איך גיי.

. . . .

דער שניי סקריפּעט עפּעס נישט היימליך אונטער די פיס. איבער'ן קאָפּ אַ קאַלטער, אָנגעזעצטער טונקל־שטאָלענער הימל מיט אַ האַלבער, מאַט־זילבערנער לבנה, — אָנגעגעבּיסן אָדער אָפּגעשאָסן די צווייטע העלפט! און זי וואַנדערט ווייטער — אַ קאַליקע. ערגעץ וואו, ווי פאַר שרעק צוזאַמענגעשטויסענע הויפנדלעך שטערן, די גאַסן — לער, די לעדן — צו.

ביי אַ ווינקל שטייען צוויי גרוי איינגעהילטע סאָלדאַטן.

עס איז זיי קאַלט און לאַנגווײַליג. זיי טופּען מיט די פֿיס, גניצן און איינער, הער איך, צוקומעדיג, זאָגט דעם צווייטן:

— אַי, ווי מיר ווילט זיך צונד אויסשיסן!

— לאַנגווײַליג! — איז מודה דער צווייטער.

. . . .

גאָט זיי דאַנק, איך בין שוין אויפ'ן מיטינג. קאָפּ אויף קאָפּ. עמיץ — דער צווייטער צי דער דריטער רעדנער — שטייט ביים בעלעמער און האַלט אין מיטן דרשה. קלאַגענדיג — שעל־טענדיג גייט דער טאָן:

„הייזער האָט איר געבויט און זייט אין זיי נישט געזעסן... בוימער האָט איר געפלאַנצט, און זייער פּרוכט נישט פאַרזוכט; קליידער האָט איר געוועבט, און פרעמדע האָבן זיי געטראָגן, און אייך האָט דורכגענומען די נעץ און די קעלט; קאָרן און ווייץ האָט איר געמאָלן, און קיינמאָל נישט געגעסן צו דער זעט! און אייערע זין, און אייערע טעכטער האָט מען אייך פון די אָרעמס אויסגעריסן און צו פרעמדער, שווערער אַרבעט גע־טריבן"...

איך דערקען די „תוכחה", מיין תוכחה, מיט וועלכער מען האָט מיך פאַרשאָלטן, און דאָך מיינט דער רעדנער נישט מיך... און אויך נישט מיך מיינט ער, ווען זיין טאָן ענדערט זיך, ווען עס שלאָגט זיך אונטער'ן באַלקן דער שטאָלענער קלאַנג!

— נאָר צונד איז אייער טאָג געקומען! איר וועט די ריכטער זיין... און איר וועט משפט'ן... מאָס פאַר מאָס!

ווי די טראָמפּעטן איבער יריחו'ס מויערן קלינגט עס!

אָבער נישט מיך מיינט ער. און איך פאַרזינק אין מיינע געדאַנקען, און איך טראַכט:

— צי איז ווירקליך אַזוי נאָענט שוין דער טאָג?

מאָסקווע איז שטיל געוואָרן... די באַריקאַדן צעשמעטערט... דאָס „שולדיגע" און „אומשולדיגע" בלוט איז פאַרשיט מיט ריינעם, אומשולדיגן שניי. דער באַן־סטרייק איז נישט

געראָטן, דער אַלגעמיינער — נאָך ווייניגער. די רענטע איז געשניטן. די אויסלענדישע פרעסע ווינשט דעם גראַף וויטע גליק; זיינע פאַפירן זיינען אויך געשטיגן! דורנאָוואָ וואַקסט נאָך איבער וויטע'ן! די געפענגענישן זיינען איבערגעפילט, אין די שפּיטעלער איז נישט אריינצוּוואַרפן אַ שפּילקע. פון די צערקלען גייען די קולות עד לב השמים...

אַן אמת'ער סדום'ער „הכצעקתה", נאָר גאָט מיט זיינע מלאָכים קוקן נאָך נישט אַראָפּ...

צי גלויבט דער עולם דעם רעדנער?

איך קוק מיך אום און קום אויך צום גלויבן.

די צאָל פון די אָפּטריניגע, פון די איבערלויפער פון יענעם צד באַווייזט עס מיר: איידער אַ שיף גייט אונטער, אנטלויפן די מייז. און דער מיטינג-זאַל איז פול מיט אַזוינע מייז...

. . . .

אָט די לייט פון דער פרעסע, וואָס שטייען אַרום „בעלעמער" און וואַרטן אומגעדולדיג אויף זייער צייט צום ריידן, די הייגט-מאָדישע געלערטע...

דאָס זיינען נישט די, וואָס וועבן אין דער שטיל די אידייען פאַר שפּעטערע צייטן; דאָס זיינען די, וואָס אַרבעטן אויפ'ן טאָג און פאַר'ן טאָג! איינצל-פאַרקויפער... די צווייטע צי די דריטע הענט. פאַר דאָס אָבער מענטשן מיט נעז פון כּאַרטן אָדער פון האָזן, וואָס דערשנאַפּן אויגנבליקלעך, פון וועלכער זייט עס הויבט אָן צו בלאָזן דער ווינט!

דאָס זיינען גלגולים פון די, וואָס דינען שטענדיג דער געגנוואַרט, דעם ערשט-געבוירענעם צונד. גלגולים פון די, וואָס האָבן אַמאָל די קנעכטשאַפט פאַרטיידיגט, וואָס האָבן אַמאָל שוואַרץ אויף ווייס באַוויזן, אַז גאָט האָט עס אייגנהענטיג באַשאַפן די סטאַדע, און דעם הונט, צו היטן די סטאַדע, און דעם פּאַסטוך, צו שערן די סטאַדע; אָדער: הערן, קנעכט און די פּאָליציי אין-דער-מיט.

דאָס זיינען גלגולים פון די, וואָס האָבן שפּעטער אַ ביסל דעם באַלעבאַטישן ליבעראַליזם געטראָגן, די היילינע מאכט פון „פּריווילינן" קאָנטראַקט געפּריידיגט, די גערעכטמעסיגקייט פון קייטן, וואָס מען זעט נישט מיט בלויזע אויגן — פון שווינדל און שטילן רויב באַוויזן; מיט איין וואָרט: וואָס האָבן אַלץ־אין־איינעם די באַלעבאַטישע ברודיגע וועש אין געלערטן זייפן־שוים געוואַשן און געריייניגט. און היינט זיינען זיי דאָ! היינט וואַרפן זיי די בריק פון געלערטן שפּינוועבס איבער'ן אָפּגרונט צווישן זעט און הונגער, צווישן פינצטערניש און ליכט... און — זיי וויסן געוויס, וואָס זיי טוען!

. . . .

רעדנער ריידן; פּעך און שוועבל גיסט זיך זיי פון מויל. מיט ברענענדיגע אויגן און טאָפּלט־שאַרפע שווערדן טראָגן זיי, ווי אמאָליגע כרובים, די באַלעבאַטים פון גן־עדן ארויס! אָפּגעשאַפט מוז ווערן זייער פּריווילעגיע: די געדונגענע ארבעט... וואָרום „דריי־פאַכיג איז דער פלוך פון דער געדונגענער ארבעט!" „מיט פאַרדרוס ארבעט דער, וואָס באַקומט נישט דעם גאַנצן ווערט פון דער ארבעט", „מיט עקל און גרימצאָרן ווערט איבערגעפּילט דער לעבעדיגער מענטש, וואָס מוז ארבעטן, ווי אַ טויטע מאַשין! וואָס מוז זיין אונטערטעניג דעם ראָד, דעם טויטן ווערק, אָן איניציאַטיוו, אָן ווילן און דריבער אָן לוסט צו דער ארבעט!"

און „פאַרפלוכט איז די ארבעט דורך איר פאַרטיילונג, דורך איר צעברעקלטקייט; ווען דער מענטש מאכט אַלץ אין־איינעם די זעלבע אויסגעמאָסטענע, פאָרגעשריבענע קליינע באַוועגונג, אָפּט נישט וויסנדיג אפילו, צו וואָס זי נוצט"...

„נידעריגער פאַר'ן פי איז דריבער געפאַלן דער מענטש.. מיר ווילן אים הויבן!"

„הויך דער מענטש!"—„נידער מיט'ן באַלעבאָס!"

„הויך דער מענטש!"—נידער מיט'ן באַלעבאָס!" ברילט

דער גאנצער סאַלאָן, נאָר אין־מיטן־ברילן פון דער שטורמיגער מאסע קייקלט זיך דורך א דונער פון גאס...

א פראָוואָצירטע באָמבע, צי א שאָס פער טעות פון א הארמאט?

אָבער דאָס אַלץ שרייט איבער דער רעדנער!

„נאָר דער טאָג פון דער וועלט־גערעכטיגקייט קומט! מ י ר וועלן די ריכטער זיין" — —

און צווישן ארבעטער־עולם זיצן באַלעבאַטים, מיט נארישע פנים'ער, נאריש־אויסגעגלאָצטע אויגן, און הערן זייער שאַנד, און פאַטשן־מיט: „בראַוואָ!" —

און עס טרייסלען זיך די בייכלעך, ווי פאר נחת! זיי זיינען, נאָך קיינמאָל נישט אזוי העסליך געווען!

„די שקלאַפעריי, די ניי־מאָדישע שקלאַפעריי מוז אָפּגע־שאַפט ווערן!"

„בראַוואָ, בראַוואָ!" און הענט מיט גאָלדענע רינגען הויבן זיך אין דער הויך און פאַטשן בראַוואָ! און די גאָלדענע קייטן טאַנצן איבער די פלושענע וועסטן פאַר גרויס נחת!

און דאָס זיינען דאָך די זעלבע שטאָלצע באַלעבאַטים, וואָס האָבן דאָך ערשט נעכטן אינדיווידואליזם און, על־פּי ניטשע די „הערן־מאָראַל" געפּריידיגט, וואָס האָבן דעם שוויים פון ארבעטער־פאָלק נישט געקאָנט פארטראָגן, וואָס האָבן זיך גע־הויבן, ווי די געטער אין וואָלקן, הויך איבער'ן „פעבל", וואָס האָבן געהאַלטן יעדן פארלאַנג פון א העכערן לוין פאַר א דרייסטקייט. דאָס פארקירצן פון ארבעטס־טאָג — פאר א פאַר־ברעכעריש אומפארשעמטקייט, וואָס האָבן אַלע ארבעטער פאר איינפאַכע גנבים געהאַלטן און געלאָזט רעווידירן ביי יעדן אריין־און ארויסגיין פון פאבריק...

און צונד? צונד לויפן זיי איבער! פאַטשן זיי בראַוואָ. און ווילט איר, שלאָגן זיי זיך אין האַרץ אריין „על חטא", עס גייט, א פנים, דער יום־הדין, עס גייט!

אָט שטעלט מען ווי ערב יום־כפור קערות! פאַר געפאַנ־גענע, פאַר פאַרוואונדעטע, פאַר פאַמיליעס פון געפאַלענע, פאַר פאַרשיקטע און — אויף געווער!

און דער באַלעבאָס ווארפט מטבעות; אויף זיין אייגענעם „פּאָהיבעל” ווארפט ער.

ער איז מיר קיינמאָל נישט אַזוי נמאס געווען.

. . . .

און די שווארצע ליט קומען אויך.

לאַנגזאם און שטיל קומען זיי. פאַמעליך, ווי עס פאַסט פאַר היילינע ליט; שלייכענדיג, ווי אמת'ע טעמפּל־דינער.

אָט גייט איינער צום באַלעמער צו פּריידיגן. קריסטליך־סאָציאַל פּריידיגט ער.

נעכטן האָט ער די באַצווינגער געהייליגט. קלוגע שווינדל־קעפּ געזאַלבט, כאַפּער־הענט געבענשט; איבער בעכער פון בלוט און שווים ברכה געמאַכט. און היינט?

„מיר האָבן עס שוין לאַנג געזאָגט! לייכטער איז אַ מויל־טיר צו פּאַסירן דורך אַן אויער פון אַ נאָדל, אַלס דעם רייכן דורכצוגיין דעם טויער פון גן־עדן”...

. . . .

מיט דער צייט וועלן נאָך וועלט־באַצווינגער קומען און זאָגן: „יענע זיינען שוין צו שוואַך; זייער נאַקן שוין צופיל דורכגעפוילט, און קענען שוין אונזערע שטולן נישט דער־טראָגן; איר זייט פריש און געזונט, בויגט אייך און לאָזט זיי אונז שטעלן אויף אייך...”

. . . .

אַלץ וועט קומען מיט דער צייט!

דערווייל, אַהיים־גייענדיג, פאַסיר איך דורך טויטע גאַסן.

קאַלט און שטיל איז דער שטאָלענער הימל, מיט אייז־פֿינקלדיגע שטערנדלעך און אַ האַלב־אָפּגעשאָסענער לבֿנה...

אומהיימליך סקריפּעט דער שניי אונטער די פֿיס און אַנטקעגן קומט מיר אַ וואַקלדיגער קאָזאַק:

— טי קודאַ שליאיעשסיאַ?!

איך כאַפּ פּאָר שרעק אַרויס אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנג אים.

— ספּאַסיבאָ, באַרין! — ענטפֿערט ער מיר און וואַקלט זיך ווייטער.

פֿון דער שווערער צייט

דאָס קריסטלעכע וואַרשע איז פֿון דער העלער הויט פֿרום געוואָרן: איבער טיר און טויער, אין פֿענצטער און וויטרינעס, איבעראַל — הייליגע בילדער. דאָס פֿרומע קריסטלעכע וואַרשע קריגט פּחד פֿאַר'ן הונגעריגן, אַפּעלירט צום קריסטלעכן רחמנות, יושר און ברודערשאַפֿט און ווייזט אָן מיט'ן מינדסטן פֿינגערל צום אידישן שכן: יענער איז געוואוינט דערצו און די שטראָף וועט זיין לייכטער...

דערווייל פֿאַרשטייט מען זיך נישט אויפ'ן זואונק.

אַ דרייצן־יעריגער יאַשקאַ מאַט אַן אָפּגעריסענעם דאַשעק און אַ צעשפּאָלטן אויער און „זיינס גלייכן" יוסקע מיט לויפֿנדיגע אויגעלעך און אַ צעקראַצט נעזל, קוקן נישט אויפ'ן „להבדיל" פֿון צווישן שתי־וערב און אַרבע־כנפֿות, און כאַפּן ביידע צוזאַמען איין פֿלאַש מאָנאָפּאָל, און וואַרפֿן אויף דער געפּרווירענער גאַס. דאָס „לעבעדיגע וואַסער", וואָס האָט געקאָנט דערקוויקן אַזוי פֿיל פֿרומע נשמות, שפּריצט לחלוטין אומזיסט אַרויס פֿון דער צעשמעטערטער פֿלאַש, אַן אמת'ער „בל תשחית", און די פֿלאַשן־שטיקער גליטשן זיך קלינגענדיג און פֿינקלדיג, גלייך עפּעס רעכטס, ווייטער איבער'ן אייז...

אַ פֿרומע ווייבערישע נשמה, אַריינגעזעצט פֿון בעל־הרחמים־גאָט אין אַ גוף מיט אַ געשטופּלט און האַלב אָנגעשוואָלן פּנים, טאַפּט אַ פֿלאַש אונטער אַ שאַל און לויפֿט צו אַ ווינקל און וויל שוין אַ ברכה מאַכן, — יאַשקאַ און יוסקע האָבן עס דערזען: שטיי, אַלטע מכשפה! מיר זיינען קיין גנבים נישט און מען

רייסט איר אוים פון אונטער דער שאַל די פלאַש, טראַסק! עס שפּריצט, עס קנאַקט — —

און פאַר גרוים שמחה איבער'ן נצחון כאַפּן זיך יאַשקאַ און יוסקע אַרום און זינגען, און טאַנצן מיט האַלב־באָרוויסע פיס איבער אייז און גלאָז...

אַ גרויסער הויפן גייט. ערנסט, גלייך, „פּריוויעסאָווקים" מיט מיצן און קאַפּעליושן אויסגעמישט, איבער דער גאַס, די אויגן פאַר זיך, גלייך!... זיי גייען אפשר אנטקעגן משיח'ן?

צווישן עולם דערהערט זיך אַ קול: „עי, גוטע ברידער! וואו אַהין גייט איר? וואָס טוט איר? אויף דער פראַנציס־קאַנער גאַס האָבן אידן אַ גלח געטויט! קומט!" דער עולם פאַרציטערט אַ ווײַלע, נאָר עמיץ נעמט די שלאַנג אָן ביי אַ לאַץ: „אין וועלכער פאַבריק אַרבעטסטו, ברודער?" ער שווייגט, און פויסטן האָגלען אויף זיין קלוגן קאָפּ...

וואָס איז געשען?

צי איז ווירקליך געגוג געווען, אז אַן אַלטער, אסטמאַטי־שער גענעראַל זאָל, אויפ'ן וועג פון ווילנע קיין פּאַריז, אָפּשטעלן זיך ביי דער נעוואַ, און, אפשר אָן שום כונה, אַרויסזאָגן דאָס וואָרט: „צוטרויען" — עס זאָלן ווירקלעכע וואונדער געשען?

צי האָט ער, נישט ווילנדיג, אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע, פאַריאָגט אַ שווערן כשוף, אָפּגערוקט אַן אַלף פון שווערן הארץ? און דער גרויסער עולם איז אַרוים פון דער הינער־פּלעט?

אַלץ קאַפּויר: בלינדע זעען, לאַמע לויפן, טויבע שרייען...
און אין מיטן ווינטער אונטער'ן גרעבסטן אייז רודערט זיך,

וועקט זיך: אקסל צו אקסל, ברודער, הויבט אייך, צעווינט אייך, צעשמעטערט! דער הימל רופט!

דערווייל איז נישט היימליך, איבערהויפט אוונט־צייט...

די לערע אפגעשטארבענע גאס קוקט דיר אין פענצטער אריין מיט בלינד־אונטערגעשלאגענע אויגן, מיט איין איינאונ־איינציגן לאמטערן, א שריד ופליט פון אלע חברים. און דאס ארימע פלעמל דערינען ציטערט, פלאטערט, ווארפט זיך ווי אין א פיבער; פיקט, ביקט, ניקט און טיקט זיך, אט פארשלינגט עס די חיה רעה — די נאכט; און עס שרעקט זיך פאר'ן טויט, און אין מיטן דער גסיסה גיט זיך עס מיט'ן לעצטן כח א ווארף, ווי א שלייען אונטער'ן מעסער, און א הויב, א טאנץ — ווי לאנג וועט דויערן די גסיסה?

ערגעץ ווייט, ווייט פלאצט א שויב פון א וויסטאווע, — אפשר א שאס? א „צופעליגער"... אין עס הימל שפריצט ארויס א פייערדיגע צונג און פארשווינדט און זינקט איין... און ווייטע פארשטיקטע קולות הערן זיך —

נאר טסס!

עס הערן זיך פעסטע, זיכערע טריט איבער דער גאס...

די שטאטס־לאגיק אויפ'ן דרך הישר גייט, מיט „אותות ומופתים" אין דער האנט... אותות ומופתים זיכערע, שניידנדיגע, פייערדיגע...

וואס נאך?

סע צעשפריצן זיך די געדאנקען אין מוח, ווי די פונקען, ווי די פויגל אונטער'ן פרייען הימל...

עמיץ קלאפט אין טיר?

דאָס לעבן? אָדער נאָר דער „אורח חיים״?
ביידע נישט.
חברים...
אָבער וואָס פֿאַר אַ פּנים'ער דאָס האָט!

— חוזק, — פֿרעג איך דעם עלטערן, — וויפֿיל קוואָרט עסיג האָסטו היינט אויסגעטרונקען?

חוזק, אין שווארצן העמדל מיט'ן גרויסן ביינערנעם קנאָפּ, מיט די וואַסערדיגע אויגן אין פֿאַרמיטן פּנים, זעצט זיך, פֿירט מיט אַ ציטערדיגער האַנט איבער'ן שוואַך־און־אַש־גרוי באַוואַקסענעם קאָפּ, און זיפֿצט אָפּ:

— אַ וויסטער, פֿינצטערער חלום!

— וואָס איז?

— איך בין, — ענטפֿערט ער, — קיין גבור נישט, פֿאַרפֿאַלן...

„פֿאַראַן גרויסע שטאַרקע מענטשן מיט אייזערנע הענט און שטאָלענע נעגל, וואָס גייען צו צו פֿעלזן ביים ים, רייסן פֿונ'ם שטיקער און וואַרפֿן אין הימל אַריין, און ווילן זיך אַזויערנאָך אַראָפּוואַרפֿן דאָס טעלערל פֿון הימל״...

„פֿאַראַן קלענערע גבורים, שפּילן זיי מיט אייזערנע רעשלעך, ווי אין באַל״...

„פֿאַראַן נאָך קונצנמאַכער, וואָס שרעקן אומזיסט דאָס „געערטע פּובליקום״ און וואַרפֿן מיט פּאַפּירענע קוילן, דעקל־קוילן, נאָר אונטער דער סצענע שלאָגט עמיץ אין אַ בלעך אַריין, מיינט מען: דאָס דונערן די קוילן״...

„פֿאַראַן נאַכטוואַנדלער, וואָס קריכן מיט בלויזע הענט אויף גלייכע מויערן״...

„איך בין עס נישט... נישט קיין גבור, נישט קיין סוראָגאַט פֿון אַ גבור״...

„איך בין חוזק״...

„איך בין אַ מענטש, קאַטאָרי"...

„אַ מענטש, וואָס האָט אויך אַ האַרץ און אַ לונג און לעבער"...

„נאָר אַז דאָס האַרץ טוט מיר ווי, האָב איך קיין נביא׳ישע טבע נישט, אַרויסצוּלויפן מיט אַ קול אין מאַרק אַריין: אַ רוח אין אייער טאַטנס־טאַטן־אַריין! און, אַז די לונג הויבט אָן פוילן און די גאַל גיסט זיך איבער, האָב איך קיין טבע נישט, אַרויפצוּשפּרינגען אויפ׳ן טורעם פון פייער־וועכטער און אַראָפּשרייען: ס׳ברענט!... עס ברענט נישט אין ערגעץ, נאָר ביי מיר"...

„דעמאָלט האָב איך דוקא ליב התבודדות"...

„ליג איך מיר, ווי אַ בער אויף דער בערלאָגע, און ביים מיר פאַר האַרץ־הונגער די לאַפּעס; גאַנצע בערג אָפּגעביסן"...

ערשט אַז עס ווערט מיר גרינגער, גיי איך אַרויס".

„נאָך וואָס? פּייפן אויף קהל"...

„פירן, ווי ישיבה־בחורים־גבורים מיט שטענדער פאַר כלי־זיין אין די הענט קעגן אָרון־קודש, קען איך נישט... גיט מיר אַ חברה חדר־אינגלעך, מיט געמאַכטע פּייקעלעך, וועל איך מיט זיי גיין צום ראש־הקהל אויף אַ קאַץ־מוזיק... דאָס קען איך"...

„איך געהער נישט צו דעם, וואָס איר רופט „לעבן" און דאָס „לעבן" געהער נישט צו מיר. איך שפּיי אויפ׳ן „לעבן", און אויך נאָר פון דער ווייטנס"...

„צווישן מיר און דעם „לעבן" פּליסט און אפשר שטייט אַ וואַסערל"...

„איבער׳ן וואַסערל שפּיי איך, איבער׳ן וואַסערל שטעל איך פייגן אַרויס, פיר מיט אַמאָל, דאָס קען איך! אַמאָל — אַ ווייסע צונג, איר ווייסט, איך ליידט אויפ׳ן מאָגן...

„אַז מען זעט מיך און הערט מיך נישט גוט, שטעל איך מיך אויף שטאָלצן און פייף... עס איז נישט אַזוי נאַטירליך, נאָר עס טראָגט זיך ווייט, ווייט... עס הערט זיך!"

„און דער עולם שרייט: בראַוואָ! ביס!"

„נישט דער געטראָפענער — אַנדערע ... דער געטראָפענער שילט"...

„כאָטש ניט איך בין שולדיג; איך שפיי אין דער וועלט אריין, שולדיג איז דער ווינט, די השגחה פרטית... ער אָבער שילט מיך און דער עולם קייכט, פּלאַצט פאַר געלעכטער"...

„אמאָל פּלאַצט אַ גבאי"...

„ער האָט פון צדקה־פושקע ארויסגעשניפּט אַ גאָלדענע מטבע; ער האָט געזען, ווי אַ באַנקיר האָט אריינגעוואָרפן, נישט באמערקט, אַז עס איז אַ פ א ל ש ע מטבע... האָט ער גע'לקח'נט... האָט ער מורא געהאַט פאַר באַזוכן און געפינען, האָט ער די מטבע אויף דערווייל איינגעשלונגען... קום איך ארויס אויף שטאָלצן, מיט אַ יראת־שמים־פּנים און אַן ארויס־געשטעקטע צונג, און פיר פינגן אין די הענט, — לאַכט ער, קנאַקט ער, פּלאַצט ער; איין העלפט־רעכטס, די צווייטע — לינקס, די מטבע — אין דער מיט... דערזעט דער עולם, זי איז פאַלש, פּלאַצט דער ע ו ל ם פאַר געלעכטער"...

— נו, אויך מיין עסק! וויל, מיר אים טרייסטן.

— „כאַ, — זיפצט חוזק אָפּ, — דאָס אַלץ איז גוט געווען איבער'ן רואיגן, שטיל־פליסנדיגן אָדער גרינליך־שטייענדיגן וואַסער... מען האָט מיך געזען, געהערט, און: בראַוואָ, בים!"

„צינד — אַ ים!"

„שטעל דיך אויף שטאָלצן, פאַליעס דעקן דיך איבער!"

„פייף — ווען אַ ים קאָכט און זידט"...

„שפּיי — ווען ער שפּייט, און גלייך ארויף צום הימל; טוט עפּעס, ווען די וואַסער־ריזן צעשפּילן זיך, צעזינגען זיך און שפּאַרן אין דער וועלט אַריין, טראַגנדיג מיל־רעדער און שטיקער גרעבליע אויף די אַקסל"...

„טו עפּעס!"...

חוזק פארשטומט, און נישט בעסער, ווייזט זיך אוים איז דעם פּאָעט...

— גם אני בחלומי, — זאָגט ער...

„אַ פוילע זאַך"...

„וואָרן וואָס בין איך? אַ מענטש מיט אַ פייפערל"...

„מיט אַ פאַר'כשופ'ט פייפערל"...

„פון אַ פאַר'כשופ'טער קאַלינע אַ פייפערל... פון עק וועלדל, געבויגן איבער'ן וואסער שטייט זי, און זאַפּט אין זיך איין דאָס גערויש פון קליינעם שטילן וואסערל, פון קליינעם פאַר־חלום'טן וועלדל, פון מחנות פויגל, וואָס פליען אונטער'ן בלויען הימל, שלינגען ווערימלעך און זאָגן שירה, און די ווייסע בייכ־לעך ציטערן פאַר נחת, פאַר דאַנק... פון דער קאַלינע אַ פייפערל"...

און אַ מיידל האָב איך געהאַט מיט אַ פויגל־האַרץ...

זיצן מיר אין שאָטן פון דער קאַלינע, אין עק וואַלד, ביים קלאָרן טייכל; איך שפּיל און איר פויגל־האַרץ צעגייט, צעגייט...

שפּאַרט זיך אָן דאָס זיסע קעפּל אויף מיין קני, קוקט זי צו מיר אַרויף מיט שטיל־זיסע־ברידער־אויגן, וואָס פינקלען מיט שטילן נחת, ווי אַ פויגל, וואָס האָט אַ ווערימל געכאַפּט, און איך זאַפּ איין דאָס נחת און שפּיל פאַר גרוים פרייד, פאַר דאַנק, וואָס גאָט האָט מיר די פינקלדיגע אויגעלעך מיט'ן זינגענדיגן פויגל־האַרץ באַשערט, עס איז מיין...

עס ציטערט איר ברוסט פאַר נחת, טרערן קומען מיר אין די אויגן אַריין פאַר גרוים דאַנק און איך שפּיל אויפ'ן פייפערל...

און עס מאַכט אַ רושם, שטאַרק! — אויף איר... זי שטרעקט צו מיר הונגעריג אוים די ווייסע הענט.. דורשטיג שווילן מיר אַנטקעגן די קרעלענע ליפּלעך!

און נישט נאָר אויף איר...

אַ ווייסע גאַנז שווימט איבער'ן טייכל און שטעלט זיך אָפּ, מיט אַ דין גרעזל אין מויל... און זי שלינגט עס נישט איין,

פאַרגעסט עס און בויגט עס צו מיר דעם ווייסן האַלז און קוקט, און שווייגט...

א יאַלאָווקע קומט אַרויס פון שטילן וועלדל, מיט׳ן עכט־פרום־קעלבערנע אויגן, מיט א חנ׳עווודיג, צערטליך־רינענדיג מיילעכל און בלייבט שטיין ווי דער׳כשופ׳ט, און זעגלט שטיל מיט׳ן זיידן־האָריגן עק אין דער שטיל־שמעקעדיגער לופט...

און פויגל מיט ווייסע און געלע בייכלעך שטעלן זיך אָפּ אונטער׳ן הימל און צוויצערן:

— ווער איז דער פויגל דאָרט?!

„איך געפעל"...

„איך געפעל און ווער גרוים; עס איז צייט צו גיין אין דער וועלט אריין, שפּילן פאַר דער וועלט... פאַר׳כשופ׳ן א וועלט, דאָס לעבן באַצויבערן, ווי דען!"

„און אַז מיין מיידל דרימלט איין, קוש איך זי שטיל צום „אדיע" אין ווייסן שמאָלן שטערן אריין — און לייג לאַנגזאַם איר קאָפּ פון מיין קני אויף א בינטל גראָז אראָפּ, — זי זיפצט אָפּ אין דרימל, עס רירט מיך נישט, העכערע צוועקן פירן מיך... איך פאַרשווינד, צו דער וועלט לויף איך מיט מיין פייפערל, מיט מיין פאַר׳כשופ׳ט פייפערל, פון דער פאַר׳כשופּ־טער קאַלינע, פון עק וואַלד, ביים שטילן טייכל"...

— נו, שפּיל פאַר דער וועלט?

— שפּיל! די וועלט שפּילט, און נישט אויף א פייפערל!

„דאָס לעבן אַליין גיט קאָנצערט!"

„נישט אויף פייפערלעך, נישט אויף פלייטן, נישט אויף הילצערנע און געבלאָזענע אינסטרומענטן"...

„האַרמאַטן שפּילן, קאַרטעטשן זינגען, טענער־שראַפּנעלן!"

„די לעבנס־אָפּערע גייט, א וועלט־פּאָעמע!"

„ווי קום איך מיט מיין פייפערל"...

ער האָט אָפּ און מאַכט אַוועק מיט דער דורכזיכטיגער האַנט...

— אַ רחמנות נאָר אויפ'ן מײדל, נעבעך...

— מיר איז נישט בעסער! — זיפצט דער פילאָזאָף...

יאָרן האָט ער אין דער הויך אין זיין דאַכשטיבל פאַרבראַכט... ביי'ן אַ קאַרגע שטראַלן דורך פאַרגרינטע שייבלעך בייטאָג, ביי'ן אַ ציטערדיג חלב'ן ליכטל ביינאַכט, איז ער אַ גאַנץ לעבן אָפּגעזעסן, קלערנדיג און גריבלענדיג, וואָס „גלייך" איז...

און אַז ער איז שוין גרוי און אַלט געוואָרן, אַז די צייט האָט אים אויסגעצויגן דעם מאַרך פון די ביינער און אויסגעזויגן די פאַנטאַזיע פון קאָפּ, איז ער ערשט געפאַלן אויף דער המצאה, אַז „גלייך" איז דאָס, וואָס עס איז נישט קרום...

און ער האָט געוואָלט אויפשפּרינגען פאַר פרייד, נאָר די קני האָבן אָנגעהויבן קנאַקן!

אַלץ איינס! אַבי נישט אומזיסט אַזוי פיל יאָרן, אַזוי פיל לעבן געוואָרגן און געשטיקט! ער האָט אַרויסגעפישט אַ פּערל פון תוהו ובוהו'דיגן ים... און ער איז אַ גוטער, נישט פאַר זיך אַליין האָט ער זי געפונען, ער וועט זי שענקען דער וועלט... ווי קראַנק און עלנד ער איז, וועט ער באַשענקען אַ וועלט...

און ער גייט קוים אַראָפּ פון די טרעפּ, אָפּט קריכנדיג אויף אַלע פיר; די ביינער קנאַקן..!. נאָר, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, אָט איז די גאַס...

— רבותי, — הויבט ער אָן — —

זיין קול אָבער ווערט דערשטיקט...

פאַליעס מענטשן שלאָגן איבער דער גאַס, טויזנטער צונגען רופן:

— מיר ווילן! מיר ווילן!

„ווער פרעגט וואָס גלייך איז?"

מיר אַלע פאַרשווייגן... יעדער פון אונז פילט די לאַסט,
זיי—פון שווערע געדאַנקען, איך—פון די יאָרן...

עמיץ קלאַפּט!

אַהאַ? דאָס לעבן?...

ניין... עס האָט זיך נאָר געדאַכט!

שווערע, נאָר זיכערע טריט אין גאַס, די שטאַטס־לאָגיק
גייט, מיט אותות ומופתים גייט זי... פּעסט, שטייף, אייזערן...

האָפענונג און שרעק

...מיין האַרץ איז מיט אייך.

מיין אויג װערט נישט זאַט פון אייער פלאַמענדיגער פאָן;
מיין אויער װערט נישט מיד, הערנדיג אייער מעכטיג געזאַנג.

מיין האַרץ איז מיט אייך; זאַט דאַרף זיין דער מענטש, און ליכטיג דאַרף אים זיין... און פריי מוז ער זיין, און האָבן איבער זיך צו שאַפן, איבער זיך און זיין אַרבעט.

און אַז איר בייסט די פויסט, װאָס װיל אייך אייער פריי װאָרט, אייער ברענענדיגן פראָטעסט צוריק אַריינזעצן אין דער קעל, מען זאָל עס נישט הערן — פרייט מיך; בעט איך גאָט, ער זאָל אייך שאַרפן די ציין. און װען איר מאַרשירט אויפ'ן אַלטן סדום און װילט עס איינרייסן, גייט מיין נשמה מיט מיט אייך; און די זיכערקייט, אַז איר מוזט זיגן, מאַכט מיך פול און װאַרימט און באַרוישט מיך, װי אַלטער װיין...

און דאָך...

און דאָך האָב איך פחד פאַר אייך.

איך שרעק מיך פאַר באַצװאונגענע, װאָס זיגן, עס קענען פון זיי באַצװינגער װערן, און יעדער באַצװינגער זינדיגט קעגן מענטשלעכן גייסט...

צי רעדט מען נישט צװישן אייך, אַז די מענטשהייט דאַרף מאַרשירן, װי אַן אַרמיי אין פראָנט, און איר װעט איר פאַר־שפּילן דעם מאַרש אויפ'ן װעג?

און דאָך איז די מענטשהייט קיין אַרמיי נישט.

שטאַרקערע גייען פאָראויס, האַרציגערע פילן טיפער, שטאָל־

צע וואַקסן העכער — צי וועט איר נישט אונטערהאַקן די צעדער, זיי זאָלן נישט איבערוואַקסן דאָס גראָז?

צי וועט איר נישט פאַרשפּרייטן אייערע פליגל איבער דער מיטלמעסיגקייט? צי וועט איר נישט פאַרפּאַנצערן די גלייכגילטיגקייט און באַשיצן נאָר די גרויע, גלייך געשוירענע סטאַדע?

איך פאָרכט מיך פאַר אייך.

אַלס זיגער קענט איר די ביוראָקראַטיע ווערן: אויסצוטיילן יעדן זיין ביסן, ווי פאַר אָרימעלייט אין הקדש; אָפּצומעסטן יעדן זיין אַרבעט, ווי לעקציעס אויף דער קאַטאָרגע. און איר וועט פאַרטיליגן דעם באַשעפער פון נייע וועלטן — דעם פרייען מענטשלעכן ווילן, און פאַרשיטן דעם ריינסטן קוואַל פון מענטשלעכן גליק — די מענטשלעכע איניציאַטיווע —, די קראַפט, וואָס שטעלט איינעם קעגן טויזנטער, קעגן פעלקער און געשלעכטער... און איר וועט מעכאַניזירן דאָס לעבן און הייסן עס פאַרברענען אין קאַשאַרן.

און איר וועט זיין פאַרנומען מיט רעגלאַמענטירן: מיט שרייבן, פאַרצייכענען און שאַצן... מיט פאַרשרייבן: ווי הויך און ווי אָפט עס מעג שלאָגן אַ מענטשלעכער פּולס, ווי ווייט עס מעג זען אַ מענטשליך אויג, וויפיל עס קען פאַרנעמען זיין אויער, און וואָס פאַר אַ חלומות עס מעג האָבן דאָס פאַרבענקטע האַרץ?

מיט האַרציגער פרייד קוק איך, ווי איר רייסט איין די מויערן פון אַלטן סדום; מיין האַרץ אָבער ציטערט דערביי, איר זאָלט אויף זיינע חורבות קיין נייעם, קיין ערגערן נישט בויען — אַ קעלטערן, אַ פינצטערערן!

עס וועלן קיין שטיבער אָן פענצטער נישט זיין; נאָר אין נעפּל וועלן איינגעהילט זיין נשמות...

עס וועט קיין לערער מאגן נישט זיין, נאר זעלן וועלן הונגערן... קיין ווײ־געשריי וועט קיין אויער נישט פאר־נעמען, נאר דער אדלער — דער מענטשלעכער גייסט, וועט מיט אפגעשניטענע פליגל שטעלן ביי דער קאריטע גלייך מיט דער קו און מיט׳ן אקס...

און די גערעכטיגקייט, וואס האט אייך באגלייט אויפ׳ן דארניגן און בלוטיגן וועג צום זיג, וועט אייך פארלאזן, און איר וועט עס נישט מערקן: דערצו זיינען זיגער און הערשער בלינד, און איר וועט זיגער און הערשער זיין. און איר וועט זינקען אין אומגערעכטיגקייט, און איר וועט נישט פילן דעם זומפ אונטער אייערע פיס... פעסט פילט זיך יעדער הערשער, כל זמן ער איז נישט געפאלן...

און געפענגענישן וועט איר בויען פאר די, וואס וועלן אויסשטרעקן די האנט, צו ווייזן אייך דעם אפגרונט, צו וועלכן איר זינקט... און אויסרייסן פון די מיילער וועט איר די צונגען, וואס וועלן אייך ווארענען פאר די, וואס וועלן נאך אייך קומען, אום אייך און אייער אומגערעכטיגקייט צו פארניכטן...

גרויזאם וועט איר פארטיידיגן די גלייכבארעכטי־ונג פון דער סטאדע צום גראז אונטער אירע פיס און צום זאלץ איבער איר קאפ, און אייערע פיינט וועלן זיין: פרייע אינדיווידועז, איבער־מענטשן, געניאלע דערפינדער, פראפעטן, דערלייזער, דיכטער און קינסטלער...

אלץ, וואס עס געשיט, געשיט אין רוים און צייט...

אויפ׳ן פלאץ איז דאס שוין געשעענע, דאס שטאנדהאפטע, פעסטע, און דעריבער: דאס פארגליווערטע און געפרוירענע, דער היינט, וואס דארף און מוז אונטערגיין...

די צייט איז פארענדערונג, זי בייט, אנטוויקלט; זי איז דאס אייביגע אויפשפראצן, אויפבליען, — דער אייביגער מארגן...

און אַז פון אייער „מאָרגן‟, צו וועלכן איר שטרעבט, וועט ווערן „היינט‟, וועט א י ר זיין די פאַרטיידיגער פון „נעכ־טיגן־טאָג‟, פון אָפּגעשטאָרבענעם, פון טויטן... וועט א י ר טרעטן די שפּראָצן פון מאָרגנדיגן טאָג און פאַרטיליגן זיינע בליטן און גיסן שטראָמען קאַלט וואַסער אויף די גייסטן־קעפּ פון נביאות, חלומות און נייע האָפענונגען...

שטאַרבן וויל נישט דער היינטיגער טאָג, בלוט גייט אונטער יעדע זון...

איך וויל, איך האָף צו אייער זיג, נאָר איך שרעק מיך און ציטער פאַר אייער זיג.

איר זייט מיין האָפנונג, איר זייט מיין שרעק.

יעקב דינעזאָן

יעקב דינעזאָן איז מער מאָראַליסט — זיטן־לערער, אַלס קינסטלער, ווייניגסטנס האָט זיך דער קינסטלער אין אים אַנידער־געלאָזט אויף די קני פאַר'ן ליבעראַלן זיטן־לערער, און האָט זיך אים אונטערגעוואָרפן, אונטערגעגעבן, דאַכט זיך — אויף לעבנס־לאַנג!

פריער — הייסט עס — זיי ליבעראַל, גוט און ערליך, דערנאָך ערשט — שיין!

דאָס בילד, די סצענע, דאָס שטיק אָפּגעמאָלט־לעבן איז נישט קיין צוועק פאַר זיך אַליין. — דאָס לעבן האָט אפשר פאַר זיך אַליין קיין תכלית נישט! — דער קינסטלער מוז דעריבער לכל הפחות באַווייזן — אַז איין מענטש דעם צווייטן דאַרף ליב האָבן; אַז איין געשלעכט דאַרף דאָס צווייטע נישט אונ־טערדריקן; אַז פאַלשקייט, אינטריגן, פאַנאַטיזם א. ד. גל. שלעכטע מידות פירן נישט צו קיין גוטס; אַז „אידישקייט" איז נישט דער אבערגלויבן אין צדיקים און זייערע נסים... וכדומה.

צי פאַרקלענערט דאָס דינעזאָנ'ס ווערט?

געוויס נישט. מען דאַרף נאָר קענען וואַרפן אַ ריק־בליק אויפ'ן אידישן לעבן פון פאַר גאָר דער לעצטער צייט... מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען און זיך גוט פאָרשטעלן: דלפנ'קע, קבצנ'סק, זיבן־בלאָטיווקע, ציאַכנאָווקע, און דעם גאַנצן תוהו ובוהו פון אַלטע אידישע „שטעט און שטעטלעך".

איידער עס האָט פון דעם „תוהו ובוהו" זיך געקענט אַרויס־אַרבעטן אַ וועלט, אַ מער אָדער ווייניגער אָרגאַניזירטע, נאָר מיט

אַלערליי פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע, קלאַסן־און מענטשלעכע אינ־טערעסן, אָדער פאַרשטעלונגען פון אַזעלכע; איידער עס האָבן זיך געקאָנט אָפּטיילן די וואַסערן פון אויבן און אונטן; ווי עס איז — אויסגעשטערנט ווערן אַ הימל אין דער הויך, און פרוכטבאַר ווערן אַן ערד אין דער נידער... ווייל דאָס „יונג־וואַרג״ — דער נאָמען פון דער ניי־אויפשטייענדיגער וועלט — האָט נאָך אָפּהענטיג און פאַרמאַטערט געפוילט און איז איינ־פאַך פאַרגאַנגען אין פאַנאַטיש־אונטערדריקענדיגער פינצטער־ניש, — האָט געמוזט פריער עמיץ קומען און זאָגן: „יהי אור!״ — וואַרפן אַ ליכטיג־וואַרימע שטראַל איבער׳ן „חושך על פני תהום״. פריער — ליכט, דערנאָך ערשט וועט מען זען, וואָס צו טאָן...

און אפשר שטעקט דער פעלער גאָר אין דער שפּראַך. אויב די שפּראַך — און אין דעם האָט אין אָנהויב פון דינעזאָנ׳ס אַרויסטרעטן קיינער ניט געצווייפלט, — אויב די שפּראַך איז פאַר זיך אַליין קיין צוועק נישט, ווייל זי האָט קיין צוקונפט נישט — מוז אויך איר ליטעראַטור עקזיסטירן נישט פאַר זיך אַליין, נאָר עמיצן אָדער עפּעס צו דינען... עמיצן אָדער עפּעס צוליב.

ווי עס איז, דעם „יהי אור״ האָט דינעזאָן געזאָגט.

אויב איר ווילט, איז דינעזאָן קיין זון נישט, קיין לבנה און קיין שטערן נישט. די דאַרפן פּיליכט ערשט קומען. ער איז אָבער אויך נישט קיין פאַלש־פלעמל, וואָס הויבט זיך און ציטערט איבער די בלאָטע, אַראָפּצופירן דעם וואַנדערער פון וועג... אויך נישט קיין נידעריג־פליענדיגער ג ל י ־ װ ו אָ ר י ם! ווי אויך קיין פונק, צווישן די לויזע פונקען, וואָס הויבן זיך, און פליען מכלומר׳שט, איבער אַ שמידערייי, און גיבן אַמאָל אַ ליבע סעקונדע דעם אויג, אָבער קיינמאָל גאָר נישט דעם האַרץ. און אויך נישט איינער פון די פונקען, וואָס די ווייטער־לויפנדיגע לעבנס־לאָקאָמאָטיוו וואַרפט אונטער זיך... און קימערט זיך נישט, נישט אום זיי, נישט אום זייער באַגרעבעניש...

אויב איר ווילט, איז דינעזאָן קיין אָדלער נישט. ער

פליט נישט אזוי הויך, ער האָט נישט אזוינע שטאַרקע פליגל און אויך קיין שאַרף אָדלער־אויג, אַרומצוגעמען ווייטערע האָרי־זאָנטן... ער איז אָבער אויך קיין נאַכט־פויגל נישט, וואָס אַנט־לויפט פאַר'ן ערשטן שטראַל פון טאָג, און אויך נישט קיין פּאַפּאַגע פון פרעמדע, נישט איבערגעלעבטע ווערטער...

אַן ערלעכע, געטרייע שוואַלב איז ער, אַן ערליך־געטרייע שוואַלב, וואָס איז גרייט יעדע סעקונדע זיך אויסצורייסן ביז דער לעצטער פעדער אויף דער ברוסט, אונטערצובעטן דעם יונגן געשלעכט, עס זאָל אים װאַרים זיין אין נעסט... וואָס איז געפאַסט יעדער רגע, אויפצורייסן זיך די ברוסט, און אָנקאָר־מען דאָס יונגוואַרג מיט אייגענעם וואַרימען בלוט...

נישט קיין זון, נישט קיין לבנה, נישט קיין שטערן, נאָר אַן אמת־כשר נשמה־לעמפּל, וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט אין פאַרפינצטערטן אָרון־קודש, פון וועלכן מען האָט שוין די ספרים אַרויסגענומען, און עס איז נישט מער געבליבן דערינען, ווי דאָס קדוש־און הבדלה־פלעשל... אַן אמת־כשר נשמה־ליכט, מיט וועלכן ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין טיפסטן תהום אַריין, וואו דער זאָמען פון נייעם לעבן האָט געפוילט, און האָט עס געוועקט צום אויפלעבן, צום בליען און אַרויסבליען איבער'ן תוהו ובוהו...

איבער דער צייט פון פינף־און־צוואַנציגער ליטעראַרישער אַרבעט, האָט דינעזאָן דעם אידישן לעזער נישט פיל נעמען געגעבן: „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", „אַ שטיין אויפ'ן וועג", „הירשעלע" און „יאָסעלע" און אַ פּאָר קליינינקייטן. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געגעבן, האָט דאָס פאָלק גענומען און געלעזן, און איבער און איבערגעלעזן. עס האָט געפילט, אַז דאָס איז זיין, „אַ פלייש פון זיין פלייש, אַ ביין פון זיינע ביינער", און עס איז אין פאָלק, ווי זאַלץ אין וואַסער, צעגאַנגען. עס איז אין זיין בלוט אַריין. קרעפטיגערס וואָלט נאָך זיין מאָגן נישט פאַר־דייט, גרעסערס — זיין מויל נישט פאַרנומען. און קיין טראַ־געדיע האָט נאָך אַזוי פיל טרערן נישט אויסגעפרעסט, אַזוי פיל הערצער נישט צעריסן און פאַרציטערט געמאַכט, ווי דאָס אָרימע,

דערשלאָגענע „יאָסעלע", וואָס רופט זיך אַליין „גנב"; און עס האָט נאָך קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט אַזאַ גערעכטער האַס קעגן אַל־דאָס־בייז און שלעכטס, ווי קעגן „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק", וואָס האָט מיט זיינע אינטריגן אומגעבראַכט אַ פאַמיליע פון אומ־שולדיגע נפשות, און ביז'ן היינטיגן טאָג, קען זיך דער „לעזער" נישט באַרואיגן, נישט וויסנדיג דעם אמת'ן סוף פון שיין־זינ־גענדיגן, ליבן און געטרייען „הערשעלע", וואָס מען האָט נאָר מיט'ן עטאַפּ פון שטאָט אַרויסגעפירט, און מען ווייסט נישט עד־היום: וואו אַהין, און — צי לעבט ער נאָך, און ווי אַזוי?

דינעזאָן איז אַ מאָראַליסט. ער וויל דעם לעזער גוט און ערליך מאַכן. ריין־וואַשן זיין נשמה, קלוג און קלאָר מאַכן זיין קאָפּ. דער קינסטלער האָט זיך דעם זיטן־לערער אונטערגעוואָרפן, און ער נויט זיינע העלדן, זיי זאָלן דערקלערן זייערע געליבטע — כדי דער אידישער לעזער זאָל הערן — וואָס עכט־אידישקייט איז; וואָס גוט און פרום הייסט. און אויך: פון וואַנען עס פאַלט רעגן און שניי, וואָס וואָלקן זיינען; פאַרוואָס איז טיילמאָל דער הימל רויט... נאָר ער קומט נישט אויף כל־ישראל מיט דער בייטש, ווי דער אַלטער משכיל, און שווישטשעט אים נישט איבער די פּלייצעס... ער איז קיין „בייזער מלמד" נישט, און אויך קיין „אַלטער אפיקורוס" מיט'ן אויסגעלאַסענעם געלעכטער נישט! און אויך נישט קיין פּראָקוראָר, וואָס רעכנט אוים דעם באַקלאָגטן דעם „על חטא" מיט אַ שטאָלצן נצחון אָדער פאַר־ביטערטער ענג־האַרציגקייט. ער רעדט ווי אַ ברודער צום ברו־דער, גאַנץ אָפט ווי אַ מוטער צום געליבטן קינד — פון האַרץ צו האַרץ, מיט אַ ליב־האַרציגן טרויער און טרויעריגער ליב־האַרציגקייט... אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט ריידן צו די קראַנקע געטאָ ־ קינדער... דער קינסטלער אין אים קניט פאַר'ן מאָראַליסט, אונטערגעגעבן, אונטערגעוואָרפן. אָבער נישט גע־בונדן און ווי אַ קרבן אויף זיין מזבח פאַרברענט. ער לעבט און אָטעמט. מיר פילן זיין אָטעם. מיר הערן זיין פולס איבער־אַל... שוואַכער ביי די הויפּט־פּערזאָנען, ביי די העלדן, וואָס דער מאָראַליסט הייסט טאָן זיין ווילן און אַרומשוועבן אין דער

לופט, אָן פלייש און ביינער, אוןריידן וועגן השכלה, חכמה, אידישקייט, יהדות און ערלעכקייט... פאַר דאָס אָבער שטאַרקער אין די נעבן־פּערזאָנען, אין די בײַ־מענטשן, פון וועלכע דער מאָראַליסט לאָזט גאַנץ אָפט אַראָפּ זיין אויג, פאַרגעסט אָן זיי, און לאָזט זיי בליען און וואַקסן ביז צום פיינסטן אַרטיזם. — זאָגאַר אין „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק" טרעפט איר די קהל'ישע מומע, אַ קאַבאַליסט, שמעיה דעם בטלן, פּיסקאַלניק דעם מלמד... די אַלטע דינסט אין „אבן נגף", סצענעס פון חסיד'ישן לעבן, בילדער פון בית־המדרש. דאָס פירן איבער'ן מאַרק אַ פאַר־זינדיגט מיידל, און דערגלייכן זאַכן, וואָס רייסן זיך דינעזאָנ'ען פון דער האַנט אַרויס, און לעבן זייער באַזונדער, אייגנאַרטיג לעבן, דעם מאָראַליסט ווי להכעיס...

נאָך 25־יעריגער אַרבעט האָט דינעזאָנ'ס נשמה אַ נייעם פרילינג באַקומען. דער „פריינד" האָט זיך נאָך אַמאָל בליען געמאַכט. אַ נייער ראָמאַן „אַלטערל", מאַסן בילדער און נאָוועלן, יום־טוב'דיגע דערציילונגען... איבערגעבן דינעזאָנ'ס נייע, ווי זיינע אַלטע זאַכן, איז באַשיינפּערליך איבעריג: ער איז דער געלעזענסטער פון צווישן אַלע, דער באַקאַנטסטער צווישן אַלע. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ אידישן לעזער, וואָס זאָל דינעזאָנ'ס זאַכן נישט קענען.

עס קען אונז מאַטערן אָן אַנדער פראַגע:

זיינע לעצטע זאַכן שרייבט דינעזאָן היינט! היינט ווען פון „תוהו ובוהו" איז שוין אַ אידישע וועלט אַרויס, ווען עס האָט אויפגעבליט אַ ניי לעבן מיט ניי ברענענדיגע לעבנס־פראַגן.

צי איז דינעזאָן מיטגעגאַנגען?

ניין! ער האָט זיך נאָר טיפער אַראָפּגעלאָזט... טיפער, פון וואו דער אַלטער „תוהו ובוהו" איז נאָך נישט פאַרשוואונדן געוואָרן; טיפער, צו די נידעריגסטע ספערן און שיכטן פון פאָלק, וואָס קענען אָן אים נישט באַפרייט, נישט אויסגעלייזט ווערן פון דער פויל־פּייכטער פינצטערניש! און דאָרט אונטן זיינען נאָך די מאַסן, דאָס רוב פון פאָלק... די טויזנטער, און צען־טויזנטער נשמות, וואָס בעטן זיך תקון...

אַ גוטער איד האָט אַמאָל פאַרציילט, ווי ער האָט געבלאָנדזשעט צווישן די הרי־חושך, וואו די מענטשן האָבן אין דער אייביגער פינצטערניש כמעט די אויגן פאַרלוירן, ווייל מען האָט נישט מיט זיי וואָס צו טאָן געהאַט; ווייל מען האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיי צו באַנוצן. און וואָס עס ברייננגט קיין נוצן נישט, דאָס ווערט נישט געשפּייזט, דאָס פאַרגייט מיט דער צייט... און דער עולם, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געקאָנט די אויגן באַנוצן, האָט געלעבט מיט די אויערן, ווי די האָזן; מיט'ן חוש־הריח, ווי די הינט, און האָט געקלעטערט אין דער פינצטער פון איין לעבנס־צווייג צו דער צווייטער, ווי אַ פויל־טיר. און אַז עמיצער האָט פאַרציילט, אַז ער האָט פון עלטער־עלטער זיידן, פון דער צייט פון פאַר'ן גלות, צו די הרי־חושך אַ קבלה, אַ מסורה וועגן ליכטיגע טעג, אָדער אַ חלום וועגן ליכטיגן גן־עדן, האָט מען געלאַכט, אָדער געזאָגט: עס האָט אַמאָל געמוזט זיין אַזאַ קרענק, אַזאַ אונטערגאַנג, אַזאַ שגעון אפשר! און די יחידי סגולה, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ זכר פון אַלטע גוטע צייטן, זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן, און זייער גלויבן אָן ליכט, און אָן חלומות פון ליכטיגן גן־עדן, נאָך טיפער אין די הערצער באַהאַלטן. און אַז ער, דער גוטער, האָט אַהין פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער די יחידי סגולה אויפגעזוכט, צוזאַמענגערופן, און געזאָגט: קומט, וועלן מיר זיך צוזאַמען אַרויסאַרבעטן פון דער פינצטערניש, און גיין צום ליכטיגן טאָג, צום ליכטיגן גן־עדן. און מאַנכע, וואָס דער גלויבן האָט אין זיי נאָך פעסט געלעבט, האָבן געפאָלגט און מיט'ן רבי'ן געגאַנגען. געגאַנגען און געגאַנגען. איבער טאָל און איבער בערג, איבער וואַלד און איבער פעלד. אָן ליכט, אָן אַ וועג. איבער שטיינער און איבער דערנער... און צווישן חיות רעות. —

און אויפ'ן וועג זיינען מאַנכע פון די עטלעכע מנינים יחידי־סגולה אָפּגעפאַלן, מיד און אָפּגעשוואַכט, מיט געראַניעטע פיס. האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, און געזאָגט: ווייטער גייען מיר נישט! מיר וועלן עס נישט אויסהאַלטן, דאָ וועלן מיר שטאַרבן, ווייל די גרעניץ פון מענטשלעכן לעבן איז

נעענטער פאַר דער גרעניץ פון דער פינצטערניש! אַנדערע האָבן געשאָלטן פאַר צאָרן, און פאַר צאָרן און ליכט פון גן־עדן גע־לייקנט, נאָך אַנדערע האָבן זיך געבעטן: ווער וועט זיין אונזער ראש, וואָס וועט אונז פירן צוריק?...

און גאַנץ ווייניגע זיינען ווייטער געגאַנגען; קרעכצנדיג, פול מיט ספקות, פול טרויער... נאָר איינער צווישן זיי, דער עלטער־סטער, האָט איבער דער גאַנצער צייט כמעט געהאַלטן זיך ביים רבי'נס גאַרטל. טריט ביי טריט נאָכגעגאַנגען, און האָט קיין איינציגע סעקונדע נישט געצווייפלט, קיין רגע אין כעס אריין נישט געפאַלן, איבער'ן גאַנצן וועג קיין בייז וואָרט נישט גערעדט.

מיט געראַניעטע פיס איז ער געגאַנגען און אין דער פינצטער צום ווייטן ליכט געשמייכלט...

אָבער שפּעטער, אַז דאָס ליכט האָט זיך באַוויזן...

אַז מען האָט פון ווייטן אַ זילבערשווירינגן נעפּל דערזען; און אין מיטן דעם נעפּל — אַ גרויסע, העלע לויטערקייט; און אין מיטן דער לויטערקייט, — אַ שניי־ווייס גדעקטן טיש, מיט גאָלדענע שטולן אַרום טיש; מיט צדיקים, וואָס האָבן געשיינט ווי די זונען, אַרום טיש; מיט די קרוינען אויף די צדיקים'ס קעפּ...

דעמאָלט האָבן די, וואָס האָבן פריער געשאָלטן, געצווייפלט, געוואַקלט זיך, געוואַלט זיך אַראָפּלאָזן און שטאַרבן אין דער פינצטער — אָנהויבן טאַנצן, זינגען, און מיט טאַנץ און געזאַנג לויפן צום ליכט, צו דער העלקייט, צום באַוויזענעם גן־עדן...

— געדאַרפט האָט מען, — האָט דער גוטער איד געזיפצט,— אָנהויבן פליען, זיי האָבן אָבער קיין פליגל נישט געהאַט, זיינען זיי געלאָפן...

אָבער דער אַלטער, דער שטענדיג־צופרידענער, גלייכהאַר־ציגער; דער, וואָס האָט איבער דער גאַנצער צייט, אין דער פינצטערניש, צום ווייטן, געהאַפטן ליכט געשמייכלט, — דער האָט פלוצלונג אָפּגעלאָזט דעם רבי'נס גאַרטל און האָט זיך אָפּ־געשטעלט.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעגט דער גוטער איד, — האָסט דאָך שוין דאָס גן־עדן באַשיינפערליך פאַר ד'אויגן?

— אמת, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — אָבער וואָס וועט זיין מיט יענע?

און ער האָט זיך איבערגעדרייט און געוויזן צו די הרי־חושך... און וויל אָן זיי ווייטער נישט גיין... ער קען אָן זיי נישט גיין, ער מוז גיין צוריק, און זאָגן זיי, וואָס ער האָט געזען... זיי וועלן אים גלויבן... מיט זיי צוזאַמען וועט ער קומען!... ער וועט מיט'ן לעצטן קומען...

און ער איז צוריק געגאַנגען צו די הרי־חושך...

— און דער — האָט דער גוטער איד געזאָגט — איז געווען, אויב נישט דער גרעסטער, על כל פנים — דער בעסטער פון אַלע... יענע האָבן נאָך געקאָנט פאַרבלאָנדזשען...

אין אייראָפּע און ביי אונז הינטער׳ן אויוון

אַז מען רייסט אָפּ דאָס אויג פון׳ם זידנדיגן לעבן אין אייראָ־פּע, און מען וואַרפט אַ בליק צו אונז הינטער׳ן אויוון, האָט מען דאָס געפיל פון אַ רייזנדן, וואָס קומט נאָך שטורעם און וועטער אַהיים אין אַ וואַרימע, שטילע, אַלטפרענקישע שטוב. —

אין דרויסן האָט זיך דער הייליגער הימל צעקריגט מיט דער זינדיגער ערד. דער הימל האָט איינגערונצלט זיין שטערן ווי אַ פּאַרמעט, און עס ציט זיך איבער אים אַ וואָלקן נאָך אַ וואָלקן; אַלע מאָל שווערער, בלייערנער, שוואַרצער און גיסנדיגער! פון דער השגחה׳ס אויג פליט אַ בליץ נאָך אַ בליץ און פון גאָט׳ס האַנט שלאָגט אַ דונער נאָך אַ דונער...

אָט טרעפט ער אין אַן אַלטע שאָפּע אַריין; דאָס האָלץ איז אַזוי דאַר, אַזוי אויסגעעטריקנט געוועזן, אַז מען האָט גע־מיינט, אַז זי וועט די וועלט איבערלעבן, און אָט פלאַקערט זי אויף ווי אַ קין, און פאַלט און ברעכט צוזאַמען; אָט שלענגלען זיך פייערדיגע צונגען צווישן זיילן רויך אַרום אַ ניימאָדישן פּאַלאַץ; פון אים וועט אודאי באַלד קיין זכר נישט בלייבן. און דאָ יאָגט זיך באַרג־אָפּ דאָס שוימענדיג־זידנדיגע וואַסער, יאָגט און שלאָגט מיט אַ כעס און רייסט מיט זיך מיט אַלע שטיינער, פלאָטן און גרעניצן, וואָס שטייען אים אין וועג.

נאָר געלויבט איז גאָט, מיר זיינען שוין אין דער היים. דאָ איז לאַנגווייליג, נאָר שטיל, דושנע נאָר וואַרים — דאָ איז מען זיכער מיט׳ן לעבן...

דאָרט האָט דער דונער געקנאַקט, דאָ קנאַקט אַמאָל אַ

ברענענדיג שייטל האָלץ אין אויוון... דאָרט האָט זיך גערואַכט, אַז גאָט וויל כשר'ן די ערד מיט פייער און איבערשווענקען מיט וואַסער, דאָ זיצט קוים די אַלטע באָבע און פליקט פעדערן... דאָרט פירן הימל און ערד מלחמה, און דאָ שפּאַרן זיך צוויי אַלטע מומעס וואָס עס איז בעסער: גריבענער אָדער געשאָבענער רעטעך...

און זיי זעען גאָר נישט אַזוי שרעקליך אויס! וואָלענע זאָקן אין די הענט, שפּיזלעך אונטער די אויערן, די ברילן פאַר־רוקט אויפ'ן שטערן... וואָס? עס וועט גאָרנישט זיין דערפון.

לעוויאַטאַנען לעבן אין אַ ים; מיקראָבן — אין אַ טראָפּן וואַסער... אינ'ם טראָפּן שלאָגט זיך אָפּ דאָס גאַנצע לעבן נאָר — מיקראָסקאָפּיש קליין און... אַמאָל מיט'ן קאָפּ אַראָפּ.

נאָט אייך פאַקטן:

איירָאָפּע האָט אַריסטאָקראַטן און מיר האָבן אַריסטאָקראַטן, ביידערליי מיוחסים האָבן פיינט די פאָלקס־בילדונג. ביידע זאָגן, אַז דאָס פאָלק דאַרף אַ סך גלויבן און ווייניג וויסן. ביידע זאָגן, אַז שולן און בפרט אוניווערזיטעטן, אַז וויסנשאַפט און בפרט אַן איינפאַך אמת וואָרט אָן אַן איינהיל זיינען אַזוינע שווערע מאכלים, אַז דאָס פאָלק קען זיי נישט פאַרדייען... אַז דערפון פאַרדאַרבט עס זיך דעם מאָגן, שלאָפט אומרואיג און האָט בייזע חלומות... און דאָך איז ווייט פון יענע אַריסטאָקראַטן ביז אונזערע! די אַריסטאָקראַטן, למשל, אין פּרייסן, די „יונקערס", ווי מען רופט זיי דאָרט, זיינען רייכע גוטסבאַזיצער פון אייביגע יאָרן, אַריסטאָ־קראַטן מיט סאַמע ריין בלויליך בלוט; מיט אַ יחוס, וואָס גרייכט אַמאָל ביז די חיות ובהמות אין נח'ס תיבה; זיי געדענקען נאָך די אַלטע גוטע צייטן, ווען לעזן און שרייבן האָט געהערט צו זיי, בפרט רעגירן; אין לאַנד זיינען נאָר געווען צוויי קלאַסן:

אַ קליין ביסל פּריצים, וואָס האָבן געהאַט אַלעס און איבער אַלעס צו שאַפן, און אַ גרויסע מאַסע פּויערים, וואָס האָבן אַ סך געאַרבעט און גאָרנישט געהאַט. דעמאָלט האָבן אונזערע יונקערס געלעבט אַ גוטן טאָג. און אַז דאָס פּויערן־פאָלק האָט עפּעס פאַרלאַנגט, נישט אויף די קני, נישט אין קלויסטער און נישט פון גאָט — האָט מען אים געענטפערט מיט קאַרטעטשן.

נאַטירלעך גייט די יונקערס היינט אויך נישט אַזוי שלעכט; זיי זיינען נאָך עד היום די זיילן, וואָס האַלטן אונטער דעם פּריישישן הימל...

די גרעסטע שטעלן אין לאַנד, אין דער אַדמיניסטראַציע, אין מיליטער און בפרט אין קייזער'ס הויף געהערן צו זיי, און אויסער דעם האָבן זיי נאָך מאַסן גיטער, וואָס זיי האָבן געקראָגן בירושה פון די אַלע גוטע צייטן, און, ליידער, נאָך נישט פאַרטרונקען און פאַרהולטאַיעט...

פאַרוואָס האָט דער פּרייסישער יונקער פיינט די פאָלקסבילדונג? פאַרוואָס קריגט ער הארץ־קלאַפּן פאַר דעם, וואָס ער רופט: „דעמאַגאָגיע"? ווייל ער ווייסט, אַז וואָס קליגער עס וועט זיין דאָס פאָלק, קלענער וועט ווערן זיין פעטער ביסן...

נאָר וואָס פאַראַ אַריסטאָקראַטן האָבן מיר? ווער שרייט אויף אונז, אַז מיר זאָגן צופיל אויס דעם פּראָסטן פאָלק, דעם „המון עם"? ווער איז ביי אונז די זויער־מילך און ווער די סמעטענע? ווער האָט רויט און ווער בלויליך בלוט? דאַכט זיך, אַז אין יעדער קלענסטער רייע פון אידישע דורות, וועט איר געפינען אַלע שטאַפּלען פון דער לייטער, אויף וועלכער אַ אידישע פּוס מעג נאָר טרעטן! איר וועט געפינען אַ פאַקטאָר און אַ רב, אַ רופא און אַ דאָקטאָר, און אַ פּראַצעונטניק און נאָך עפּעס ערגערס, און אַ גביר, און אַ טרעגער... ווער'זשע זיינען אונזערע אַריסטאָקראַטן?

אונזערע אַריסטאָקראַטן זיינען: מלמדים, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט אַ ביסל העברעאישע גראַמאַטיק, אַ בעדער־יונג, וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו לעטערים'עס ראָמאַנטישע געדיכטן,

אַן אויסגעקאָרמעט פאַקטאָריש באַלעבאַטיש־עקסל, וואָס האָט איינגענומען אַ צוואַנציג לעקציעס אַלענדאָרף... אָט די לייט און זייער גלייכן זיינען אונזערע יונקערם! אָט די לייט ווייסן שוין אַזוינע סודות, וואָס מען טאָר דעם פאָלק נישט אויס־זאָגן... אָט, די לייט זאָגן, אַז די זויערמילך, דער המון־עם דאַרף האָבן אַ פּרוכת איבער די אויגן און לאָזן זיך פירן פון זיי!...

אָט דאָס זיינען אונזערע יונקערם אין די פעדערן... וואָס די אַלטע באָבע פליקט!

צי האָט איר געהערט פון לעצטן אייזנבאַן־סטרייק אין אַמע־ריקע? די אַרבעטער און דינער פון דער באַן האָבן געוואָלט אַ גרעסערן לוין, די באַלעבאַטים פון דער באַן האָבן נישט גע־וואָלט געבן. האָבן זיך די אַרבעטער מיישב געווען און אויפ־געהערט צו אַרבעטן... דאָס הייסט אויף זייער לשון — אַ „סטרייק"... דאָס מחלוקת האָט לאַנג געדויערט, די אַרבעטער האָבן פאַר הונגער געמאַכט אַוועריעס, צעבראָכן וואַגאָנען, פאַר־ברענט סטאַנציעס... די באַלעבאַטים האָבן געבעטן הילף ביים פּרעזידענט, מען האָט געשיקט סאָלדאַטן מיט ביקסן... מען האָט געשאָסן, עס איז בלוט פאַרגאָסן געוואָרן... נאָר דאָס איז נאָך אַ קליינינקייט... אין אונזערע צייטן הענגט דער ווערט פון אַ זאַך נישט אָפּ פון'ם בלוט, וואָס זי האָט געקאָסט...

ביי אונז גייען אַלע רעכענונגען, אַלע חשבונות אויף געלט! אויף געלט ווערט געשאַצט די אַרבעט; אויף געלט ווערט געשאַצט הענט און פיס, וואָס מען פאַרלירט ביי דער מאַשין און אַפילו אַ גאַנצער לעבעדיגער מענטש, אויב ער ווערט אַמאָל צעקוועטשט צווישן אירע ציין... בפרט אין אַמעריקע, וואו מען שאַצט אויף געלט אַפילו אַ קוש, וואָס אַ מיידל קריגט אָן איר גוטן ווילן...

אַליץ ווערט באַרעכנט אויף געלט; און אויף געלט איז דער סטרייק ווערט געווען גאָר אַ קליינינקייט: די באַלעבאַטים פון דער אָפּגעשטעלטער באַן האָבן געהאַט אַ היזק פון דריי מיליאָן דאָלאַר, די אויבס־סוחרים אין קאַליפאָרניע, וואָס האָבן די סחורה נישט געקענט פאַרשיקן — 5 מיליאָן דאָלאַר; צוזאַמען

האָבן די קאַפּיטאַליסטן געליטן אויף 8 מיליאָן און דאַגעגן האָבן די אַרבעטער געהאַט אַ היזק פון גאַנצע 10 מיליאָן דאָלאַר!

בכלל איז ווערט געווען דער סטרייק אַן ערך 35,000,000 רובל אונזער געלט!

ביי אונז איז אויך געווען אַ סטרייק... אין קישינעוו... און אַ דאָפּלטער סטרייק... דער בעל טקסא האָט אויפגעהערט צו צאָלן שכירות די דיינים, און די דיינים האָבן אויפגעהערט שאלות צו פסקנ׳ען...

דער סטרייק האָט אודאי געקאָסט, ווי מען זאָגט, „ח״י גדולים מיט אַ קניזש״ און דאָך האָט אַ דיין גע׳חלש׳ט אין מיטן גאַס פאַר הונגער...

„שאלת הפועלים!״ — די אַרבעטער־פראַגע! אין אייראָפּע, אַז אַ באַלעבאַטישער מענטש דערמאָנט זיך אין דער פראַגע, ציטערט אונטער אים העגט און פיס... קיין פרומער איד שרעקט זיך נישט אַזוי אלול פאַר׳ן שופר, און אויף דער עלטער פאַר׳ן קבר מיט׳ן מלאך דומה, ווי דאָרט אַ פאַבריקאַנט פאַר׳ן הונגעריגן אַרבעטער. דער באַלעבאָס ווייסט, אַז דער אַרבעטער איז קיין פּויער נישט און האָט גאָר קיין חשק נישט אויסצופאַסטן זיך דאָס ליכטיגע גן־עדן... אַז ער איז הונגעריג, וויל ער שוין נישט מודה זיין, אַז דאָס האָט אים גאָט היינט קיין ברויט נישט באַשערט, נאָר ער מיינט, אַז דער פאַבריקאַנט האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ... אַז דאָס ווייב ווערט אים קראַנק, אַז די קינדער הויבן אָן הוסטן, זאָגט ער שוין נישט, ווי אַמאָל אין די גוטע, גאָלדענע יאָרן, אַז עס איז אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד, שלאָגט זיך שוין נישט אין הארץ אַריין און לויפט שוין נישט צום שטריימל ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה... אים דאַכט זיך גאָר, אַז זיין דירה איז שולדיג, אַז ער וואוינט אין נאַסן קבר! און עס דאַכט אים, אַז דער פאַבריקאַנט איז אים מחויב אויפצו־שטעלן אַ הויז!... אַז זיין זון מוז צו 10 יאָר גיין אין פאַבריק

אריין ארבעטן, גלויבט ער שוין נישט ווי אַמאָל, אז אַרבעט איז אַ הייליגע זאַך, אַז פּאַר דער אַרבעט צאָלט מען אויף יענער וועלט, נאָר ער איז בייז פּארוואָס האָבן אַנדערע גימנאַזיום און אוניווערזיטעט און דערנאָך אַ גוטע שטעלע... און זיינע קינדער נישט! ער זאָגט נאָך, אַז די פּאַבריקאַנטן קאָנקורירן אויף זיין חשבון, און דריי פערטל סחורה איז זיין שוויים און בלוט...

און אַז עטלעכע מיליאָנען מ י י נ ע ן איז ביטער ווי גאַל!

נאָר דאָס אַלץ איז אין אייראָפּע... ביי אונז איז פון דעם אַלעם קיין זכר נישטאָ. מיר האָבן קיין פאַבריקן נישט, קיין אַרבעטער נישט... מיר קענען, דאַכט זיך, רואיג שלאָפן... און דאָך האָבן מיר אַ קליין „שאלת הפּועלים"ל... אַ קליינס, אַ חנ'עוודיגס... צום קישן!

מיר שטיצן די אַרבעטער אין ארץ ישראל...

טאָג־טעגליך גייען אין „המליץ" נדבות אויף די פּועלים!

און עס איז אַ גוטע זאַך! אויסער וואָס די אַרבעטער וועלן אַמאָל עפּעס האָבן פון'ם געלט, איז דאָס דערוויילֿ די בעסטע רעקלאַמע, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט עס נישט!

עס האָט אַ יונגער שנעק ערגעץ אַ דרשה געהאַלטן און עס וויל קיינער דעריבער אין ציטונג קיין וואָרט נישט שרייבן... שרייבט ער אַליין: „ווייל איך האָב אין האָציפּלאָץ פּאַר די משכילים אין שטאָט אַ דרשה געזאָגט און אַלע זיינען שיר אויס־געגאַנגען — שענק איך 18 גדולים לטובת הפּועלים". דער „המליץ" דרוקט און די וועלט קלינגט מיט'ן נייעם בעל־דרשן.

שאלת הפּועלים איז אפילו אַ סגולה אויף פּראַקסע פאַר אַ יונגן דאָקטאָר; אויב ער האָט נאָר אַ גוטן פריינט, וועט שוין אָן אים דאָס פּובליקום נישט פאַרגעסן...

קוים האָט ער געענדיגט דאָס אוניווערזיטעט, שענקט זיין גוטער פריינט פאַר גרוים פרייד, וואָס דער באַרימטער קאָפּ האָט געענדיגט מעדיצין — ח"י גדולים! האָט ער חתונה — נאָכאַמאָל ח"י גדולים... מאַכט ער אַ ברית — וווייטער ח"י גדולים! פּאַר־

שרייבט ער די ערשטע רעצעפּט עמיצן אויף אַ קאַטאַר — גאָר נייע ח״י גדולים פון דער נאָדל! און אַזויערנאָך קלינגט גאַנץ אייראָפּע מיט׳ן דאָקטאָרל, וואָס, ווען נישט די שאלת הפּועלים, וואָלט ער געמוזט אַרומלויפן אין די גאַסן, שרייען: „אני שלמה!״ און יעדן אַריינשטופּן אין האַנט אַריין די אַדרעס...

אַ ליטעראַט האָט פאַרקויפט — נישט די פעדער, די איז שוין לאַנג פאַרקאַניעט... נאָר זיך אַליין, פאַר עטלעכע רובל נדן! ווער וואָלט געוואוסט דערפון? שאלת הפּועלים! 20 נומערן דורכאַנאַנד ווינשט מען אים, און פאַר יעדן וואונש קריגן די אַרבעטער ח״י גדולים...

און עס וואַקסט פון טאָג צו טאָג!... די גבירה האָט דעם גביר געוואָרפן אַ ראָנדעל אין קאָפּ אַריין: האָט זי געטראָפן, שענקט דער גבירה׳ס מוטער, ד. ה. דעם גביר׳ס שוויגער, ח״י גדולים! האָט זי נישט געטראָפן — שענקט די דינסט, וואָס האָלט מיט׳ן באַלעבאָס, ח״י גדולים! גייט די דינסט אַוועק דיקער ווי זי איז געקומען, שענקט דעם באַלעבאָס׳ס אַ גוטער פריינט ח״י גדולים...

נו, זאָגט אַליין, קען אַזאַ שאלת הפּועלים עמיצן שאַדן?

מען זאָגט, אַז דאָ האָבן מיר אַ סך אָרימע בעלי־מלאכות, אַז פאַר דעם געלט וואָלט מען זיי געקאַנט וואַרשטאַטן מאַכן, ניי־מאַשינען קויפן...

עס קאָן זיין, נאָר מיר קענען נישט אַנדערש, מיר מוזן האָבן אונזער אייגן, היימיש, וואַרים, שטיל שאלת הפּועלים׳ל!

אין אייראָפּע זיינען געוועזן פּאַנאַמאַס און פּאַנאַמינאַס... און גאַנץ אייראָפּע האָט געקאָכט ווי אַ קעסל!

אין פראַנקרייך האָבן מיניסטאָרן גע׳גנב׳עט און געגאַנגען אין קרימינאַל אַריין; אין איטאַליע האָבן סענאַטאָרן געגראַבלט אין דער קאַסע, און גאַנץ איטאַליע האָט געזאָטן! אין שפּאַניע

האָבן אַ סך אַריסטאָקראַטן געהאַט לאַנגע פינגער און מען האָט זיי נישט געשוויגן! אין שיקאַגאָ האָט מען איינגעזעצט אַן עסטרייכישן קאָנסול פאַר געלט־זאַכן; אין ענגלאַנד איז אַריינ־געפאַלן, נעבעך, אַ לאָרד...

אומעטום — סקאַנדאַלן, ערד־ציטערניש!

ביי אונז איז געווען אַ פּאַנאַמינאַלע — און שטיל! שאַ!—

עס האָבן גאַנץ קליינע מענטשעלעך געמאַכט אַ גאַנץ קליין חברה'לע צו קויפן ערד אין ארץ ישראל... קוים טויזנט מענטשן און אין גאַנצן צו הונדערט פראַנק...

מיט דער צייט האָט מען אויסגערעכנט, וועט די ערד וואַקסן און וואַקסן, און יעדערער פון די טויזנט מיטגלידער וועט האָבן זיין אייגענע קאָלאָניע אין ארץ ישראל... וואו אַ שניידער, וואו אַ שוסטער, וואו אַ קבצן, האָט פאַרקויפט דאָס צירונג מיט'ן בעט־געוואַנט, צוגעבאָרגט די רעשט אויף פּראָצענט — און אַריינגעטראָגן הונדערט פראַנק... צו וועמען? מן הסתם צו אַ איד... וואָס האָט מען דאָ צו פרעגן...

אין קורצן האָט מען געקויפט אַ שטיק ערד, מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „עין־זיתים"... און במשך פון אַ יאָר זיינען געפלויגן פון ארץ ישראל בשורות טובות ווי די טויבן, דער כנסת ישראל צום דערקוויקעניש... די אייגענע, וואָס האָבן די חברה צוזאַמענגעשלאָגן, האָבן דעם גאָרטן געפלאַנצט, וויין געבויט... „אונזער וויינגאָרטן — האָט מען געשריבן — וואַקסט פון טאָג צו טאָג, מיט יעדער מינוט וואַקסט זיין ווערט, מענטשן זעען און גלויבן נישט זייערע אייגענע אויגן"... „נאָר אַזוי־נאָך — האָט מען געשריבן, קאָן קומען די גאולה, „נאָר דורך אַזוינע חברות קען מען אויסגעלייזט ווערן פון גלות".

פּלוצלונג איז אָבער דער געזעלשאַפט איינגעפאַלן אַראָפּצו־שיקן אַ מענטש קיין ארץ ישראל, צו באַקוקן עין־זיתים, און עס איז אים פיצטער געוואָרן פאַר די אויגן — שטיינער און ביינער!

די הונדערט טויזנט פראַנק — פיו!

נאָר שטיל! קיין סקאַנדאַלן מאַכט מען נישט! מען האָט

קיינעם נישט אָפּגעגעבן „פּאָד־סוד״... וואָס דען, עס האָט זיך אויסגעוויזן דאָס אייגענע וואָס אין כעלם!

אין כעלם איז אַמאָל פֿארשוואונדן געוואָרן מילך פון א טאָפּ... און קיינער איז נישט שולדיג געוועזן! די קאַץ איז געוועזן גע׳פּגר׳ט, דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע — פליישיג, און פאַר דער דינסט וואָלט דער רב געמעגט שווערן...

אין אונגאַרן איז ערשט נישט לאַנג געוועזן א שטאַרק מחלוקת וועגן חופּה וקדושין. די אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן דאָרט א גרויסע דעה, זאָגן, אַז אין חתונה האָבן שטעקט א גרויסער סוד, א הייליגקייט, א הימל־זאַך, און אַז כאָטש „בת פּלוני לפּלוני״ איז באַשערט און ווערט אויסגערופן נאָך פערציג טאָג איידער גאָט טראַנספּאָרטירט אַרויס די נשמה פון אוצר, מוז איבער יעדן זווג דאָס שטריימל מאַכן א ברכה!... דאָס פּראָסטע פאָלק אָבער זאָגט אַז חתונה האָבן איז א מענטשלעכע זאַך, אַז עס שטעקט דערינען גאָר קיין סודות נישט, און מען דאַרף דערצו נישט מער, נאָר ע ר זאָל וועלן, ז י זאָל וועלן און דאָס מאַגיסטראַט זאָל פאַרשרייבן, אַז זיי האָבן ביידע געוואָלט; כדי מען זאָל וויסן ווער מיט וועמען עס וועט זיך אַמאָל גט׳ן און ווער עס וועט נאָך וועמען נעמען ירושה און קדיש זאָגן...

אין אונגאַרן איז א דאָ א פּאַרלאַמענט, וואו עס זיצן אויסדערוויילטע פון פאָלק, און א הערנהויז, וואו עס זיצן גרויסע הערן — אַריסטאָקראַטן. קיין פּראַווע איז דאָרט נישט גילטיג, ביז זי ווערט נישט אָנגענומען אין פּאַרלאַמענט, באַשטעטיגט אין הערנהויז און דערנאָך ערשט — אונטערגעשריבן פון קייזער. נאַטירליך האָט דער פּאַרלאַמענט געוואָלט, אַז די חתונה זאָל בלייבן א ציוויל־זאַך, נישט קיין הייליגער סוד... נאָר דאָס הערנהויז האָט געוואָלט, און עס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, ביז מען האָט עס נישט געניִיט מיט שטיינער און בלאָטע די אַריסטאָקראַטן אין די קאָטשן אַריין און מיט אויסהאַקן די שויבן. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן און — היינט־מאָרגן וועט דער קייזער אונטערשרייבן דאָס נייע געזעץ, אַז חופּה וקדושין קענען זיך באַגיין אָן דעם שטריימל...

ביי אונז איז אויך עפּעס ענליכם געשען נאָר . . . מיט'ן קאָפּ אראָפּ!

אין אַ געוויסער שטאָט האָבן די „דייטשן", דאָס הייסט אונזער ליבעראַלע, געבילדעטע פּאַרטיי, געוואָלט דורכאויס אריינפירן די חופּה אין שול אריין, גלייך צום אָרון קודש... און די פרומע קלאַס האָט נישט געלאָזט! פאַר דער חופּה — זאָגן זיי — איז גענוג פּלאַץ אויפ'ן בערגל מיסט, אויפ'ן שול־הויף...

זעט איר, פּונקט פאַרקערט ווי אין אונגאַרן!

די פרומע קלאַס איז לייכט צו פאַרשטיין... זיי ווילן בכלל נישט קיין נייעס... דערצו ווייסן זיי, אַז לויט אונזער געזעץ איז גענוג, אַז זי שטעקט אויס אַ פינגער, ער זעצט ארויף אַ פינגערל, וואָס מוז ווערט זיין וויינינגסטנס אַ פּרוטה, און זאָגט „הרי־את"... דערביי דאַרפן, נאַטירליך, זיין עדות, ער זאָל נישט אָפּלייקענען שטיין און ביין; אַ מנין איז נאָך בעסער, נאָר אַזוי ווי יעדער קען צוקומען צום עמוד, אַזוי קאָן יעדערער מקדש זיין...

נאָר וואָס די „דייטשן" ווילן, פאַרוואָס גיט דער ראַבינער חופּה וקדושין דוקא ביים אָרון קודש אין קאָר־שול, איז נישט צו פאַרשטיין...

דאַכט זיך, אַז אין דער קלאַס שטעלן זיך צו דער חופּה: אַ חתן, וואָס האָט שוין קיין האָר און קיין סודות נישט, און אַ כלה, וואָס ווייסט פון פּאַל דע קאָק, זאָלא און אַדערע, אפילו ווי אַזוי מען האָט קיין קינדער נישט, אַז עס האָבן נישט חתונה קיין מענטשן, נאָר צוויי בייטעלעך געלט... וואָס זשע דאַרף מען ד אָ דעם פריידינגער?

נאָר נישט אין דעם גייט אונז...

גענוג, אַז די פראַגע, וואָס האָט אויפגעקאָכט גאַנץ אונגאַרן, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אונזער טראָפּן וואַסער, נאָר מיט'ן קאָפּ אראָפּ!

פונדעסטוועגן מיינט נישט, אַז עס איז גאָר אין גאַנצן שטיל! די פרומע חובבי ציון שלאָגן זיך מיט די ליבעראַלע חובבי ציון... אין וואָס עס גייט, איז שווער צו וויסן פון די הונדערטער פּאַסקווילן, וואָס ווערן צעשיקט אין בריוו אָדער געדרוקט אין צייטונגען... עס מוז דאָך זיין אַן אָרט פראַגע: וואָס עס איז בעסער, געשאָבענער אָדער געריבענער רעטעך?

געדאַנקען איבער ליטעראַטור

אין אַ ליטעראַרישער געזעלשאַפט, ביי אַ פּאָדריאַטשיק. צוליב זיין שיינער פרוי און גרויסאַרטיגן קאַפּע פארזאַמלט, — האָט עמיץ אַ פראַגע געשטעלט: נאָך וואָס שרייבט מען? פאַר־שפּילנדיג ביים קאָרטן־טישל, האָט דער ווירט, אויסדרייענדיג זיין שווערן קאָפּ, מיט די שטענדיג גערויטלטע אויגן, געשריצט, איז צימער אַריינגעוואָרפן: ווער עס קאָן נישט לעבן, שרייבט!

— אָבער — האָט אָנגעהויבן די פרוי ווירטין, בעטנדיג מיט די שיינע, שטענדיג פייכטליך שמאַכטנדיגע אויגן די ליטע־ראַרישע געסט אום פאַרצייאונג פאַר׳ן מאַן, „אָבער —

זי האָט אָבער נישט געענדיגט. אַן אַלטער ליטעראַט, וואָס איז נעבן איר געזעסן, האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער פיין געטאָק־טער, גאַקעטער האַנט: מאַדאַם, די ליטעראַטור איז דאָך נאָר אַ סוראָגאַט פון לעבן, אַ נאָכגעמאַכט לעבן, — ווי ספּאָרט איז דער סוראָגאַט פון אַרבעט...

— געוויס — האָט נאָכגעגעבן אַ יונגער דיכטער, וואָס איז געזעסן ביי דער מאַדאַם פון דער צווייטער זייט, און האָט ערשט נישט לאַנג איר געווידמעט אַ בענדל, מיט בענקשאַפט דורכגעוועבטע געדיכטע אויף װעלין פּאַפּיר — געוויס — האָט ער ווידערהאָלט, און זיין שטימע האָט אָנגעהויבן עטוואָס ציטערן, — „ווען די, צו וועלכער איך בעט, וועלכע איך פאַרהייליג, ווען די...״ און — נאָך אַ קורצער פויזע פון פיל דייטנדיגע אויגן־געשפּרעך, מיט דער רעכטער אין דער שעוועליור און דער לינקער אויפ׳ן האַרץ, האָט ער, אַראָפּבויגנדיג דעם קאָפּ, די אויפגע־

פאַכטע בליצן אין די אויגן צו באַהאַלטן, גענענדיגט: „וואָלט איך מיין הויך ליד געלעבט, געלעבט נישט געזונגען —"

דער אַלטער דיכטער ווערט אומרואיג, וויל זאָגן עטוואָס ביטערס און בייסענדיגס, נאָר דער אינזשעניער, וואָס האָט ביים שפּיל־טישל די קאָרטן טאַסירט און געזאָלט צעטיילן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ שמייכל געזאָגט: איך אַרבעט מיינע אידייען אויס: פּאַלאַצן, באַן־בריקן —

— אָדער איינקינפּטס־הייזער! — מורמלט גיפטיג דער ווירט, — טייל בעסער. —

דער אינזשעניער צעטיילט די קאָרטן; מאַכט עס אומגע־לומפּערט אויפגערעגט.

מאַדאַם לאָזט ווייטער די אויגן אַראָפּ, עפּנט זיי דאָך באַלד, הערט זיך איין צום ווייטערן געשפּרעך צווישן די ליטעראַטן, וועגן געשטעלטן פּראָבלעם. מיט האַלב־אָפּענע ליפּן, גערויטלט געזיכט און גיריג אויפפלאַמענדיגע אויגן שלינגט זי יעדעס וואָרט.

ביים קאָרטן־טישל: פּאַס, פּאַס! דערנאָך — ליציטאַציע און באַלד אַ שטילע נאָכדענקלעכקייט.

אַ סאָציאַל־געפאַרבטער ליטעראַט מיט אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטיען צו די נידעריגע שיכטן און עלעגאַנטע פּרויען פון די העכערע — האָט זיך דערווייל די הענט צעפּירט.

— גיט מיר די קראַפט, די מאַכט — רופט ער לויפנדיג איבער'ן צימער, נאָכגעיאָגט פון דעם מאַדאַם'ס אויגן — גיט מיר די מעגלעכקייט צום שטערן און בויען...

און פּלוצלונג:

— פּאַרדאָן!

ער האָט אָנגעטראָטן אויף דער מאַדאַם'ס שלעפּ. און אַז זי פּאַרצייט אים מיט אַ וואַרימען בליק, געשיקט מיט איין פוס וואַרפנדיג דעם שלעפּ אונטער זיך:

— ווען איך האָב צו שאַפן; ווען די וועלט איז אַ ליים און איך בין סקולפּטור...

און — נאָכאַמאָל: פּאַרדאָן!

ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער טאַץ מיט טיי, וואָס דאָס דינסט־מיידל האָט אַריינגעבראַכט. אָן אויסגעשריי פון מיידל, אַ געקלינגעריי פון פּלאַצנדיגע גלעזער, אַ לענגערער, מעלאָדישער קלונג פון דער געפאַלענער טאַץ, דאָס מיידל וואַרפט זיך, אויפצוהויבן דאָס געפאַלענע, דער יונגער דיכטער מיט דער שעווע־ליור לויפט צו הילף און בויגט זיך איין, — אַ קלאַפּ פון צוויי יונגע שטערנס; בליצן אין דער מאַדאַם׳ס אויג...

דער יונגער דיכטער זעצט זיך שוין אין אַן אַנדערן ווינקל; דאָס מיידל האָט צוזאַמענגעקליבן דאָס געשיר, איז אַרויסגעגאַנגען נאָך אַ פרישע טאַץ און אַ „יונג־מאָדערנער" קלאַרנעטירט דערווייל:

גיט מיר אַ קריסטאָלענעם פּאַלאַץ אין מיטן ים... פּאַווע־פעדערן, פּערל־שנירן, קריסטאַל־געשיר — און לאָזט מיך שווי־מען, אויף אַ מוטער־פּערל שיפל שווימען און קוקן, צעברעך איך מיין פּען...

אַ היסטאָרישער ראָמאַניסט ענטפערט דעם סאָציאַל־געפאַרבטן:

— מיר איז ענג, דאָס לעבן איז אַ געפענגעניש... פליען קענען דער צוקונפט האָט מיר גאָט קיין פליגל נישט געגעבן, אויסטראַכטן מעשה׳לעך קען איך נישט... גיי איך צוריק. די היסטאָריע איז אַ גוטע וועשין; זי האָט די אַלטע צייטן ריין געוואַשן... פון אַלע שאַנד און בלוט־פלעקן און אין די רייע געוואַשענע צייטן לעבן און דיכטן — דאָס איז מיין איינ־ציגע טרייסט...

מען האָט שוין געברענגט פרישע טיי און, הויך זופּנדיג, זאָגט דער ווירט:

— מען שרייבט, ווייל מען וויל עסן...

די מאַדאַם, שוין פון הויכן זופּן דענערווירט, שטויגט.

— פאַלש! — שפּרינגט אויף דער אַלטער ליטעראַט. — מען דרוקט צוליב ברויט — אָבער פריער ווערט געדיכ־טעט, פריער האָט מען שעפערישע אידייען; צו פריע, צו

שטאַרקע, צו הויכע... (מיט אַ גיפטיגן בליק צום אינזשעניער) מען זאָל עס קענען באַלד, אויגנבליקליך אויסבויען... און... און...

ער פאַרהאַקט זיך, די מאַדאַם דריקט אים צערטליך די האַנט...

דער יונגער דיכטער מיט דער שעוועליור לאָזט פון וויטן די אויגן אַראָפּ, באַהאַלטנדיק די צאָרניקע בליקן. —

עס איז איינג אויפ'ן אָרט, וואו דאָס לעבן האָט אונז איינ־געפלאַנצט אָדער וואו עס פירט אונז, ווי אַ באָרייטער אויף אַ קורצער שטריק. און צו קורץ איז אונז די צייט פון אונזער לעבן. וואָס איז די ליניע אָדער דער איינצלנער פונקט אינ'ם אומגעהויערן, אינ'ם נישט־פאַרשטענדלעכן וועלט־בילד? און ווי פאַרשווינדן אונזערע לעבנס־יאָרן אין דער אייביגקייט. אונ־טער זיך — אַן אומגעהויערע פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אונז נישט געקענט, פאַר אונז — אַן אומענדלעכע צוקונפט, וואָס וועט אונז נישט געדענקען.

חלום'ט זיך דער פרומער אַן אייביג לעבן אויס: אַ קורצן גיהנום און — אַן אומענדלעכן גן־עדן, נאָכ'ן איבערקומען דאָס רייניגן אין גיהנום... חלום'ט ער זיך תחית המתים אויס. אויב ער וויל זיך נישט מיט דער זינדיגער ערד געזעגענען אויף אייביג... וויל זיך איינער דאָס לעבן מיט אַ נאָמען פאַרלענגערן, גרעסערע — אַ מאָנומענט פאַרדינען; שטעלט זיך דער עגיפּטי־שער קעניג פּיראַמידן אויף, פאַרהייליגט דער כינעזער זיינע קברים, לאָזן רייכע אייזערנע קאַפּיטאַלן, שטעלן זיך שטאַרקע מצבות פון גראַניט מיט גאָלדענע אותיות — און מען לעבט זיך אַרויס פון דער צייט.

רייזן מענטשן איבער דער וועלט; ווי אַ פּאַנאָראַמע גייען פאַרביי לענדער, שטעט און פעלקער, און מען לעבט זיך פון אָרט אַרויס...

און מיט׳ן לעבן אַליין, אויסער דער קורצקייט און דער ענגשאַפט, מיט׳ן אינהאַלט פון לעבן איז אויך דער מענטש נישט צופרידן, נישט נאָר ברייטער און לענגער, אויך העכער און טיפער וויל ער לעבן. און אָפט — אַנדערש, ער וויל עס פאַרבייטן, טוישן...

אָבער זעלטן ווער עס קען עס טאָן אין דער ווירקלעכקייט... די דריקנדע מערהייט מוז קומען צום בוך, צו דער ליטעראַטור. ניט דער היסטאָרישער די פאַרגאַנגענהייט, די פאַבל — די שענערע, שטראַלנדיגערע צוקונפט; דער ראָמאַן — דאָס היינטיגע לעבן שענער, ערהאַבענער, טיפער...

און מיט דער הילף פון דער ליטעראַטור רייסט זיך דער מענטש פון זיין געפענגעניש אַרויס; קען דער שוסטער דורכלעבן אַ ריטערליך אָדער אַריסטאָקראַטיש פרונק־לעבן... גייט דער שוואַכער האַנט אָן האַנט מיט אַן אלכסנדר מוקדון, דעראָבערן די וועלט. אָדער זיצט מיט אַ נאַפּאָלעאָן אין סאַנקט העלענע און לעבט נאָכאַמאָל איבער וואַטערלאָאָ; ווערט דער אָרימסטער רייך ווי ראָטשילד, און באַשיט די אָרימסטע מיט גאָלד; און דער שטילסטער לעבט דורך די שטאַרקסטע ליידנשאַפטלעכע אָרקאַנען; טויזנטפאַך און רעגנבויגן־פאַרביג ווערט דאָס לעבן. נישט רירנדיג זיך פון אָרט, שטייגט איר אויף די העכסטע בערג, שפּאַצירט איר אין די שענסטע טאָלן, שווימט איבער׳ן צעפלאָסענעם שמאַראַגד פון די שענסטע זעען. אין דער ענגסטער, פינצטערסטער קעלער־שטוב שפּראָצן אויף גערטנער, וואַקסן אויס אַרקאַדן, פאַלאַצן, פּיראַמידן, ספינקסן... מיט׳ן בוך אין דער האַנט שפּאַצירט איר אין לאָנדאָנער נעפּל און הערט דאָס פייפן פון גיגאַנטע מאַשינען; זעט איר דאָס בליצנדיגע, געשמאַקפולע אויסגעלאַסנקייט פון נייעם בבל — פאַריז; טאַנצט איר אויף אַ יאַפּאַנישן בוימער־פעסט, באַרעגנט מיט די ווייסע שמעקעדיגע קירשן־בליטן... אין צווייטן קאַפּיטל האָט איר גלעטשער, שניי־בערג, קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט גאָלדענע מעטשעטן. און פיליכט ווילט איר אַספּאַזיאַ באַוואונדערן? זען ווי קלעאָפּאַטראַ שטאַרבט פון אַ שלאַנגן־ביס, אָדער ווי משה

צעברעכט די לוחות, אָדער אַ באַזוך מאַכן ביי די גריכישע געטער אויפֿ'ן אָלימפּ? און פֿילייכט ווילט איר הערן ווי מחמד פּריידיגט אָדער בודאַ?

אַלץ גיט אייך די ליטעראַטור — די קונסט!

און אָפֿט פֿאַרשטייט דער מענטש זיין אייגן לעבן נישט.

עס ליגן אין זיין טיפֿסטן האַרץ זאָמען פֿון די פֿלאַמנדיגסטע רויזן; ער קען זיי נישט וועקן. עס שטיקן אים טרערן — פּערל; טרוקן איז אים דאָס אויג, ער קען זיי נישט אויסוויינען און זיי ווערן פֿאַרגליווערט, און פֿאַלן צוריק אין האַרץ אַריין, ווי שטיינער. און אין טונקלסטע האַרץ־ווינקעלעך ווילן געפֿילן ווי די בלומען שפּראָצן, און האָבן קיין ליכטיגע שטראַל, און וועלקן, און גיסן זיך איבער אין אַ ווייטאָג אָן אַ נאָמען...

און קומט דער דיכטער — שפּריצט ער טוי אויף די רויזן אין האַרץ און זיי פֿלאַמען אויף, און שטראַלן אויס'ן מענטש'ס אויגן אַרויס, און דופֿטן... מיט זיין צויבער־וואָרט עפֿנט ער די שלייסן און דער זילבער טרערן־שטראָם שפּריצט אַרויס, און לייכט ווערט דאָס האַרץ, פֿון שטיינער באַפֿרייט, און קלאָר שטראַלנדיג ווערן די אויגן, און גליקליך דער מענטש, וואָס האָט אויסוויינט זיין שמערץ. און ער פֿאַרמט די צעפֿלאָסענע נעפּל פֿון האַרציגע געפֿילן, און זיי לעבן אויף. — און טיף, און שיין, און הויך, און פֿול ווערט דאָס לעבן, ווי פֿון דער זון געבענשטע טרויבן.

דער געשיכטלעכער העלד בייט זיך זיין לעבן לויט זיין ווילן; דער וואָרים־מענטש ליגט צופֿרידן אין ערד־גריבעלע, וואו ער ווערט געבוירן און פֿאַרלוירן; דער מערהייט שענקט דער דיכטער דאָס, וואָס די נאַטור האָט זיי פֿאַרזאָגט.

קונסט איז אַ סוראָגאַט פֿון לעבן, נאָר זייער אָפֿט טיפֿער, דערהאַבענער און וואָרער פֿאַר'ן לעבן...

און צוליב דעם לעזט מען.

און אָבוואָל איר פאַרלאַנגט פון ליטעראַרישן קינסטלער דאָס לעבן, די צייט און דאָס אָרט, וואָס איר אַליין האָט נישט, פאַרלאַנגט איר דאָך נישט פון אים, ער זאָל עס געבן אַזוי ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט. אַ'זיסט וואָלט איר אייך באַגנוגנט, וואָס אנבאַלאַנגט דעם אָרט, מיט דער געאָגראַפיע, וואָס באשרייבט אַלע וועלט־טיילן, אַלע לענדער; וואָס גיט אייך אין ציפערן די הויך און דעם פאַרנעם פון בערג, די טיפקייט און דעם לויף־גאַנג פון וואַסערן; וואָס באַשרייבט אייך גענוי אַלץ, וואָס וואַקסט און לעבט אין יעדער געגנט. דאָס אָבער ווירקט אויף אייער פאַרשטאַנד, נישט אויף אייער אויג. איר הערט עס, נאָר איר זעט עס נישט; איר פאַרשטייט עס, נאָר איר קענט עס אייך נישט פאָרשטעלן. און איר פאַרלאַנגט, „עס זאָל אייך שטיין פאַר די אויגן". ריכטיג אָבער פאַרוואָס גענוגט אייך נישט די פאָטאָגראַפיע? ווייל די פאָטאָגראַפיע איז מעכאַניש. איר ווילט נישט זען די זאַכן, ווי דאָס טויטע גלאָז אינ'ם אפּאַראַט זעט עס; איר ווילט זיי זען מיט'ן אויג פון א קינסטלער, באַשטראַלט פון זיין נשמה, באַלעבט מיט זיין גייסט. און דעריבער, ווען איר ווילט די פאַרגאַנגענהייט, גענוגט אייך נישט דער היסטאָריקער, נאָר דער היסטאָרישער ראָמאַן. און ווען איר לעכצט צו דער צוקונפט, נישט אַלס פּאַרטיי־מאַן אָדער פּאָליטיקער, אַז איר ווילט די צוקונפט זען — וועט לעשן אייער דורשט א דיכטערישע פּאַבל (מעשה'לע), און נישט דער אוטאָפּיסט, ווי צום ביישפּיל, בעלאַמי.

און דאָך האָט מען ערשט נישט לאַנג גערופן: רעאַליזם! דאָס לעזער־פּובליקום איז צוגעגאַנגען צום דיכטער, ער זאָל זיי געבן דאָס לעבן ווי עס איז; די ווירקלעכקייט, נישט פאַרשענערט, נישט געענדערט. און אויפ'ן פאַרלאַנג פון גרויסן פּריץ — פּובליקום — האָט די ליטעראַטור אָנגעהויבן פאָטאָגראַפירן. מען איז אַרויפגעקראָכן אויף דעכער און פּיקסירט די גאַס, אָבסערווירט דורכגייענדיגע, געכאַפּט און פאַרצייכנט באַוועגונגען, ווערטער; געשטאַנען הינטער טירן, אונטערגעהערט דורכ'ן שליסל־לאָך וואָס אין שטוב טוט זיך. די אַרבעט איז

געוואָרן אַ מעכאַנישע און פֿון דער קונסט — אַ קונץ — נאָכצומאַכן. עס איז אָבער געווען אַ געוויינליך מיספֿאַרשטענד־ניש. אויב מען דאַרף דיכטן — האָבן די ליטעראַרישע צושטע־לער, ווען דיכטונג איז מאָדע געווען, געמיינט — באַדאַרף מען קיין לאָגיק, קיין נויטווענדיג אַנטוויקלען פֿון אורזאַך און רעזול־טאַט, און וואָס מער אויסגעטראַכט — איז בעסער. און מענטשן האָבן אָנגעהויבן מאָלן איידער זיי האָבן געקאָנט צייכענען; עס איז געוואָרן אַן אויסגוס און צוזאַמענמישונג פֿון פֿאַרבן אָן קאָנטורן, אָן ליניען און פּונקטן. און מען האָט נאָך אָפּט דאָס אַלץ מיט אַ מיסטעריעזן געפֿיל באַדעקט, מען זאָל דאָס, וואָס האָט געפֿעלט, אין נעפּל נישט זוכן. און דעמאָלט האָט דער לעזער, וואָס האָט געוואָלט זען און דורכלעבן, און נישט געהאַט וואָס, געשריען: רעאַליזם! און געמיינט האָט ער: לערנט אייך צייכענען, דאָס היינטיגע, פֿאַרגאַנגענע און צוקינפֿ־טיגע, זאָלט איר צייכענען מיט אַ פֿעסטער האַנט, זאָל אַלץ האָבן זיינע פֿעסטע קאָנטורן.

אָבער זען וויל מען מיט'ן אויג פֿון קינסטלער און דאָס קינסטלער־אויג זעט די ווירקלעכקייט, נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר פֿיל ווירקלעכער, וואָרום ער זעט איר אינערלעכן אינהאַלט, איר באַציִאונג און אָפּהענגיגקייט פֿון דער נשמה פֿון דער וועלט, און מיט דעם וואָס טוט זיך הינטער די קוליסן פֿון דער וועלט אין אָפּהענגיגקייט פֿון זיין קינסטלערישער וועלט־אַנשויאונג.

וואָרום ביי דעם ווירקלעכן קינסטלער גייט דאָס זען און באַשרייבן נישט צוזאַמען. ווי די פֿאַרשיידן־פֿאַרביגע גלעזלעך אין קאַלעידאָסקאָפּ ליגן טיף אין האַרץ ביים דיכטער. אונטער דעם שוועל פֿון באַוואוסטזיניגקייט, פֿאַרשיידענע איינדרוקן, מאָמענטן, און ביי יעדער האַרץ־באַוועגונג ווערן נייע פֿיגורן באַשאַפֿן און דעמאָלט ערשט באַשריבן. ווי אייזן־שטויב ליגן דאָרט די פֿון געהירן פֿאַרגעסענע איינדרוקן, און די קינסטלערישע וועלט־אַנשויאונג איז דער מאַגנעט, וואָס ציט אַרום זיך די איינ־דרוקן אויף אַ געוויסער פֿיגור.

אָבער דאָס נייע קאָן אַרויסשפּראָצן נאָר דעמאָלט, ווען דער

אַלטער זאָמען, וואָס דאַרף זיי אַרויסרופן, פוילט און שטאַרבט; וואָרום דאָס נייע געשפּראָצטע איז נישט ניי באַשאַפן, נאָר דאָס אויפלעבן פון געשטאָרבענעם אין אַ נייער פאָרם.

דאָס מאַטעריאַל פאַר דער קונסט איז די ווירקלעכקייט. יעדער מאָמענט, יעדער איינדרוק באַזונדער — דאָס זיינען די פאַרשיידן־פאַרביגע גלעזלעך; דאָס דיכטערישע האַרץ — דער קאַלעידאָסקאָפּ; די סטרוקטור גיט די וועלט־אָנשויאונג און די שיינקייט זיינען די שטראַלן פון דער דיכטערישער נשמה. אין שיינעם שלאָס זיינען די ציגל מעכאַניש, די סטרוקטור —.טעכ־ניש, דער פּלאַן, אויב ער איז נישט קאָפּירט — דיכטונג.

דאָס דיכטן מוז זיין אָריגינעל, אַ פּערזענלעכע שעפונג. פּאָעזיע איז פּערזענלעכקייט.